STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09206

# BEYNASHMOSHES

Benzion Palepade

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בנציון פאלעפּאדע

# בין השמשות




בוענאָס איירעס

BENZION PALEPADE

# "BEIN HASCHMOSCHES"

## (EN EL OCASO)

BUENOS AIRES
1951

גערווידמעט דעם הייליקן
אָנדענק פון מיין פרוי פאַני

# פאַרוואָרט

צו געפינען אַ טיטל פון אַ בוך איז טיילמאָל אַזוי שווער ווי צו געפינען די אידייע פונעם בוך גופא. אָבער נישט שטענדיק איז עס אַזוי. ווען איך האָב פאַרטראַכט אָנצושרייבן דאָס דאָזיקע בוך, איז דער טיטל געקומען אַליין פון זיך. ער האָט געלעבט אין מיר שוין אַ לענגערע צייט. ער האָט זיך איינגעגעסן אין מיר. פאַרפאָלגט מיך און ניט אָפּגעלאָזט אין די לעצטע טעג פון מיין פרוים לעבן, ווען איך האָב זי פאַרלוירן אויף אייביק, האָב איך נאָך שטאַרקער דערפילט ווי דער דאָזיקער טיטל, צוזאַמען מיטן געדאַנק פון אָנשרייבן דאָס בוך האָט מיך איבערגעפולט אינגאַנצן. די פאַטאַלע שעה פון דעמער, דער „בין־השמשות" איז מיין טאָגטעגלעכע ווירקלעכקייט זינט דאַן, און אין דעם פאַקט שטעקט דער שורש פון דעם דאָזיקן בוך מיינעם.

דאָס מיינט ניט צו זאָגן, אַז איך האָב ניט מער קיין שום ליטעראַרישע פּראָיעקטן, אָ ניין. דאָס מיינט בלויז, אַז איך פיל אַז איך מוז אָפּצאָלן אַ חוב מיין פרוי, אַז קודם כל מוז איך מיט עפּעס איר אָפּדאַנקען און פאַראייביקן איר אָנדענק. ווען דער טייערער מענטש לעבט פילט מען ניט אַזוי פיל וויפל מען איז אים שולדיק. אָבער ווען ער גייט אַוועק פון אונדז, דערפילן מיר אונדזער חוב, און עס ווילט זיך אָפּצאָלן די חובות, און איך זע אַז קיין בעסערער אופן פון אָפּצאָלן כאָטש טיילוויז דעם חוב וואָס איך בין שולדיק מיין פאַרשטאָרבענער פרוי, ווי ווידמען איר מיינס אַ ווערק איז נישטא פאַראַנען. איך וויל מיך דעריבער צואיילן. איך ווייס ניט, צי וועל איך נאָך זיין בכוח אַן אַנדער בוך אָנצושרייבן, און טאָקע דערפאַר ווייל איך ווייס ניט צי איז ניט אַמאָל דאָס דאָזיקע בוך דאָס לעצטע ווערק מיינס, האָב איך באַשלאָסן קודם כל אָנצושרייבן דאָס בוך, וואָס זאָל זיין געווידמעט מיין פרוי. אַזוי אַרום איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק פון אָנשרייבן דאָס בוך „בין־השמשות" געווידמעט פאַני רייבער ע"ה.

יאָ, דער נאָמען פונעם בוך האָט זיין שורש אין דער שטימונג וואָס באַהערשט מיך שוין זינט אַ לענגערע צייט, אָבער נישט נאָר דער נאָ־

מען, אויך דער אינהאַלט פונעם בוך איז נישט סתם קיין אויסגעטראַכטער. איך האָב געשריבן אַ פאַרקוקטער אין דער פאַרגאַנגענהייט, געווענדעט מיינע אויגן צו די איבערלעבונגען פון אַמאָל און באַמיט זיך נישט אויסצוטראַכטן גאָרנישט, נייערט ברענגען דעם לייענער צו יענע יאָרן וואָס זיינען פאַרגאַנגען, און וועלכע איך זע זיי אַזוי שטאַרק.

יעדע זאַך, וואָס אַ דענקענדיקער מענטש זעט איז באַלערנדיק. לערנען קאָן מען אַפילו פון יעדער נישטיקער זאַך, ווי קליין און נישטיק זי זאָל זיך אונדז נישט אויסווייזן צו זיין. עס ווענדט זיך נאָר דערין ווי אַזוי מען זעט, און צי איז מען אימשטאַנד צו זען און דערזען. טיילמאָל זעען מיר, ווייל מיר ווילן זען, און טיילמאָל צווינגט אונדז די לאַגע אָדער די אומשטענדן צו זען זאַכן, וואָס מיר וואָלטן אין אַנדערע באַדינגונגען גלייכגילטיק פאַרבייגעגאַנגען און ניט באַמערקט, אָבער דער ערשטער באַדינג איז צו קענען דערזען. געוויי אַזוי איז עס מיט פילן. פאַראַן מענטשן וואָס זענען ניט פעאיק צו דערפילן די גרעסטע טראַגעדיעס, און פאַראַן אַזעלכע וואָס דערפילן די קלענסטע ענדערונג אין דער מענטשלעכער שטימונג.

פון אָט די צוויי זאַכן, פון אָט די צוויי פשוטע מענטשלעכע חושים באַשטייט אַ שרייבער. פאַרמאָגנדיק אָט די צוויי עלעמענטן, וועלכע ווערן ביי אים אויסגעשאַרפט און אויסגעאיידלט, קאָן ער ערשט זיך פאַרמעסטן אָנצושרייבן אַ בוך, וואָס זאָל האָבן עפעס אַ ווערט. דער שרייבער דאַרף אַלזאָ זיך באַמיען צו מאַכן אָט די צוויי חושים וואָס מער פילבאַרער און דעמאָלט, נישט וויכטיק צי דער מאָסשטאַב איז קליין צי גרויס, קאָן ער ערשט צוטרעטן צו פורעמען זיין שאַפונג, און האָפן אַז עס וועט זיין נוצלעך. ער קאָן אויך האָפן, אַז אויב זיין בוך וועט אַריינפאַלן אין די הענט פון אַ לייענער, וואָס קען לייענען צווישן די שורות אויך, וועט אָט דער לייענער אויך קאָנען דערפילן און דערזען דאָס זעלביקע, וואָס ער, דער שרייבער, האָט געזען און געפילט, בשעת ער האָט דאָס בוך געשריבן, און אַז ער דער לייענער טאַקע, וועט קאָנען אָפשאַצן די וויכטיקייט פון דעם שרייבערס אַרבעט.

אויב די דאָזיקע כללים זענען חל אויף יעדער ליטעראַרישער אַרבעט, זענען זיי נאָכמער חל ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ ווערק וואָס איז געווידמעט אַ געוויסער פעריאָד, נאָך בפרט ווען דער שרייבער האָט די דאָזיקע פעריאָד געזען פון דער נאָענט במשך פון צענדליקער יאָרן.

מיין הויפט באַגער ביים איבערגעבן דאָס דאָזיקע בוך דעם לייענער, איז צו זיין אויפריכטיק, איך שרייב אין דעם דאָזיקן בוך אַזעלכע אמתן וואָס נישט איין מענטש וואָלט זיי גערן אויסבאַהאַלטן, אַרויסגעריסן דאָס בלעטל פון זיין לעבנסבוך אַרויס און מיטגענומען מיט זיך ביים סוף אין

קבר אריין. אָבער איך מיין אַז די אויפריכטיקייט גייט מיטן קאָפּ אין דער הויך און קוקט יעדן גלייך אין די אויגן אַריין, און די פּחדנות דאַקעגן איז שעמעוודיק און עס איז נישט פאַראַן קיין גרעסע פּחדנות ווי פאַר־שלייערן די ווירקלעכקייט.

שרייבנדיק האָב איך געקוקט אין מיין פאַרגאַנגענהייט, און איך וויל די דאָזיקע פאַרגאַנגענהייט באַשרייבן מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט. דאָס און דאָס האָב איך געטאָן, די און די פעלערן צי גוטע זאַכן בין איך באַגאַנגען. איצט ווען איך בין מער דערפאַרן, ווען איך האָב פון לעבן שוין אַזוי פיל געלערנט, קאָן איך ערשט וויסן וואָס עס איז גוט און וואָס ניט, וואָס עס איז מענטשלעך און וואָס ניט. איך שרעק זיך ניט פאַר קיי־נעמס משפּט, ווייל יעדער מענטש, ווען ער קוקט אין זיין עבר, בעסערט זיך פון זיך אַליין און די שלעכטע מעשים זיינע בלייבן ניט מער ווי בייזע עפּיזאָדן פון דער פאַרגאַנגענהייט.

דער עיקר אָבער וואָס איך בין אויסן מיט דעם דאָזיקן בוך, איז ווי איך האָב שוין דאָס באַטאָנט, אָפּצאָלן דעם חוב וואָס איך בין שולדיק גע־בליבן מיין פרוי, פאַני רייבער, און פאַרגיטיקן מיט אַט דער ווידמונג פאַר דעם „פאַרברעכן" וואָס איך בין קעגן איר באַגאַנגען. אַט דעם דאָזיקן „פאַרברעכן" מיינעם באַשרייב איך אין אַט דעם בוך.

איך בין זיכער, אַז אונדזערע קריטיקער, וועלכע האָבן נאָך אַליין ניט איבערראַשט די וועלט מיט גאָרניט, וועלן ניט געפינען פאַר ווירדיק איינצוטונקען זייערע „קינסטלערישע פעדערס" און מיט אַ פּאָר שורות כאָטש דערמאָנען מיך און מיין פאַרמעסט, כאָטש איך פאַרלאַנג נישט פון זיי קיין לויב־ווערטער. איך וואָלט זיך געפילט געשמייכלט אַפילו ווען מען זאָל מיינע ווערק אַראָפּרייסן אָדער אָנווייזן פעלערן. וואָס עס טוט מיר ווי איז דאָס איגנאָרירן אינגאַנצן מיינע פאַרמעסטן.

איך טראַכט טיילמאָל פאַרוואָס עס געשעט אַזוי. מיינע ביז איצטיקע שאַפונגען זענען צוגענגלעך פאַרן פאָלקס־מענטש, אָבער זיי זענען נישט קיין שונד. אַלנפאַלס האָב איך זיך באַמיט, אַז זיי זאָלן ניט טראָגן דעם כאַראַקטער פון שונד. אָבער אַפילו ווען זיי זאָלן זיין דאָס וואָס מען רופט אָן שונד, וואָלט מען עס אויך ניט געדאַרפט פאַרשווייגן און איגנאָרירן אינגאַנצן. צי האָט דען נישט שמ"ר שייקאָוויטש אויך זיינע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער ליטעראַטור? צי האָט ער דען נישט מיט זיינע ראָמאַ־נען צוגעצויגן מער לייענער, וואָס האָבן אָנגעהויבן זיך אינטערעסירן מיט אַ יידיש ביכל? ערשט האַלט איך, אַז מיינע ביז איצטיקע שאַפונגען זענען לגמרי נישט קיין שונד, און איך בין גרייט אויפצונעמען קריטיק.

מיט דעם ענין „שונד", מיטן געשריי פון די „ליטעראַרישע שומרים" האָב איך זיך שוין פון לאַנג אָנגעטראָפן אויפן געביט פון טעאַטער, אַזוי

אַז דער דאָזיקער פּראָבלעם איז פאַר מיר קיין נייעס נישט. מיין גאַנץ לעבן בין איך געווען טעטיק אויף דער בינע אַלס אַקטיאָר, און פון שטענדיק אָן האָבן רעצענזענטן געהאַט טענות צו אונדז, צו די יידישע אַקטיאָרן, אַז מיר פּראָדוצירן אָדער מיר העלפן פּראָדוצירן שונד. דאָס איז זיכער געווען אַן אומרעכט פון זייער זייט, ווייל זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט געפּרוווט שטעלן אין אונדזער לאַגע. זיי האָבן קיינמאָל נישט געפילט דעם טעם פון אַ באַוווסטזיניקן אַקטיאָר, ווען ער האָט געמוזט קייען די „שונד־פּראָזע" וואָס די אַמעריקאַנער „סטאַרלעך" פלעגן מיט זיך מיטברענגען אין די פּיעסן וואָס זענען פאַבריצירט געוואָרן אין דער גאָלדענער מדינה.

איך פּערזענלעך האָב אויך שטענדיק זייער פיל געליטן דערפון. איך האָב בפירוש פיינט געהאַט נישט נאָר די פּיעסן מיט אָט דער פּראָזע, נאָר אויך די פּראָדוצירער פון אָט די מאַכערייקעס, די אַזוי גערופענע „סטאַרן". אַז איך פלעג אָנקוקן אַזאַ מין פריש אָנגעקומענעם „גאַסט", האָב איך געזען אין אים אַ פאַרשטייער פון אַ פאַרשונדרעוועטער וועלט, און איך פלעג פאַרשעלטן דעם טאָג ווען איך בין געוואָרן אַן אַקטיאָר. אָבער וואָס האָב איך צי אַנדערע ווי איך געקאָנט טון דערצו? — גאָרנישט. די אומשטענדן זיינען געווען אַזעלכע, אַז מען איז געווען אָנגעוויזן אויפן „ברויט־געבער". מען האָט מורא געהאַט פאַרן מאָרגן, און צוליב פּרנסה האָט מען ווייטער געמוזט טאָפּטשען אין דער בלאָטע.

נאָך אַלס יונגע ענטוזיאַסטן פלעגן מיר זיך שטענדיק פילן זינדיק און שולדיק, ווען מיר האָבן געלייענט אויף די שפּאַלטן פון די צייטונגען די טענות און פאַרוואורפן אויף אונדזער חשבון. אָבער מיר האָבן נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. מיר האָבן אַפילו זיך נישט געפּרוווט פאַרטיידיקן, נישט געפּרוווט ברענגען פאַר דער עפנטלעכקייט די גערעכטע מאָטיוון אונדזערע.

און דאָך האָבן אויך יענע פּיעסן געהאַט געוויסע פאַרדינסטן פאַרן יידישן טעאַטער. אַדאַנק זיי איז דאָס יידישע טעאַטער אויפגעהאַלטן געוואָרן. עס האָט שטענדיק געפעלט רעפּערטואַר צום שפּילן. אַחוץ גאָרדינען האָבן זייער ווייניק פּראָדוקטיווע יידישע דראַמאַטורגן זיך באַוויזן אויף דער טעאַטער־אַרענע, כאָטש עס זענען געווען פיל פּרוון אין דער ריכטונג. אַפילו דער אָפּגעהיטענער בן־עמי, וואָס איז געווען אַן אמתער מאַרטירער אויף דעם געביט, האָט געמוזט אָנקומען צו איבערזעצונגען פון נישט־יידישע שרייבער. יידישע פּיעסן פון יידישע מחברים און פון יידישן לעבן, איך מיין גוטע יידישע פּיעסן, זענען געווען ווייניק, און איך האַלט, אַז יידיש טעאַטער דאַרף זיך שטיצן הויפּטזעכלעך אויף יידישע

פּיעסן, און אַזוי ווי גוטע יידישע פּיעסן האָבן אויסגעפּעלט, האָט דעם בלויז אויסגעפּילט שונד.

אַנטקעגן וואָס בין איך צו די רייד געקומען? — אַנטקעגן אָט די קרי־טיקער, וואָס ווייסן נאָר צו קריטיקירן אָבער דרינגען נישט אַריין אין תוך פונעם פּראָבלעם. אָדער מען זוכט פעלערן, אָדער מען פאַרשווייגט אינ־גאַנצן, אָדער עס ווילט זיך זיי נישט אַריינדרינגען אין פּראָבלעם און ווייזן ווי אַזוי אויסצומיידן די פעלערן און פאַרבעסערן די לאַגע.

איך פּערזענלעך האַלט מיך בכלל ניט פאַר קיין שרייבער. איך בין, אַזוי צו זאָגן, אַן אַמאַטאָר אויף דעם געביט. אין יאָר 1930 האָב איך זיך דאָס ערשטע מאָל פאַרמאָסטן אָנצושרייבן מיינע זכרונות און זיי פאַר־עפנטלעכט אין דער פּרעסע.

דעמאָלט האָט זיך גראד יאָ געפינען אַ רעצענזענט וואָס האָט וועגן מיין אַרבעט זיך אָפּגערופן מיט אַ גרעסערער רעצענזיע. די זכרונות מיינע האָבן דעמאָלט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַ גרויסער צאָל לייע־נער, און עס איז געווען אומעגלעך דאָס צו פאַרשווייגן. אָבער מיט וואָס האָב איך זיך איצט אַזוי פאַרזינדיקט, אַז מען זאָל מיך אינגאַנצן איגנאָ־רירן? איך האַלט אַז אויך די שפּעטערדיקע ביכער מיינע פאַרדינען אַ גרויסע אויפמערקזאַמקייט. און אויב זיי האָבן פעלערן, מיינט עס נאָך נישט, אַז זיי האָבן לגמרי קיין נוצן נישט געבראַכט.

איך ווייס אָבער אַז מיינע ביכער האָבן אַ גרויסע צאָל אָנהענגער. מיינע לייענער ווייסן ווי אַזוי אָפּצושאַצן מיין אַרבעט. און דאָס גיט מיר צו מוט. איך דערלאַנג איצט אייך, מיינע ליבע לייענער, דאָס בוך „ביך־השמשות". קאָן זיין אַז עס איז אויך נישט פריי פון פעלערן, אָבער איך גלייב אַז עס האָט אויך מעלות.

מיר זעלבסט אָבער איז דאָס דאָזיקע בוך באַזונדער טייער, ווייל דערמיט וויל איך פאַראייביקן דעם אָנדענק פון מיין אומפאַרגעסלעכער פרוי פאַני רייבער.

דער מחבר.



I

געהייסן האָט דאָס שטעטעלע אויף רוסיש אַלגאָפּאָל, אָבער יידן האָבן עס געררופן אַלאַפּאַליע. אַ שטעטעלע אַ קליינס, אַ פאַרוואָרפנס ערגעץ אין פּאָדאָליער גובערניע, אָבער אַ יידישס און אַז מע שמועסט יידיש — איז דאָך נישט שייך, טאַקע אינגאַנצן יידיש. מיט ליכט האָט מען באַדאַרפט צו זוכן אַ גוי, און קיין אַנדער לשון ווי יידיש האָט מען אין גאַס נישט גע־קאָנט הערן. און צוריקגעשמועסט, פון וועמען זאָל מען דאָס הערן אַן אַנדער לשון, אַז אַפילו די איינצלנע גויים וואָס האָבן שוין יאָ געוווינט אין שטעטעלע האָבן אויך שוין גערעדט יידיש, ווייל זיי פלעגן זיין אָפטע איינגייער אין יידישע שטיבער, און זייער פרנסה איז באַשטאַנען דערין, וואָס שבת פלעגן זיי ביי אַ יידן איינהייצן די הרובע, אָדער אָנצינדן אַ ליכט, און דערפאַר פלעגן זיי באַקומען אַ כוסה מיט אַ שטיקל קוילעטש.

כדי נישט מגזם צו זיין, דאַרף מען צוגעבן אַז פאַרט האָבן אין שטעטל יאָ געלעבט אַ שפּאָר ביסל גויים, אלא וואָס? זיי האָבן זיך נישט אָנגעזען. געוווינט האָבן זיי מער אַרום דעם שטעטל, ווי אין שטעטל גופא, אָבער דער סאַמע צענטער פון שטעטל איז געווען פאַרנומען פון סאַמע יידן, און אַז אַ גוי איז אָנגעקומען האָט מען אים שוין נישט געקאָנט באַמערקן.

אין צענטער האָט זיך אויך געפונען דער בולוואַר, אַן אמתער בול־וואַר מיט בוימער און מיט בענק. די בוימער זיינען טאַקע געווען פאַרלאָזט מיט אָפּגעהאַקטע צווייגן, און די בענק צעקלאַפּט און צעשניטן מיט פע־נע־מעסערלעך, אָבער פאָרט איז עס געווען אַ בולוואַר, אַן אָרט הייסט עס, וו מען האָט געקאָנט כאַפּן אַביסל פרישע לופט. און נישט ווייט פון דאָרטן איז געשטאַנען די שיל, אַ מקום־קדוש אויסגעבויט פון רויטע ציגל מיט אַ בלעכערנעם דאַך וואָס איז געווען אָפּגעפאַרבט אויף גרין.

נישט ווייט פון דער שיל איז געווען דער מאַרק, אַ מאַרק אַ ברייטער און רחבותדיקער, וואָס פלעגט אַלע אינדערפרי און ספּעציעל אין יאַריד־טעג פאַרפלייצט ווערן פון מחנות פויערים און פויערטעס פון די אַרומיקע דערפער. דאָס פויערים־פאָלק פלעגט אָנקומען אויף פורלעך און אָנברענ־גען אין שטעטל אַריין פון כל־טוב, פרוכט און גרינצייג, עופות, אייער, צי־

בעלעס, קנאבל און אפילו כריין, אז יידן זאלן האבן מיט וואס צו עסן די געפילטע פיש זייערע.

דאס ביסל פויערישע פורלעך פלעגן באלד ביים אנקומען פארטרונקען ווערן אין דעם יידישן ים. יידעלעך פלעגן זוכן און גראבלען זיך אין די שטרויענע באהעלטענישן, ווו די גויים האבן געהאלטן זייערע סחורות. מען האט באטאפט די הינער, באקוקט די גרינצייג, געדונגען זיך מיט דער פרייז, ארומגעלאפן, געמסחרט, געקויפט און פארקויפט.

דער בולוואר ווידער האט געהערט צו די קינדער. יידישע קינדערלעך האבן אויף אט דעם בולוואר געהאט זייערע אן אייגענע מדינה. קיינער האט זיך צו זיין דארטן נישט ארייגעמישט, קיינעם איז נישט אנגעגאנגען וואס די קינדער טוען דארטן. איז טאקע געווען יום-טוב אינדערוואכן און ווייסע-חברהניקעס האבן געטאן וואס זייער הארץ האט געגלוסט. האט מען געשפילט טאקע אויפן בולוואר אין אלע שפילן. אבער די באליבטסטע שפיל זיינען געווען „מלחמות". און אויב שוין יא מלחמה — איז עס געווען טאקע א מלחמה: מען האט זיך געממיתט און געשלאגן נישט איינמאל ביז בלוט טאקע. און אויב מען האט קיין רחמנות נישט געהאט אויף זיך אליין, נישט געזשאלעוועט איינער דעם אנדערן א בייל אין שטערן, הייגט קאן מען זיך שוין פארשטעלן וואס פאר א סוף עס האבן געהאט די בוימער און בענק פונעם בולוואר. מען האט געהאקט און געבראקט, אויסגעריסן גאנצע שטיקער פון די בענק, געבראכן צווייגן פון די בוימער, געשפרונגען ארויף און אראפ. געמאכט פון אלץ א תל-עולם און פטור. אז קיינער האט זיך גארנישט איינגעשטעלט זיי א דעה צו זאגן. ווייל מען האט געוווסט אין שטעטל, אז פונקט אזוי ווי די שיל געהער צו די מתפללים, אזוי געהער דער בולוואר צו די קונדסים, וואס האבן דארט אלע „פראווען" צו טון אלץ וואס זיי פאלט נאר איין. האט זיך טאקע קיינער נישט געמישט, און אויב עמעצער איז שוין יא צוגעקומען זיי מוסר זאגן איז עס געווען דער שטאטישער „סטראזשניק" (פאליציסט). אבער ווער האט פאר אים מורא געהאט, אז געוועדט האט ער אויך יידיש, און געזאגט האט מען אויף אים אז ר'איז א ייד, הייגט ווער האט עס מורא פאר א יידן אפילו אויב ר'איז שוין א סטראזשניק? פלעגט ער, דער סטראזשניק טאקע, זיך ריידן זיינס, און די קינדערלעך האבן זיך געטאן זייערס. ער פלעגט פון זיך ארויסריידן די גאל, און זיי פלעגן אים הערן ווי המן דעם גראגער.

אזוי איז זיך געפלאסן שטיל און רואיק דאס לעבן אין אלאפאליע. יידן

האָבן געקינדלט, געמסחרט, הנאה געהאַט פון גאָטס וועלטל, איי, ס'האָט אויסגעפעלט אַביסל פרנסה, נו, מילא, אַלץ צוזאַמען קאָן דאָך נישט זיין...

אין אָט דעם שטעטעלע, אין גאַט-געבענטשטן אַלאַפּאַליע, האָט געוווינט אַ ייד, וואָס האָט געהייסן נחמן רייבער, אָדער ווי מען האָט אים גערופן — נחמן דער יאַריד-סוחר. לויט דעם נאָמען אַליין קאָן מען שוין וויסן מיט וואָס דער ייד האָט זיך פאַרנומען. זיין פרנסה איז טאַקע באַשטאַנען אין אַרומפאָרן אויף די יאַרידים און מסחרן דאָ אין דעם שטעטל און דאָרט אין אַ צווייטן, אַזוי אַז זעלטן ווען ער איז געווען אין דער היים, און קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרברענגען אַ לענגערע צייט ביי זיך אין שטוב. אָט די שטוב זיינע איז געווען זיין שטאָלץ, ווייל האָבן אַן אייגענע שטוב האָט אים צוגעגעבן חשיבות און ער האָט זיך געפילט טאַקע ווי אַ שטיקל שטאָט-באַלעבאָס. געווען איז אָט די שטוב טאַקע נישט מער ווי אַ ליימענע הייזקע, מיט אַ שטרויענעם דאַך, אָבער דאָך אַ גאַנץ ווילע שטוב און די הויפּטזאַך — אַן אייגענע. אויסער דעם וואָס ער האָט געהאַט וווּ צו וווינען, אַ דאַך איבערן קאָפּ פאַר זיך און פאַר זיין הויזגעזינט, האָט אים נאָך די דאָזיקע שטוב היפּשלעך צוגעהאָלפן צו פרנסה, ווייל דער שכן זיינער, וועמען ער האָט פאַרדונגען איין סאַליע, האָט אים געצאָלט גאַנצע זעכציק רובל אַ יאָר דירה-געלט, און דאָס איז פאַרט קיין קלייניקייט נישט געווען.

דער שכן, זשמורעק דער שניידער, האָט טאַקע פאַרנומען די שענסטע סאַליע פון דער שטוב, אָבער וואָס קאָן מען טאָן? זעכציק רובל אַ יאָר איז נישט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט.

ר' נחמנס ווייב, חיה-שרה און די עלטערע קינדער זיינע, זענען טאַקע נישט איבעריק צופרידן געווען, וואָס מען האָט פאַרדונגען זשמורעקן אָט די סאַליע, און זיי פלעגן אָפטמאָל האָבן טענות צו ר' נחמנען הלמאי ער האָט דאָס געטאָן. אָבער ר' נחמן פלעגט זיי ענטפערן:

— ס'טייטש? ער צאָלט דאָך עפּעס אַ הרודע מיט גאָלד דירה-געלט. און צוריקגעשמועסט — וואָס איז? מיר האָבן דען פאַר אונדזערטוועגן אַ שלעכטע דירה?

— אוי, ס'איז נישטאָ ווער ס'זאָל לאַכן, כ'לעבן — פלעגט חיה-שרה ענטפערן אים מיט אַ בייסיק געלעכטערל — אַ דירה, מ'שטיינסגעזאָגט, קוק נאָר אָן די סאַליע אונדזערע, מיט דעם הילצערנעם סטאָלב אין דער מיט...

— וואָס רעדסטו, יידענע? — פלעגט ר' נחמן תמימותדיק און מי-

כלומרשט בייז זיך ווײַצלען — וואָס האָסטו עפּעס צום סטאַלב? ווען נישט אַט דער סטאַלב וואָלט דאָך אונדז די סטעליע געפאַלן אין קאָפּ אַריין!...

די קינדער האָבן דעמאָלט שוין גענאַנט זיך איינהאַלטן און אין דער ליימענער הייזקע האָט הויך אָפּגעקלונגען זייער האַרציק געלעכטער. אַפילו חיה־שרה אַליין האָט זיך שוין אויך מיט די לעצטע כוחות זיך איינגעהאַלטן כדי זיך נישט צו צעלאַכן גלייך מיט זיי, אָבער זי איז זיך גובר געווען און געשוויגן, און בלויז אַ פאַרשנורעוועט שמייכעלע האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט אויף אירע מויל־ווינקעלעך.

— נו, און דאָס אַלקערל רעכנסטו שוין גאָרנישט אַריין אינעם חשבון?

— האָט ר׳ נחמן ווייטער געפרעגט — ווען ניט אַט דאָס אַלקערל טאַקע, ווו וואָלטן געשלאָפן מיין מאַמע מיט פייגע־גיטעלען?

ער האָט ווידעראַמאָל געכאַפּט אַ בליק אויפן סטאַלב, באַקוקט אים פון אַלע זייטן און צוגעגעבן:

— איך זע באמת נישט קיין שום חסרון אין אַט דעם סטאַלב. אַ גאַנץ שיינער סטאַלב. ר׳איז אָפּגעווייסט מיט קאַלך גלייך מיט די ווענט, און זעט זיך כמעט נישט אָן, טאָ וואָס זשע איז דאָ די טענה?

ר׳ נחמנס מיזינקע, די קליינע פייגע־גיטעלע איז געשלאָפן אין אַלקערל צוזאַמען מיט איר באָבען, ר׳ נחמנס מאַמע, רחל־לאה די זאָגערן. זי איז דאָרטן געשלאָפן, נישט ווייל אין דער סאַליע איז נישט געווען קיין אָרט פאַר אירטוועגן, נאָר זי האָט זייער שטאַרק ליב געהאַט די באָבע און נישט געוואָלט שלאָפן מיט עמעצן אַנדערש, נאָר מיט איר. אָבער נישט נאָר פייגע־גיטעלע, נאָר אויך די גאַנצע שטאָט האָט ליב געהאַט רחל־לאהן און פאַר איר שטאַרק דרך־ארץ געהאַט. מען האָט זי גערופן רחל־לאה די זאָגערן ווייל מען האָט זי געהאַלטן אין שטעטל פאַר אַ ווילקענערן. זי האָט געהאַט אַ שם כמעט ווי אַ רביצן, און אין דער ווייבערשער שיל פלעגט זי פאַרזאָגן און די ווייבער פלעגן איר נאָכזאָגן. אין קליינעם אַלקערל האָט זי געהאַט אַ מין „אַקאַדעמיע” אירס. יונגע ווייבלעך פלעגן קומען צוגיין צו איר און זי פלעגט זיי אויסלערנען ליכט־בענטשן, חלה־נעמען וכדומה אַלץ וואָס אַ פרומע יידישע טאָכטער דאַרף קענען. קיין באַצאָלט דערפאַר האָט זי קיינמאָל נישט געוואָלט נעמען. ווען עמעצער פלעגט איר וועלן באַלוינען פאַר איר טרחה, פלעגט זי גלייך ענטפערן:

— חלילה, זאָל דער אויבערשטער אָפּהיטן, איך טו דאָס נישט לשם פרנסה. איך טו עס בלויז לשם מצווה.

די שנור אירע, חיה־שרה, ר׳ נחמנס ווייב, איז געווען אַ יידענע פאַר

זיך, און פונקט ווי יעדע כשרע יידענע האָט זי געוווסט אַז אַ יידישע טאָכ־טער האָט אויף זיך אַן עול צו פירן די שטוב און קינדלעך. איז טאָקע יעדע צוויי צי דריי יאָר צוגעקומען נאָך אַ פיקער צו דער שיסל, אַ יינגל אָדער אַ מיידל. די צוויי עלטערע יינגלעך האָבן זיך שוין געלערנט מלאכות. איי־נער איז געווען אויף דער לער ביי אַ שניידער, און דעם עלטערן איז איינ־געפאַלן צו לערנען זיך „צירולניק" — אַ שערער הייסט עס, און צו אַט דעם פאַך איז דעמאָלט צוגעקומען אַ ביי־פאַך. ער האָט אויך געדאַרפט זיך אויסלערנען זיין פעלדשער, אַ מין רופא הייסט עס.

פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ אַנגעלויף פון קינדער קיין עין־הרע, פון גרוים, קליין און קלענערם, האָט מען זיך שוין מיט קיין קינדער נישט גע־צאַצקעט. די קליינע פייגע־גיטעלע, דאָס מיזינקעלע פלעגט אַרומלויפן אין אָט דער ליימענער שטוב און פלאָנטערן זיך יעדן פאַר די פיס. איר מאַמע, די בייזע, אייביק פאַרהאָרעוועטע חיה־שרה, האָט אַלעמאָל אויף איר אָנ־געשריגן:

— וועסט זיך אויפהערן דאָ אַרומצודרייען?!

אָבער רחל־לאה די זאָגערן האָט נישט געקאָנט פאַרליידן קיין עוולות.

— ווו דען זאָל זיך ס'קינד אַהינטאָן? — פלעגט זי זיך אָננעמען פאַר פייגע־גיטעלען — קום אַהער צו מיר, פייגע־גיטעלע, קום אַהער אוצרל!

זי פלעגט זי אַריינגעמען צו זיך אין אַלקערל און בשעת־מעשה ביי־זערן זיך אויף איר שנור:

— האָסט געזען אַזעלכעס? אַן איבעריק קינד הערסטו גאָר?

דערפאַר טאָקע האָט די קליינע פייגע־גיטעלע אַזוי שטאַרק ליב גע־האָט די באָבע אירע, און איז געווען גרייט פאַר איר צו גיין אין פייער אַריין. שבת פלעגט זי מיטגיין מיט דער באָבען אין שיל אַריין, און איר נאָכטראָגן דעם קרבן־מנחה סידור. אָט דאָס טראָגן דעם סידור איז אַגב געווען די גרעסטע פרייד אירע. ערשט די פרייד און די שטאָלץ וואָס די קליינע פלעגט פילן, ווען זי פלעגט זיך צוזעצן אין שיל לעבן דער באָבען, קוקן איר גלייך אין מויל אַריין, און הערן ווי די באָבע זאָגט פאָר און אַלע וויבער זאָגן איר נאָך.

נאָך אַן אַרבעט האָט געהאַט פייגע־גיטעלע און דאָס איז געווען — אָפּהיטן דער באָבעס „קובינטשיקל". דאָס קובינטשיקל איז געווען אַזאַ מין שטעקעלע אויף וועלכן רחל־לאה די זאָגערן פלעגט זיך אָנשפּאַרן ביים גיין. פלעגט זיך מאַכן אַז רחל־לאה זוכט דאָס קובינטשיקל און די קליינע

פייגע-גיטעלע ליגט נאָך אין בעט, איז געגוג געווען אַז רחל-לאה זאָל אַ פרעג טאָן:

— ווו איז עס שוין ווידער אַהינגעקומען, דאָס קובינטשיקל מיינס?

פייגע-גיטעלע האָט בלויז געוואָרט אויף דעם. נישט אומזיסט האָט זי שטענדיק נאָכגעקוקט יעדע באַוועגונג פון איר באָבען, כדי זי זאָל קענען פאַרגעדענקען אַוו די באָבע שטעלט אַוועק דאָס קובינטשיקל. פלעגט זי טאַקע בליץ-שנעל אַראָפּשפּרינגען פון בעט, צולויפן גלייך צום אָרט ווו דאָס קובינטשיקל איז געשטאַנען, און דערלאַנגען עס דער באָבען.

רחל-לאה פלעגט דאַן גוטהאַרציק זיך צעשמייכלען, און דער באָבעס שמייכל איז געווען פייגע-גיטעלעס גרעסטע גליק.

## II

זעלטן ווען ר׳ נחמן איז געזעסן מיט זיין הויזגעזינט ביים טיש. שטענ־דיק איז ער אַרומגעפאָרן אין די אַרומיקע שטעטלעך, און אָפטמאָל גע־פאָרן אין די ווייטערע מקומות אויך. אַזוי אַז אויף אַ שבת אפילו פלעגט ער אויך נישט אַזוי אָפט אַהיימקומען. ער איז אַרומגעפאָרן איבער די יאַרידים מיט זיין גרויסן פּאַק סחורה און געבענקט צו זיך אַהיים און די היים, די ליימענע שטוב מיטן גרויסן סטאַלב אין דער מיט האָט געבענקט נאָך אים, נאָך ר׳ נחמנען.

אָבער האָט ער זיך שוין אַמאָל יאָ באַוויזן אויף אַ שבת צי אַ יום־טוב אין דער היים, האָט די קליינע ליימענע הייזקע אויפגעלעבט אינ־גאַנצן. חיה־שרה פלעגט דאַן רוימען און רייניקן אַזוי אַז יעדעס ווינקעלע האָט געבלאַנקט. די גאַנצע שטוב איז ווי גרעסער און יום־טובדיקער גע־וואָרן. פון דער קיך פלעגן זיך דערטראָגן די ריחות פון די געשמאַקע מאכלים וואָס חיה־שרה פלעגט קאָכן צוליב איר מאַנס אָנקומען, און האָט מען זיך געזעצט צום טיש, האָט זיך אויסגעוויזן אַז דער טיש אַליין האָט דערפילט אַז דער באַלעבאָס זיצט אויבנאָן. עפּעס ברייטער איז ער גע־וואָרן דער טיש טאַקע און די סעודה אַליין איז אויך געווען געשמאַקער און יום־טובדיקער. חיה־שרה האָט טאַקע נישט שטענדיק פאַרגרייט אַזעל־כענע מאכלים ווי זי פלעגט אָפּקאָכן אויב זי האָט געוווּסט אַז ר׳ נחמן קומט צו פאָרן. איז ער נישט געווען איז מען יוצא געווען מיט אַבי וואָס, אַבי דאָס האַרץ אונטערצוהאַלטן, אָבער אַז ר׳ נחמן איז געקומען, פלעגט חיה־שרה קאָכן געפילטע פיש, און טאַקע מיט כריין, די ווייסע קוילעטשן האָבן געשמייכלט אויפן בלאַנקענדיקן טישטעך, ערשט די יויך, אַ שטיקל עוף, צימעס, און אַלץ טעם גן־עדן. דער גרויסער טיש איז געשטאַנען אין דער מיט און פוןביידע זייטן טיש זיינען געשטאַנען צוויי לאַנגע הילצערנע בענק, אויף וועלכע ס׳איז געווען אויסגעזעצט די גאַנצע משפחה. קיין שטולן זענען אין שטוב נישט געווען. בלויז ר׳ נחמן אַליין האָט גע־האַט זיין „קרעסלע", אַ מין געבעטעט שטול, וועלכע האָט מן־הסתם נאָך געדענקט כמעלניצקים צייטן. די דאָזיקע קרעסלע איז געווען בלויז, פאַר

## בנציון פאַלעפּאַדע

ר׳ נחמנען, און קיינער האָט זיך נישט געטאָרט זעצן אויף איר אויסער אים אַליין, און אַפילו ווען ער איז געווען אונטערוועגנס האָט אויך חיה־שרה אַכטונג געגעבן, אַז קיינער זאָל זיך חלילה אויף אָט דער שטול נישט זעצן.

פרייטיק־צונאַכטס, נאָכן עסן, פלעגן צו ר׳ נחמנען קומען צו גיין זיי־נע חברים כאַפּן אַ שמועס מעניני־דיומא. ר׳ נחמן האָט זייער ליב גע־האַט צו פאַרברענגען מיט זיי, ווייל ווען דען האָט ער געהאַט צייט צו דערכריידן זיך מיט אַ מענטש, אַז שטענדיק איז ער געווען פאַריאָגט און פאַרפלאָגט מיט זיין פרנסה. פלעגט דעריבער חיה־שרה צוגרייטן אין אַזאַ פאַל אַ ספּעציעלן כיבוד: „נאַהיט" (אַזאַ מין אַרבעס). די בני־בית פלעגן דאַן זיך פאַרוקן אין די ווינקעלעך, ר׳ נחמנס חברים האָבן זיך אַרומגע־זעצט אַרום טיש, ר׳ נחמן אַליין איז געזעסן אויף זיין חשובער „קרעסלע". מען האָט געגעסן דעם נאַהיט און געהאַט הנאה פון שבת און פון גאָטס וועלטל.

ר׳ נחמן האָט זייער שטאַרק ליב געהאַט פייגע־גיטעלען, די מיזינקע זיינע. ווען ער פלעגט אַהיימקומען, פלעגט פייגע־גיטעלע אַרויפכאַפּן זיך אויף זיינע קני, אים האַלדזן און קושן, און אַריינפלעכטן אירע קליינע פינ־גערלעך אין דער געדיכטעניש פון זיין באָרד אַריין, און אים קראַצן די גאָמבע. ר׳ נחמן האָט זיך געקוויקט פאַר נחת מיט אָט דעם צערטלען זיך פון זיין יינגסט טעכטערל. זי האָט זיך צוגעוווינט צו עסן ביי אים אויף די הענט און קוים האָט זיך נאָר ר׳ נחמן געזעצט צום טיש, פלעגט זי אַרויף אויף זיינע קני און ס׳איז נישט געווען קיין שום אופן זי אַראָפּנעמען פון דאָרטן. ר׳ נחמן אַליין פלעגט זי צורופן און זאָגן איר גוטמוטיק:

— פייגע־גיטעלע, אַנו קראַץ מיר אַביסעלע די באָרד, וועל איך דיר געבן אַ דרייערל.

פייגע־גיטעלע האָט געזאַמלט די דאָזיקע דרייערלעך, אָבער ווען זי האָט שוין געהאַט אָנגעזאַמלט אַ שפּאַר ביסעלע האָט זיך געטראָפן אַ מכשול, און דאָס געלט האָט ביי איר אויסגענאַרט ראובן דער שוסטער, אָט דער מיטן ציגענעם בערדל, און געשען איז עס אָט וויאַזוי:

פאַר יום־טוב צו פלעגט ר׳ נחמן אַהיימקומען שטענדיק מיט אַ שטיקל צייט פריער, כדי אַלץ צו באַזאָרגן וואָס מען דאַרף. ער פלעגט אויך זיך אומקוקן צי די קינדער פעלט נישט עפּעס, אַ מלבושל, אַ שיכל וכדומה, אַז זיינע קינדער זאָלן זיך נישט פאַרשעמען פאַר פרעמדע מענטשן. אַזוי איז ער איינמאָל פאַר אַ יום־טוב צוגעקומען צו דער קליינער פייגע־גי־

טעלען, באַטאַפּט די שיכלעך פון דער מיזינקע זיינער, אַ קראַץ געטון די פּאַטילניצע און פאַרזאָרגטערהייט אַ זאָג געטאָן:

— אוי, מיזינקע מיינע, האָסטו דאָס געמאַכט אַ תל פון דיינע שיכלעך...

פייגע־גיטעלע איז שטיין געבליבן אַ פאַרשעמטע און פאַרשולדיקטע פאַר איר טאַטנס בליק, און נישט געוווּסט וואָס אים צו ענטפערן. אָבער ר׳ נחמן האָט זיך בלויז צעשמייכלט און באַשלאָסן:

— נו, מאָרגן בלי־נדר גיי איך מיט דיר צו ראובן דעם שוסטער, און מיר וועלן באַשטעלן אַ פּאָר נייע שיכעלעך פאַר דיינעטוועגן.

פייגע־גיטעלע איז געווען אין זיבעטן הימל. אַ קלייניקייט — נייע שיכעלעך, אַלע חברטאָרינס וועלן זי מקנא זיין. זי האָט זיך באַלד פאַרגעשטעלט וויאַזוי זי וועט דאָס אויסזען מיט די נייע שיכעלעך אויף די פיס און באַלד האָט זי זיך אויך דערמאָנט, אַז דעם גבירים טעכטערל האָט מען ערשט נישט לאַנג געמאַכט אַ פּאָר נייע שיכעלעך, האָבן זיי געסקריפּעט. אַלע מיידעלעך האָבן דעמאָלט געקוקט מיט קנאה אויף יענע נייע שיכעלעך און צום מיינסט האָט מען זיך נישט געקאָנט אָנוווּנדערן פונעם סקריפּ. אַ טראָט — אַ סקריפּ — אוי ווי שיין דאָס איז געווען. פייגע־גיטעלע האָט דעריבער באַשלאָסן, אַז אירע נייע שיכעלעך דאַרפן אויך האָבן אַזאַ מין סקריפּ, אָבער ווען זי האָט דאָס געזאָגט ר׳ נחמנען, האָט ער זיך בלויז צעלאַכט:

— מען דאַרף נישט קיין סקריפּ, קינד מיינס — האָט ער געזאָגט — גענוג אַז עס וועלן זיין אַ פּאָר געזונטע שיכעלעך, און פאַרטיק.

אָבער פייגע־גיטעלע איז געווען אַ פאַרעקשנטע, און באַזונדערס האָט זיך איר אַזוי שטאַרק געוואָלט האָבן אַ פּאָר שיך מיט אַ סקריפּ... קיין פוילע איז זי אויך נישט געווען, איז באַלד אויף צומאָרגנס נאָכדעם ווי מען האָט איר גענומען די מאָס, איז זי ווידער אַוועקגעלאָפן צו ראובן דעם שוסטער:

— ר׳ ראובן — האָט זי געפרעגט מיט אַ בעטנדיקער שטימע, — זאָגט מיר איך בעט אייך, מיינע נייע שיכעלעך וועלן סקריפּען?

ראובן דער שוסטער האָט אויפגעהויבן די אויגן פונעם שוך וואָס ער האָט גראָד געהאַלטן אין האַנט, און ס׳איז אים גלייך איינגעפאַלן, אַז ער קאָן כאַפּן אַן עקסטרע פאַרדינסטל.

— וואָס הייסט סקריפּען? — האָט ער האַלב־בייזלעך אַ מרוקע געטאָן — פאַר סקריפּען דאַרף מען באַצאָלן באַזונדער.

— וויפל זשע דאַרף עס קאָסטן, אַז עס זאָל טאַקע סקריפּען? — האָט דאָס קינד אַ פרעג געטאָן פאַרזאָרגט.

ראובן דער שוסטער האָט זיך פאַרטראַכט.

— מען דאַרף האָבן דאַרויף — האָט ער צום סוף איר געזאָגט — גאַנצע צוויי פונט זאַמד-צוקער. ווייל, פאַרשטייסטו מיך — האָט ער צו־געגעבן מיט אַ ניגון — דעם צוקער דאַרף מען צעלאָזן אין וואַסער, און אין אָט דעם זיסן וואַסער דאַרף זיך ווייקן די לעדער גאַנצע דריי מעת־לעת. אַנדערש קאָן עס נישט סקריפּען.

די קליינע האָט אָפּגעאָטעמט פרייער. זי האָט זיך דערמאָנט אָן איר קניפל מיט די דרייער-קאָפּיקעס, וואָס דער טאַטע האָט איר געגעבן פאַרן קראַצן די באָרד. אויף צוויי פונט זאַמד-צוקער וועט עס נאָך סטייען. זי איז גלייך אַוועק אין שפּייז-געוועלבל, איינגעקויפט דעם צוקער און מיט אַ פריידיק-קלאַפּנדיק האַרץ אַוועקגעלאָפן צו ר׳ ראובנען.

— דאָ האָט איר דעם צוקער! — האָט זי אַ זאָג געטאָן אַ פאַרסאָפּעטע.

ראובן דער שוסטער האָט בלויז אַ קרומען שמייכל געטאָן אין זיין דין ציגן-בערדעלע אַריין.

— נו, ווויל — האָט ער געזאָגט — ס׳וועט שוין סקריפּען.

— זיכער? — האָט די קליינע נישט אָפּגעלאָזט.

— זיכער, זיכער.

פון יענעם טאָג אָן האָט פייגע-גיטעלע נישט געקאָנט טראַכטן מער פון קיין שום אַנדערער זאַך, ווי נאָר וועגן דעם סקריפּ פון אירע שיך. עס האָט זיך איר אַזש אָנגעהויבן צו חלומען, ווי זי שפּאַצירט אַרום אין גאַס, און ביי יעדן טראָט סקריפּען די שיכעלעך אירע, און אַלע פונעם קלענסטן ביזן גרעסטן קוקן איר נאָך און זענען זי מקנא. זי האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן שוין אויפן טאָג ווען מען וועט איר אָפּברענגען די שיך אירע, און נישט אַזוי וועגן די שיך איז איר געגאַנגען, ווי טאַקע וועגן דעם סקריפּ.

דער סוף איז אָבער געווען אַ טרויעריקער. ערב יום-טוב האָט מען איר אָפּגעבראַכט די שיך. טאַקע נייע, שיינע שיכעלעך, און מיט אַ גלאַנץ, אָבער פייגע-גיטעלע שטעלט איין טראָט — און עס סקריפּעט נישט, אַ צווייטן — ניין, סע סקריפּעט נישט, זי רייסט זיך אַרויס פון די הענט פון דער מאַמען, וואָס וויל אָנקוקן און באַטאַפּן די שיכעלעך צי זיי פּאַסן, זי לויפט אַרום איבער דער שטוב — אַ נעכטיקער טאָג — די שיכעלעך זע־נען געווען צוויי שטומע שיכעלעך, זיי האָבן נישט געסקריפּעט.

פייגע־גיטעלע האָט געוויינט און געקלאָגט, פאַר גרויס צרות האָט זי אינעם טאָג אפילו נישט פאַרזוכט פון דער יום־טובדיקער וועטשערע, אָבער קיינער האָט פון איר נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען פאַרוואָס זי וויינט, און פאַרוואָס זי וויל נישט עסן. עס האָט איר שוין אפשר אַזוי נישט פאַרדראָסן, פאַרוואָס די שיכעלעך סקריפּען נישט, ווי דאָס וואָס ראובן דער שוסטער מיטן ציגענעם בערדעלע האָט זי אָפּגענאַרט און זי האָט אומזיסט אומנישט אויסגעגעבן די אָנגעזאַמלטע דרייערלעך. אָבער געזאָגט האָט זי קיינעם גאָרנישט. זי איז געווען צו שטאָלץ דערויף, און זי האָט זיך געשעמט צו דערציילן אַז מען האָט זי אָפּגענאַרט.

## III

די מעשה מיט די צוויי פונט צוקער, וואָס פייגע־גיטעלע האָט אוועק־געגעבן פאַרן סקריפּ איז טאַקע געבליבן בסוד, צווישן איר און ראובן דעם שוסטער. די קליינע האָט זיך געשעמט צו דערציילן אַז מע האָט זי אָפּ־גענאַרט, און ראובן האָט זיך אויך געשעמט צו דערציילן אַז ר׳האָט אויס־גענאַרט ביי אַ קינד צוויי פונט צוקער. דערפאַר אָבער זענען פיל אַנדערע פאַלן, ווען וויציקע שכנים האָבן אָפּגענאַרט די קליינע פייגע־גיטעלע, ניט פאַרבליבן אין באַהעלטעניש. די שכנים האָבן זי שטאַרק ליב געהאַט. זי איז געווען אַ לעבעדיק, רירעוודיק קינד, און „טשעקאַווע" צו געוואָר ווערן אַלץ וואָס זי האָט געזען אַרום זיך. מענטשן האָבן דעריבער ליב געהאַט מיט איר צו ריידן, זי אויספרעגן און אין איין וועגס אַ טרייב טאָן קאַטאָ־וועס מיטן נייגיריקן מיידעלע.

מענדל „קאַרליק", אַ קליין רירעוודיק יידל, וואָס האָט זיך זיין צונאָ־מען פאַרדינט מיטן גאָר קליינע וווקס זיינעם, האָט געוווינט אין אַ שטוב וואָס איז געשטאַנען באַלד די צווייטע לעבן ר׳ נחמנס ליימענער הייזקע. האָט זיך אָנגעהויבן צו דערנענטערן דער יום־טוב סוכות, און מענדל קאַר־ליק האָט זיך גענומען בויען אַ סוכה, פונקט ווי אַלע יידן האָבן דאָס גע־טאָן ערב יום־טוב. שטייט ער און ער מייסטרעוועט מיטן האַמער און צווענגל, און די קליינע פייגע־גיטעלע קוקט זיך צו מיט נייגיריקע אויגן צו זיין אַרבעט, און באַוווּנדערט ווי פון די צעוואָרפענע ברעטלעך הויבט זיך ביסלעכווייז אַרוים אַ סוכה, אַ מחיה צו קוקן. מענדל האָט גלייך אָנ־געהויבן זיך צו שאַפן מיט איר:

— דערלאַנג מיר דעם האַמער!

— גיב מיר די טשוועקלעך!

— רוק מיר צו אָט דאָס ברעטל!

אַזוי קאָמאַנדעוועט ער, מענדל קאַרליק, און פייגע־גיטעלע איז צו־פרידן וואָס זי קאָן אים צוהעלפן ביי אַזאַ וויכטיקער אַרבעט, און פילט אויס זיינע באַפעלן אַזוי שנעל ווי זי קאָן נאָר. בשעת מעשה טענהט זיך

מענדל אוים מיט איר, פרעגט איר אוים וועגן דעם און יענעם, און די קליי־נע ענטפערט אים אויף אלע פראגעס זיינע.

מיטאמאל איז זיך מענדל קארליק מישב און טוט א זאג צו איר:

— פייגע־גיטעלע, גיב נאר א לויף צו צו מלך דעם רימער און זאג אים אז איך בעט ער זאל מיר אנטלייען די סוכה־שער.

וואס אזוינס איז א „סוכה־שער" האט פייגע־גיטעלע נישט געוווסט, אבער אז מענדל שיקט זי, מסתמא ווייסט ער דאך, וואס ער וויל. באזונ־דערס איז זי אליין אויך געווען נייגיריק צו זען וויאזוי זעט טאקע אוים א סוכה־שער. האט זי בלויז א זאג געטאן:

— אט לויף איך!

און פייל־פון־בויגן אי זי אוועק צו מלך דעם רימער.

אריינגעקומען אהינצו, האט זי אין איין אטעם איבערגעגעבן מענדלס בקשה, אבער ר' מלך האט בלויז א שמייכל געטאן אין דער בארד אריין, ער האט גלייך פארשטאנען וועגן וואס דא האנדלט זיך און איר געענט־פערט:

— מיין סוכה־שער געפינט זיך איצטער ביי יחיאליק גענזעלעס. גיי זאג אים אז איך האב געהייסן ער זאל זי דיר געבן.

פייגע־גיטעלע האט זיך ארויפגעשארט די צעפלויגענע האר, וואס זע־נען איר אראפגעפאלן אויפן שטערן, אפגעווישט דעם שוויים פונעם פנימל און געלאזט זיך לויפן צו יחיאליק גענזעלעס, אבער ער האט איר ווידער אפגעשיקט צו אן אנדערן, און אזוי איז דאס קינד געלאפן פון איין שטוב צו א צווייטער, א נייגיריקס, מיט א פארפלאמט, פארשוויצט פנימל און אומעטום האט מען איר געגעבן דעם זעלבן ענטפער.

ווער ווייס ווי לאנג נאך זי וואלט אזוי ארומגעלאפן, ווען נישט ר' נחמן וואס האט זי צופעליק באגעגנט אין גאס. דערזעענדיק, אז זיין מי־זינקעלע לויפט ארום א דעריאכמעטע, א פארשמייעטע, האט ר' נחמן זי אפגעשטעלט און א פרעג געטאן:

— פייגע־גיטעלע, וווהין לויפסטו דאס?

— כ'לויף נאך דער סוכה־שער — האט זי געענטפערט א פארסאפ־פעטע, און געוואלט זיך לאזן ווייטער לויפן. אבער ר' נחמן האט זי פאר־האלטן:

— נארישע מויד — האט ער שמייכלענדיק געזאגט צו איר — סארא סוכה־שער? קום נאר אהער, גיב א קוק ווי פארשוויצט דו ביסט? — ער האט איר אליין אפגעווישט דעם שוויים פונעם פארפלאמטן פנימל און

צוגעגעבן: — גיי אַהיים, קינד מיינס, זיי נאַרן דיך אָפּ. אַזעלכע אַלטע לצים — האָט ער געמרוקעט — האָבן נישט וואָס צו טאָן נאָר חוזק צו מאַכן פון אַ קינד, און הייסן עס אַרומלויפן איבער דער גאַנצער שטאָט.

פייגע-גיטעלע האָט אַ פאַרוואונדערטע געפינטלט מיט די אויגן, גע־הויבן מיט די אַקסלען און לסוף האָט זי פאַרשטאַנען, אַז מען האָט זי שוין ווידער אָפּגענאַרט. מיט אַן אַראָפּגעלאָזן קעפּעלע איז זי אַוועק אַהיים און אַלץ נישט געקאָנט פאַרשטיין, צו וואָס גרויסע מענטשן דאַרפן אָפּנאַרן קליינע קינדער.

## IV

די אַלטיטשקע באָבע, רחל-לאה די זאָגערן, איז שוין געווען קרוב צו ניינציק, און דאָך איז זי נאָך געווען ביים פולן זינען, און ביי ר׳ נחמנען אין שטוב האָט מען זי געהאַלטן בכבוד און איר אָפּגעגעבן דעם גאַנצן דרך-ארץ, וואָס עס קומט אַזאַ יידענע, אַ צדיקת. אַפילו חיה-שרה, די שנור אירע, וואָס האָט געהאַט אַ שם פון אַ נישט-איבעריק גוטער, האָט אויך זיך שטענדיק געהיט כדי חלילה איר קיין שלעכט וואָרט ניט צו זאָגן, אָדער איר פוגם-בכבוד זיין. פאַרקערט, זי פלעגט איר אָפּטרעטן אַלע ווייבערישע מצוות. צום חלה-נעמען, למשל, פלעגט זי אויפוועקן רחל-לאהן יעדן דאָנערשטיק פאַרטאָג, ווען מען האָט געבאַקן חלה אויף שבת און ברויט פאַר דער גאַנצער וואָך. אַזוי איז אויך געווען מיט ליכט-בענטשן. חיה-שרה האָט שטענדיק געוואָרט, אַז איר שוויגער וועט פריער צינדן ליכט. און רחל-לאה פלעגט צינדן גאַנצע אַכט ליכט, מאַכן די ברכות מיט גרויס התלהבות, און דערנאָך ערשט גענומען זיך אויסטענהן אויף פּראָסט מאַמע-לשון מיטן רבונו-של-עולם, געבעטן פאַרן געזונט און וווילזיין פון אַלע אירע קינדער און קינדס-קינדער, און ער זאָל זיי באַשיצן פון אַלדאָס בייז, אָמן! אָט דעם שמועס מיטן בורא-עולם פלעגט זי פאַרענדיקן מיט אַ ברייטן „גוט-שבת!”, און דאָס גאַנצע הויזגעזינט האָט געקוקט אויף איר מיט גרויס יראת-הכבוד און מיט פאַרכטיקע אויגן אין וועלכע עס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די פלעמלעך פון די אָנגעצונדענע ליכט, און אָפּגעטפערן מיט דרך-ארץ: „אַ גוט-שבת, אַ גוט-יאָר!”

ערשט שפּעטער פלעגט חיה-שרה צוגיין צום טיש און שטילערהייט, עניוותדיק בענטשן אירע זעקס ליכט, און בשעת-מעשה שעפּטשענדיק אַריינלייגן איר גאַנץ האַרץ אין די שווייגנדיק-שטילע תפילות אירע, און אַז מען האָט זיך געזעצט צום טיש, האָט די גאַנצע שטוב געלויכטן פון די הייליקע פלעמלעך פון גאַנצע פערצן שבת-ליכט, ווי פון אַ גרויסער אילומינאַציע, און געדוכט האָט זיך אַז דאָס זענען נישט סתם קיין פּשוטע ליכטלעך, נאָר אַז די גאַנצע הייליקייט פון שבת-קודש האָט זיך צעלויכטן איבערן טיש פון ר׳ נחמנען.

## בנציון פאַלעפּאַדע

די קליינע פייגע-גיטעלע האָט אָבער קיינמאָל זיך מיט אַט די שבת-ליכט נישט דורכגעגומען. עס איז טאַקע שיין צו קוקן אויף זיי, אָבער וואָס קומט אַרויס אַז זיי טשאַדען אַזוי שטאַרק, אַז ס'איז אומעגלעך צו זיצן דערלעבן. פלעגט טאַקע נישט איינמאָל דאָס קינד אַנטלויפן אינמיטן דער שבתדיקער וועטשערע, און ניט חיה-שרהס בייזערן זיך און ניט ר' נחמנס בעטן זיך, האָבן דאָ געקאָנט עפּעס העלפן.

— איך ווער פאַרטשאַדעט — האָט די קליינע זיך באַקלאָגט מיט אַ וויינענדיק שטימעלע — דער קאָפּ טוט מיר וויי!

— פּרייטיקצונאַכטס טאָר מען ניט אַוועקגיין פון טיש — האָט חיה-שרה זיך געבייזערט און זי אויף כוח צוריק אַוועקגעזעצט.

אָבער דאָ פלעגט זיך שטענדיק אַריינמישן די אַלטיטשקע באָבע. אַ כשרע יידענע איז זי טאַקע געווען, אַ פרומע ביז גאָר, און אַוועקגיין פון טיש פּרייטיקצונאַכטס איז טאַקע אַן עוולה, אָבער אַ קינד איז אַ קינד — האָט זי טאַקע קיינמאָל נישט געלאָזט שלאָגן איר באַליבט אייניקל, פייגע-גיטעלען.

— לאָז צורו דאָס קינד — פלעגט זי זיך אָנבייזערן אויף חיה-שרהן — זי איז דאָך פאַרט גערעכט, ס'איז טאַקע אַ טשאַד אין שטוב.

און זי פלעגט נעמען די קליינע און אַוועקפירן איר שלאָפן, און פייגע-גיטעלע האָט געקוקט אויף איר באָבען מיט דאַנקבאַרע אויגן און נאָך מער זי ליב באַקומען דערפאַר.

אַזוי איז זיך געפלאָסן דאָס פשוט-יידישלעכע לעבן אין דער קליינער ליימענער הייזקע פון ר' נחמן דעם יאַריד-סוחר. שבת אינדערהיים, מיט דער גאַנצער משפחה צוזאַמען ביים טיש. אָבער אַ גאַנצע וואָך — אונטערוועגנס אין איין געיעג, אין איין האַווען און שמייען, אין איין אַרומפאָרן פון איין יאַריד צום צווייטן. ער איז שוין געווען צוגעוווינט דערצו. ווי ס'וואָלט גאָר קיין אַנדערער אופן פון לעבן נישט מעגלעך געווען, און אין שטוב האָבן די בני-בית אויך אַזוי פאַרשטאַנען. ס'איז געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך ביי אַלעמען, אַז ר' נחמן איז נאָר אַ גאַסט אויף שבת.

— אַזאַ פּרנסה, מישטיינסגעזאָגט — פלעגט חיה-שרה זיפצן, און דערמיט פאַרענטפערן אַלע צרות אירע.

נישט זעלטן פלעגט זיך אויך מאַכן, אַז ר' נחמן איז אַפילו אויף שבת אויך נישט געקומען. דאָס פלעגט זיך טרעפן ווען ער פלעגט צופאָרן צו יאַרידן וואָס פלעגן פאָרקומען אין די ווייטערדיקע שטעטלעך, און עס איז

פֿאַר אים געווען שווער דאָס פֿאָרן אַהיים. אָבער אויך צו דעם האָט מען זיך אין דער לײמענער הײזקע צוגעוווינט. אַ שבת אָן ר׳ נחמנען בײם טיש איז טאַקע נישט געווען אַזוי שײן ווי דעמאָלט ווען ער איז געווען אינדערהײם, אָבער אַ שבת איז פֿאָרט געווען שבת. חלה האָט מען געבאַקן, די ליכט האָבן געברענט און טאַקע צוגעטשאַדעט, און די שטוב האָט זיך ווי באַמיט צו פֿירן זיך אויפֿן זעלביקן אופֿן ווי שטענדיק.

ביז וואַנען ס׳איז געקומען יענער שרעקלעכער פֿרײטיק, ווען אַ ייד וואָס איז גראָד אָנגעקומען פֿון אַ יאַריד, האָט אַרײנגעבראַכט אין דער ערב־שבתדיקער, פֿאַרהאַרעוועטער לײמענער הײזקע די שרעקלעכע ידיעה, אַז ר׳ נחמן לעבט נישט מער. אומגעקומען איז ער טאַקע פֿון דער פּרנסה זײנער — אַ צעווילדעוועט פֿערד האָט אים דערהרגעט אויף אײנעם פֿון די יאַרידן, ווען ער איז דאָרט אַרומגעלאָפֿן און געמיסחרט.

דאָס קלײנע הײזקעלע האָט זיך אַזש ווי אײנגעשרומפּן פֿאַר גרויל אונטער דעם קלאַפּ וואָס די שרעקלעכע בשורה האָט מיט זיך געבראַכט. די שטילע און בײז־שווײגנדיקע חיה־שרה האָט איצטער געבראָכן די הענט, געוויינט מיט אַ ביטער האַרץ־רײסנדיק געוויין און באַקלאָגט איר גורל און דעם גורל פֿון אירע יתומים. די אַלטיטשקע רחל־לאה, וואָס די בשורה האָט זי געטראָפֿן ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג, האָט ווי שטענדיק גענומען אויסטענהן זיך מיטן רבונו־של־עולם אויף יידיש:

— זע, טאַטע זיסער אין הימל — האָט זי געמורמלט מיט אַ קול פֿון אַ זקנה וואָס האָט שוין קײן טרערן אויך נישט — זע צו דעם צער פֿון אַן אַלטער מאַמען. און וואָס וואָלט עס דיך געווען געאַרט, ווען איך שטאַרב אויף זײן אָרט. פֿאַרוואָס איז עס מיר געקומען אַזאַ וויײטיק? וואָלט דען נישט גלײכער געווען ווען איך שטאַרב, און ער, דער קדיש מײנער, זאָל מיך געווען איבערלעבן... מען טאָר טאַקע בײ דיר קײן קשיות נישט פֿרעגן, דו ביסט גערעכט און דײן משפּט איז גערעכט, אָבער זע צו מײן וויײטיק, און דעם וויײטיק פֿון די יתומים נעבעך... — און אַ שטיל געוויין האָט זיך געטראָגן פֿון די אײנגעפֿאַלענע ליפּן אירע.

אַ טרויער האָט ווי מיט אַ שוואַרצן שלײער פֿאַרצויגן די משפּחה פֿון ר׳ נחמנען. חיה־שרה איז געזעסן אויף איר שבעה־בענקעלע און געיאָמערט מיט אַ קלאָג־ניגון:

— ...אין דער פֿרעמד געבראַכט געוואָרן צו קבורה... נישט זוכה געווען אַז זײנע אײגענע און ליבסטע זאָלן זײן לעבן אים אין דער לעצטער

שעה זיינער... ווו וועל איך זיך איצט אהינטאָן? איך, א וויסטע אַלמנה?... וואָס וועלן טאָן מיינע קינדער, די יתומים?...

דאָס געוויין און דער געיאָמער האָבן געריסן שטיקער פון די ווענט און געדוכט האָט זיך אַז די גאַנצע שטוב וויינט, אַז די גאַנצע שטוב ציטערט פאַר ווייטיק און כליפּעט פאַר צער.

בלויז די קליינע פייגע-גיטעלע האָט נישט געוויינט. זי האָט נאָך נישט פאַרשטאַנען וואָס מיינט צו זאָגן דאָס וואָרט „טויט". מען האָט איר געזאָגט אַז דער טאַטע איז אַוועק זייער ווייט און ער וועט שוין קיינמאָל נישט צוריקומען. זי האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין דאָס. אָבער דאָס וואָס דאָס קינדערישע קעפּל האָט נישט באַנומען, האָט באַנומען דאָס קליינע הערצעלע. זי האָט פאַרשטאַנען אַז עס איז געשען עפּעס אַ שרעקלעכע און גרוויליקע זאַך, וואָס זי האָט נאָך ביז איצט קיינמאָל נישט איבערגעלעבט. מיט דערשראָקענע, ברייט-אָפענע אויגן האָט זי געקוקט אויף די בני-בית וואָס זיצן שבעה, און דאָס קינדערשע נשמהלע האָט זיך געקלעמט אין איר פאַר שרעק און פאַר אומענדלעכן צער.

# ז

רחל־לאה די זאָגערן האָט זיך אינגאַנצן פאַרענדערט, זינט ס'איז אָנ־געקומען די שרעקלעכע בשורה וועגן טויט פון איר זון. פריער פלעגט זי נאָך אַנטקעגנשטעלן זיך דער עלטער אירער, געפּרוווט זיך האַלטן גלייך און ס'איז שווער געווען צו דערקענען אויף איר די ניינציק יאָר אירע, אָבער זינט דאָס אומגליק איז געשען איז זי עלטער געוואָרן מיט אַ צוואַנ־ציק יאָר. זי האָט זיך איינגעשרומפּן, געוואָרן שווייגעוודיק און ווי פאַר־שטיינערט, שטענדיק געזעסן פאַרקלערט, געקוקט ערגעץ זייער ווייט, ווי זי וואָלט געקוקט אין אַ וועלט אַריין, וואָס נאָר זי, רחל־לאה די זאָגערן, קאָן איצטער זען. זי האָט אויפגעהערט אויפצונעמען די יונגע ווייבלעך, וואָס פלעגן קומען ביי איר לערנען זיך די ווייבערישע מצוות און מידות־טובות. האָט מען זי געפרעגט עפּעס, געפּרוווט זי אויפוועקן פון אָט דעם האַלב־דרימל אירן, פלעגט זי ענטפערן מיט אַ גלייכגילטיקן בייזלעכן מור־מלען, ביז וואַנען מען האָט זי צורו געלאָזט און זי האָט געדאַנקט גאָט דערפאַר וואָס מען שטערט איר נישט מער אין אירע טראַכטענישן. זי האָט שוין גאָרנישט דערוואַרט פון אָט דער זינדיקער וועלט, און גאָרנישט געהאַט מער פאַר אָט דער וועלט טאַקע. אַ פאַרטראַכטע און אַ זינקענדיקע אין אירע אייגענע פאַרבאָרגענע מחשבות איז זי געזעסן, געקוקט ערגעץ ווייט־ווייט, צוגעשאָקלט מיטן אַלטן באָבעשן קעפּעלע אירן, און בלויז פון צייט צו צייט האָט אַ ווייטיקלעכער, שטילער זיפץ זיך אַרויסגעריסן פון דער סאַמער טיפעניש פון איר פאַרטרויערטער נשמה.

געשען איז עס אין אַ דאָנערשטיק פאַרטאָג. מיטוואָך אינאָוונט, איז רחל־לאה ווי געוויינלעך געגאַנגען שלאָפן שטיל. אָן צו זאָגן עפּעס, אָדער צו באַקלאָגן זיך אַז זי פילט זיך שלעכט. ווי געוויינלעך האָט זי פאַרן שלאָפן־גיין זיך איבערגעטאָן אין אַ זויבער העמד, שטילערהייט עפּעס געזאָגט פון אַ סידור אַרויס און דערנאָך אַ קוש געטאָן דעם סידור און אים אַרונטערגערוקט אונטערן קישן. שפּעטער איז זי צוגעגאַנגען צום קינד. פייגע־גיטעלע איז שוין געשלאָפן, אָטעמענדיק רואיק און שמייכלענדיק צו אירע קינדערשע חלומות אין שלאָף. די אַלטיטשקע האָט איר גוט איינגעהילט, לייכט אַ קוש געטאָן און אַוועקגעלייגט זיך לעבן איר.

אין שטוב האָט זיך צעלייגט אַ שטילקייט, און בלויז פונוויטנס האָט מען געהערט דאָס האַסטיקע בילן פון די דאָרפישע הינט.

פאַרטאָג איז חיה־שרה אויפגעשטאַנען ווען עס האָט קוים אָנגעהויבן צו בלויען דער באַגינען. ס׳איז געווען דאָנערשטיק און חיה־שרה האָט זיך אויפגעהויבן פריער פאַר אַלע, כדי אָכטונג צו געבן אויפן ברויט און אויף דער שבתדיקער חלה, וואָס האָט זיך געבאַקן אין היימישן אויוון. ווען ס׳איז געקומען די שעה פון חלה־נעמען, איז חיה־שרה צוגעגאַנגען צו איר שוויגערס בעט, כדי איר מכבד צו זיין מיט אָט דער מצווה. זי האָט לייכט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף דער אַלטיטשקערס אַקסל און גענומען זי וועקן:

— שוויגער, זייטזשע מוחל חלה־נעמען!...

אָבער פון בעט איז קיין תשובה נישט געקומען, און חיה־שרה האָט אָנגעהויבן צו שאָקלען דעם אַקסל וואָס אַמאָל שטאַרקער:

— שוויגער! שוויגער! זייטזשע מוחל!...

ווידער האָט קיינער נישט געענטפערט. חיה־שרה האָט נאָך פּעס־טער אַ שאָקל געטאָן דער זקנהס אַקסל און ערשט דעמאָלט האָט זי באַ־מערקט, אַז אָט דער אַקסל איז קאַלט. זי האָט געכאַפּט אַ בליק אויף איר שוויגערס פּנים און דערזען אַז רחל־לאה די זאָגערן וועט זיך שוין מער קיינמאָל נישט אויפהייבן צו חלה־נעמען, ווייל זי שלאָפט שוין איר אייביקן שלאָף.

אָבער לעבן דער טויטער רחל־לאה איז געלעגן די קליינע פייגע־גי־טעלע אַ רואיק שלאָפנדיקע, מיט אַ האַלב־אָפן קינדיש מיילעכל און אירע בעקעלעך זיינען געווען ראָזעווע פון דער וואַרעמקייט און שלאָף, און אַ פרימאָרגנדיקער חלום האָט געשפּילט אויף איר פּנימל. חיה־שרהן איז אויסגעקומען ביז גאָר שרעקלעך דער געדאַנק, אַז דאָס קינד שלאָפט אַ לעבעדיקס און רואיקס לעבן אַ מת. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן די קליינע און זי אַוועקגעטראָגן צו זיך אין בעט אַריין. פייגע־גיטעלע האָט זיך אָנגע־הויבן איבערצוּוועקן און מורמלען אַן אומצופרידענע וואָס מען האָט איר איבערגעריסן דעם זיסן חלום, אָבער חיה־שרה האָט זי פעסט געהאַלטן אין די אָרעמס, ווי זי וואָלט זי אָקערשט אַרויסגעראַטעוועט פון אַ גרויס געפאַר. מיט אַ פאַרשטיקט קול פון טרערן האָט זי איינגענומען די קליינע מיזינקע אירע און איר אַריינגעשעפּטשעט אין אויער:

— שטילער, פייגע־גיטעלע! שטילער קינד מיינס! דיין באָבע איז גע־שטאָרבן! זי האָט געלעבט ווי אַ צדיקת און איז געשטאָרבן ווי אַ צדיקת!



## VI

פאַמעלעך האָט זיך דאָס לעבן ווי נישט איז איינגעשטעלט אין דער פאַריתומטער רייבער־משפחה. מען האָט געלעבט בדוחק, אָבער אַן ער־לעך שטיל און באַשיידן לעבן. צו ביסלעך זיינען די קינדער אונטערגע־וואַקסן און יעדעס פון זיי האָט אויף זיין שטייגער צוגעהאָלפן צו דער פרנסה אין שטוב. די עלטערע צוויי זין האָבן שוין פאַרדינט און דער אַל־טער מאַמען אָפּגעגעבן פון זייער לוין וויפל זיי האָבן נאָר געקאָנט. די על־טערע טאָכטער, סאָסי, איז שוין געווען אַ כלה־מיידל, אָבער אַזוי ווי צו קיין אָרעם מיידל יאָווען זיך נישט אַזוי שנעל קיין שידוכים, איז זי געווען אין שטוב און האָט אַרויסגעהאָלפן חיה־שרהן אין דער באַלעבאַטישקייט.

חיה־שרה אַליין האָט געאַרבעט שווער און ביטער, אַז די שטוב זאָל כאָטש אַביסל אויסזען ווי ביי לייטן. זי האָט געהאָרעוועט און געראַמט, אַרומגעלאָפן איינקויפן מציאות און ווען זי איז אַהיימגעקומען האָט זי ווידער געהאַט וואָס צו טאָן. אַזאַ שטוב, קיין עין־הרע, און זי איז נעבעך אַן אָרעמע אלמנה. נאָך גוט וואָס דער דאָך איז געווען איבערן קאָפּ, און די פּאָר קערבלעך פונעם שכן האָבן איר צוגעהאָלפן ווי נישט איז אויס־צוקומען מיט אירע הוצאות. פונדעסטוועגן האָט אין שטוב קיינמאָל קיין עסן נישט פאַרפעלט. חיה־שרה האָט זיך געהאַט איר קליין שפייכלערל וווּ זי האָט געהאַלטן אין אָרדענונג אירע איינגעקויפטע מציאות. שטענ־דיק זיינען דאָרטן געהאַנגען זעקעלעך מיט פאַרשיידענערליי שפּייז: מעל, פאַסאָליעס, גרויפּן, מיט איין וואָרט אַלץ אין וואָס אַ שטוב נויטיקט זיך. אַלץ איז געווען פאַרדעקט, פאַרהיט פון שטויב און פון מייז, און אומע־טום האָט זיך אָנגעזען די האַנט פון אַ גוטער באַלעבאָסטע.

אַ שפּאָרער ביישטייער צו דער חיונה איז געווען די ציג. חיה־שרה פלעגן זאָגן, אַז פון אָט דער ציג אַליין קאָן מען מפרנס זיין די משפחה. אין שטוב איז געווען אַ קעלער — אַ שפּאָרער גרוב וואָס איז געווען אויס־געגראָבן אין פאָדערהויז און פאַרדעקט מיט אַ צודעק פון ברעטער. אין דעם דאָזיקן קעלער פלעגט חיה־שרה איינשטעלן דאָס ביסל מילכיקס וואָס די ציג האָט געגעבן: קריגעלעך מיט סמעטענע, זעקעלעך מיט קעז, וכדומה.

פייגע-גיטעלע איז שוין געווען אַ מיידעלע פון אַ יאָר ניין. זי איז היפּשלעך אונטערגעוואַקסן. און צוזאַמען מיט איר וווקס איז געשטיגן איר נייגעריקייט און איר גוטהאַרציקייט. זי האָט נישט געקאָנט פאַרבייגיין קיין עוולה, ליב געהאַט צו העלפן יעדן איינעם, און איבערהויפּט שוואַכע באַשעפעניש. קאָן זיין, אַז דערפאַר האָט זי זיך נישט אַזוי גוט איינפאַרשטאַנען מיט איר מאַמען. חיה-שרה איז געווען אין תוך אַ גוטע, אָבער דאָס לעבן האָט זי געמאַכט שטרענג און האַרט, שטענדיק איז זי אַרומגעגאַנגען אַ מרה-שחורהדיקע און בייזלעכע. פייגע-גיטעלע איז געווען דער היפוך פון איר — אַ צוגעלאַזענע און גוטע, האָט זי קיינמאָל נישט געקאָנט קיינעם זאָגן קיין שלעכט וואָרט.

ניט ווייט פון זיי האָט געוווינט אַ ייד אַ בלעכער, אַ גרויסער אָרעמאַן. ער האָט געהאַט אַ שטוב פול מיט קליינע קינדערלעך און געלעבט אין גרויס דחקות. די קינדער זיינען דאָרט שטענדיק געווען הונגעריק, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן. די נויט האָט אַרויסגעקוקט פון יעדן ווינקעלע, און דער הונגער האָט אַרויסגעשריגן פון אַלע קינדערשע אויגן. די בלעכערקע פלעגט קאָכן שטענדיק איין מאכל: טייגלעך מיט פאַסאָליעס, און דאָס אויך נישט שטענדיק, ווייל זי האָט זעלטן ווען געזען אַ גראָשן פאַר די אויגן.

פייגע-גיטעלען האָט עפּעס געצויגן דווקא אין דער דאָזיקער אָרעמער שטוב אַריין. זינט זי האָט זיך נאָר געשטעלט אויף די אייגענע פיס, האָט זי אָנגעהויבן אַריינגיין אַהינצו און פאַרברענגען דאָרט גאַנצענע טעג. זי פלעגט זיך שפּילן מיט דעם בלעכערס קינדער אָבער צום ליבסטן האָט זי געהאַט דאָס קלענסטע קינד, דעם בלעכערס יונגסטע זונדעלע. דאָס איז געווען אַ קראַנק קינד, אַן אמתער קריפּל. עס איז שוין אַלט געווען גאַנצע פינף יאָר, און נאָך זיך נישט געקאָנט שטעלן אויף די פיס. ריידן האָט עס אויך נאָך נישט געקאָנט, נאָר עס האָט בלויז אַרויסגעזאָגט איינצלנע פאַרדרייטע ווערטער, ווי אַ קינד פון אַ יאָר. גרין איז עס געווען און איינגעדאַרט מיט הענטעלעך און פיסלעך ווי די שטעקעלעך. און דווקא אָט דאָס קראַנקע קינד האָט פייגע-גיטעלע ליב געהאַט ס'לעבן. קיינער האָט דאָס נישט געקאָנט פאַרשטיין, און זי אַליין, פייגע-גיטעלע, וואָלט אויך דערויף נישט געקאָנט ענטפערן. זי האָט נאָר געוווסט אַז זי האָט שטאַרק רחמנות אויפן קליינטשיקן קריפּל, און איז גרייט געווען אַלץ צו טאָן בכדי אַרויסצורופן אַ שמייכל אויף די בלייכע בעקעלעך זיינע. זי פלעגט זיך שפּילן

דערמיט, אַרומטראָגן עס אויף די הענט, שמייכלען דערצו און אויסקושן עס יעדן אבר.

פאַרשטייט זיך, אַז די בלעכערקע איז איר שטאַרק דאַנקבאַר געווען דערפאַר. זי פלעגט צוקוקן ווי פייגע-גיטעלע טראָגט זיך אַרום מיט איר אָרעם קראַנק מיזיניקל, און האָט אויף אים מער רחמנות ווי די אייגענע שוועסטערלעך און ברידערלעך. ווען די בלעכערקע פלעגט אָפּקאָכן איר אָרעם ביסל עסן, די טייגלעך מיט די פאַסאָליעס, פלעגט זי מכבד זיין אויך פייגע-גיטעלען, און די קליינע פלעגט מער ליב האָבן עסן דאָרטן ווי ביי זיך אין שטוב. טיילמאָל פלעגט זי אַפילו נישט אַהיימגיין, נאָר זיין אַ גאַנצן טאָג ביי דער בלעכערקע, און ממילא שוין עסן דאָרטן אויך. זי האָט זיי אַלעמען ליב געהאַט, מיטגעפילט זייער אָרעמקייט, און די בלעכערקע האָט איר געגעבן צו עסן ווי אַן אייגן קינד, און טיילמאָל נאָך מער.

חיה-שרהן האָט דער גאַנצער ענין זייער שטאַרק פאַרדראָסן.

— ווי ליגט מען עס אָפּ אַ גאַנצן טאָג אין אַ פרעמדער שטוב? — פלעגט זי שרייען אויף דער קליינער און בייזערן זיך. אָבער פייגע-גיטעלע האָט זיך געמאַכט אַז זי הערט נישט. עס האָבן נישט געהאָלפן קיין רייד און קיין טענות. חיה-שרה האָט אַפילו נישט איינמאָל זי געשלאָגן דערפאַר, אָבער ס'האָט אויך נישט געהאַט קיין פעולה אויף דער קליינער עקשנטע. אויף צו מאָרגנס נאָכן שלאָגן איז זי שוין ווידער געווען ביי דער בלעכערקע אין שטוב.

איינמאָל האָט פייגע-גיטעלע זיך איינגעשטעלט און באַשלאָסן צו בעטן ביי איר מאַמען אַ קליניקייט: זי וויל נעמען צוויי קריגלעך סמעטענע פון קעלער און אַוועקטראָגן אַ מתנה דער בלעכערקע. דאָס קליינע קינד דאָרט האָט זייער ליב סמעטענע, און די בלעכערקע האָט נישט קיין געלט צו קויפן כאָטש אַביסעלע.

חיה-שרה איז געוואָרן אויפגעקאָכט:

— ס'איז נישט דיין עסק צו יענעם — האָט זי זיך צעשריגן אויף דער קליינער — ווער מיר נישט קיין בעל-צדקה און פאַרזאָרג נישט אַ וועלט. מיר גיט אויך קיינער נישט, און קיין גבירים זיינען מיר אַוודאי נישט.

און זי האָט איר טאַקע די סמעטענע נישט געגעבן.

פייגע-גיטעלען האָט עס גאָר שטאַרק פאַרדראָסן. „פאַרוואָס איז די מאַמע אַזאַ שלעכטע? — האָט זי געטראַכט אין זיך — איך האָב דאָך ביי איר בלויז געבעטן אַזאַ קליניקייט". אָבער זי האָט געמאַכט אַ שוויג און מער נישט גערעדט וועגן דעם. זי האָט פאַרשטאַנען אַז מיט גוטן וועט זי

ביי איר מאַמען גאָרנישט אויספּירן. זי האָט אָבער נישט געקאָנט מוחל זיין דער מאַמען, וואָס זי איז נישט נאָכגעקומען איר בקשה. אַזאַ קליינ-קייט! בלויז אַביסל סמעטענע! און זי האָט באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין אויף איר שטייגער פאַר אָט דער עוולה. יעדן טאָג ווען חיה-שרה פלעגט אַוועקגיין אין מאַרק אַריין, פלעגט די קליינע צוגיין צו די טאָרבעלעך מיטן שפּייז, אויפבינדן פּאַוואָלינקע און פאָרזיכטיק אָפּשיטן אַביסל און אַוועקטראָגן צו דער בלעכערקע. איין טאָג האָט זי גענומען אַביסעלע מעל, אַ צווייטן אַביסל פּאַסאָליעס, און אַזוי כמעט יעדן טאָג. די בלעכערקע פלעגט איר באַדאַנקען, און עס איז איר נישט איינגעפאַלן אַז דאָס קינד שטעלט זיך איין און גנבעט פאַר אירטוועגן. פייגע-גיטעלע איז געווען גליקלעך וואָס זי קאָן העלפן די אָרעמע מענטשן. אויך די טייגלעך מיט די פּאַסאָליעס וואָס זי פלעגט דאָרטן עסן, זיינען איר שוין איצט בעסער באַ-קומען.

אַזוי איז אַוועק אַ שטיקל צייט, און חיה-שרה האָט זיך אפילו נישט געכאַפּט אַז עס פעלט איר שפּייז פון די טאָרבעלעך אַרויס. זי האָט זיך, וואָס אַן אמת, נישט איינמאָל געוווּנדערט, וואָס די טאָרבעלעך ליידיקן זיך אויס אַזוי שנעל, אָבער אַזאַ משפחה — האָט זי געטראַכט — עסט מען קיין עין-הרע.

אָבער פאַר פייגע-גיטעלען איז אויך דאָס געווען ווייניק. זי האָט אַלץ נישט געקאָנט פאַרגעסן די עוולה וואָס איר מאַמע איז באַגאַנגען דערמיט, וואָס זי האָט איר אָפּגעזאָגט צו געבן די סמעטענע. באַזונדערס האָט זיך איר אַזוי שטאַרק געוואָלט אַז דעם בלעכערס קינדער זאָלן פאַרזוכן די סמעטענע פון איר, פייגע-גיטעלעס, ציג. זי האָט דעריבער באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז, אַז זי מוז דער בלעכערקע אַוועקטראָגן די צוויי קריגלעך סמעטענע.

איינמאָל אין אַ נאָכמיטיק איז זי צוגעגאַנגען צום קעלער. אין שטוב איז גראָד קיינער נישט געווען און פייגע-גיטעלע האָט אָפּגעדעקט דעם צודעק און אַראָפּגעקוקט אין גרוב אַריין. דאָרט אין דער פייכטער קיל-קייט זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין אַ ריי גאַנצע זעקס קריגעלעך סמעטענע.

— וואָס טוט מען? — האָט די קליינע געטראַכט — די מאַמע ווייסט דאָך מן הסתם, וויפל קריגעלעך עס שטייען אין קעלער, און אויב די צאָל וועט נישט שטימען, וועט דאָך די מאַמע גלייך וויסן אַז דאָס איז איר, פייגע-גיטעלעס שטיקל אַרבעט...

אָבער די אויסגעשטעלטע קריגעלעך האָבן געלאַקט און געוווּנקען צו איר, און באַזונדערס האָט זי זיך דערמאָנט, וויאַזוי זי האָט געבעטן ביי איר מאַמען די סמעטענע מיט גוטן, און האָט באַקומען אַ בייזן אָפּזאָג. דער הייסער באַגער אַוועקצוטראָגן די מתנה האָט זיך אין איר פאַר־אייניקט מיט דער באַליידיקונג, וואָס זי האָט געליטן פון איר מאַמען. זי האָט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם, אַז די מאַמע וועט סייווי דער־גיין ווער עס האָט דאָ געבאַלעבאַטעוועט אין קעלער, און מיט איין שפּרונג איז זי אַראָפּ אין פייכטן גרוב אַריין.

זי האָט אָבער שלעכט אויסגערעכנט דעם שפּרונג און מיט ביידע פיסלעך איז זי אַרויפגעשפּרונגען אויף די אויסגעשטעלטע קריגעלעך. זי האָט דערהערט דעם קנאַק פון די צעבראָכענע ערדענע קריגעלעך און דערזען ווי די סמעטענע גיסט זיך אויס אין אַ ווייסער געדיכטער קאַלוזשע אויף דער ערד. אַ דערשראָקענע איז זי געשטאַנען און געקוקט אויפן חורבן וואָס זי האָט אָנגעמאַכט. „איצטער איז אַלץ פאַרלוירן — האָט זי געטראַכט — אי ס׳איז נישטאָ שוין קיין סמעטענע אַוועקצוטראָגן, אי די מאַמע וועט זי שלאָגן, ווייל ס׳איז אין שטוב קיין טראָפּן סמעטענע נישט פאַרבליבן.”

זי איז אַרוים פון גרוב און געפּרוּווט זיך טרייסטן דערמיט, אַז חיה־שרה וועט אפשר פאָרט נישט וויסן וואָס דאָ איז געשען, און אַז זי, פּיי־גע־גיטעלע, האָט עס אָנגעמאַכט אָט דעם חורבן. אפשר וועט פאָרט די מאַמע זי נישט חושד זיין דערין — האָט זי זיך געפּרוּווט צוגעבן מוט, כאָטש דאָס קינדערישע הערצל האָט שטאַרק געקלאַפּט פאַר שרעק. זי איז אַרוים פון גרוב און פאַרדעקט אויפסניי דעם קעלער, אָבער צו דער בלעכערקע איז זי שוין יענעם טאָג נישט געגאַנגען. זי האָט זיך פאַר־שטעקט אין אַ ווינקעלע און מיט ציטערניש געוואַרט אויף דער מאַמעס אַהיימקומען.

אָבער ווען חיה־שרה איז ענדלעך אַהיימגעקומען, און געוואָלט אָפּ־קאָכן ס׳ביסל וועטשערע, איז זי דאָס ערשטע צו צום קעלער, און ווען זי האָט אַוועקגעשאַרט דעם צודעק און דערזען די צעבראָכענע קריגלעך מיט דער ווייסער קאַלוזשע וואָס אַרום, האָט זי גלייך פאַרשטאַנען ווער עס האָט עס אָפּגעטאָן. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף איר טעכטערל און אין פּייגע־גיטעלעס דערשראָקענע אויגן האָט זי גלייך דערזען אַז זי איז גע־רעכט אין איר חשד. אָן אַ וואָרט איז זי צוגעפאַלן צו פּייגע־גיטעלען און אויסגעלאָזט צו איר ס׳גאַנצע ביטער האַרץ אירס. זי איז אַריינגעפאַלן אין

אזא רציחה, אז זי האָט פאַרגעסן אז זי שלאָגט אַ קליין קינד, און אַז דאָס קינד איז איר מיזינקעלע. זי האָט זי געשלאָגן מיט אַזעלכע מכות-רצח, ווי זי האָט עס נאָך קיינמאָל ביז איצט מיט קיין שום קינד אירס נישט געטאָן.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, אַז פייגע-גיטעלע האָט באַקומען געשלאָגן אויף אַזאַ אופן. יעדער קלאַפּ האָט איר ווי געטאָן טאָפּלט. איינמאָל איז עס טאַקע געווען שטאַרק געשלאָגן אָבער דאָס האָט איר אַזוי נישט ווי געטאָן, ווי זי האָט געפילט די עוולה וואָס איר מאַמע באַגייט קעגן איר. זי האָט דאָך געוואָלט נעמען די סמעטענע נישט פאַר זיך, נאָר כדי צו העלפן אָרעמע מענטשן, טאָ פאַרוואָס קומט איר אַזוי שטאַרק זי צו באַשטראָפן?

איר גאַנץ לעבן האָט פייגע-גיטעלע נישט געקאָנט דאָס פאַרגעסן. עס איז געווען די ערשטע גרויסע עוולה וואָס דאָס קינד האָט געליטן פון דער אומגערעכטער אַרומיקייט און נישט איינמאָל, ווען זי איז שוין געווען אַ דערוואַקסענע, פלעגט זי דערציילן דערוועגן.

## VII

יאָסל, פייגע־גיטעלעס עלצטער ברודער, איז שוין געווען אַ מענטש פאַר זיך. ער האָט גאַנץ שיין פאַרדינט, וואָרום ער האָט פאַרמאָגט צוויי פאַכן: ער איז געווען אַ „צירולניק און פעלדשער", ס'הייסט אַ שערער און אַ רופא צוזאַמען. פון זיינע פאַרדינסטן האָט ער אַ שפּאָר ביסל אָפּגעגעבן דער מאַמען אַ צושטייער צו דער פּרנסה אין שטוב, אָבער דאָך איז אים נאָך געבליבן גענוג, אַז ער זאָל זיך קאָנען לייטיש אָנטאָן, און אַזוי ווי אַ שיינער יונג איז ער געווען, האָבן אַלע אַלאַפּאַליער מיידלעך זיך גע־שפּיגלט אין אים. ער אָבער האָט נישט געלייגט קיין אַכט דערויף. זיין האַרץ האָט ער אָפּגעגעבן בלויז איינער, אַ שיין מיידל וואָס לאַ־די זי איז געווען אַ שיינע, האָט זי אויך געהאַט אַ שיינעם נאָמען: זי האָט טאַקע געהייסן שיינע. אויך זי האָט אים שטאַרק ליב געהאַט, און אַז דאָס פּאָרל איז געגאַנגען שפּאַצירן אין גאַס האָבן זיי נאָכגעקוקט קינד און קייט.

אָבער יאָסל האָט זיך דערנענטערט צו זיינע איינאונצוואַנציק יאָר, און געמוזט זיך צושטעלן צום פּריזיוו. קיין גבירישער זון איז ער נישט געווען, האָט ער טאַקע נישט געהאַט מיט וואָס זיך אויסצוקויפן, און גע־זונט און שטאַרק איז ער געווען, האָט מען אים טאַקע גלייך צוגענומען פאַר אַ סאָלדאַט און ער איז אַוועק דינען פאָניען.

אָפּגעשיקט האָט מען אים אין אַ פּאָלק וואָס איז געשטאַנען אין אַ קליין שטעטל אין דער טאַווריער גובערניע. נישט לייכט איז געווען אין יענע צייטן צו דינען אַלס סאָלדאַט, נאָך בפרט ביי פאָניען, אָבער יאָסל האָט זיך דאָרט אויך נישט פאַרלוירן. קודם־כל האָט ער גלייך צו וויסן געגעבן זיינע עלצטע וועגן זיינע צוויי פאַכן, אַז ער איז אַ גוטער שערער און אויך אַ גוטער פעלדשער. אין צאַרישן מיליטער האָט מען שטאַרק אויסגעקוקט אַ שערער אין פּאָלק, און ווען די אָפיצירן און פעלדפעבלס האָבן פאַרזוכט אויף זייערע קעפּ זיין שערן און ראַזירן, האָט מען אים אויפגעכאַפּט טאַקע ווי אַ אבן־טוב. ער איז געוואָרן גאָר חשוב ביי נאַ־טשאַלסטווע און מען האָט אים צעריסן אויף שטיקער. קיינער פון די אָפי־צירן האָט שוין נישט געוואָלט אָנפאַרטרויען זיין פּריצישן קאָפּ עמעצן

אַנדערש ווי נאָר „יאָסקאָ׳ן״. פאַרשטייט זיך, אַז יעדער פון זיי פלעגט אים באַשענקען מיט אַ מטבע, און ביי יאָסלען אין קעשענע האָט אָנגעהויבן צו קלינגען גאַנץ נישקשהדיק.

ערשט ווידער, אַז דער אויבערשטער האָט געהאָלפן, און עמעצער פון די אָפיצירן האָט זיך צוגעקילט, האָט מען ווידעראַמאָל געלאָזט גלייך רופן „יאָסקאָ״ דעם פעלדשער. יאָסל האָט זיך אַפילו איינגעשאַפט אַ מין קליין האַנט-אַפטייקל מיט כלערליי שמירעכצער צום איינרייבן דעם קערפּער. ערשט האָט ער אויך געקאָנט שטעלן באַנקעס, טשעפּען פּיאַווקעס, לאָזן בלוט אָדער, ווי מען פלעגט דעמאָלט זאָגן, „שלאָגן צו דער אָדער״. נאָכן פּאָלקאָווע דאָקטער, איז יאָסל איצט געווען די חשובסטע פּערזאָן אין פּאָלק. ער האָט געשמט פאַר אַן ערשטקלאַסיקן צירולניק און אַ רופא-מומחה וואָס מאַכט פּשוט פון טויט לעבעדיק.

אויסער אַלעם האָבן אים די אָפיצירן ליב באַקומען פאַר זיין אופן פון באַנעמען זיך, פאַר זיין העפלעכקייט און גרייטקייט צו דינען יעדן איינעם. מען האָט אים באַשאָנקען נישט נאָר מיט געלט, נאָר אים געגעבן אין פּאָלק אַלע פּרייהייטן. ער האָט געהאַט מער פּריווילעגיעס ווי אַלע אַנ־דערע סאָלדאַטן. אין דער צייט וואָס אַנדערע זיינען געוואָרן אויסגעריסן אויף די איבונגען, אָדער געדאַרפט גיין אויף דינסט, אָדער געריבן פּאָלן צי געריייניקט דעם קאַזאַרמע-הויף, האָט יאָסקע, אויב ער האָט נאָר נישט געדאַרפט קיינעם שערן אָדער היילן, זיך געקאָנט אַרויסגיין פראַנק און פריי פון דער קאַזאַרמע און אַרומגיין שפּאַצירן.

ווען יאָסל פלעגט אַרויסקומען אין גאַס, פלעגט מען מיינען, אַז דאָס גייט אַן אָפיציר. ער האָט געטראָגן אַ געפּאַסטן שיינעם מונדיר, וואָס ער האָט זיך געלאָזט מאַכן אויף זיין מאָס. אויך האָט ער זיך געמאַכט אַ פּאָר שטיוועלעך פּונקט ווי אַן אָפיציר. פאַרשטייט זיך אַז פאַר סאָלדאַטן איז געווען פאַרבאָטן אַזוי זיך אָנצוטאָן, אָבער יאָסלען האָט קיינער נישט פאַרטשעפּעט. אַלע פּאָלקאָווע זשאַנדאַרן האָבן געוווּסט, אַז וואָס אַ צוויי־טער סאָלדאַט טאָר נישט, מעג „יאָסקאָ״ יאָ, ווייל אַלע אָפיצירישע קעפּ ליגן ביי אים אין האַנט.

פאַרשטייט זיך, אַז קיין געלט האָט אים אויך נישט געפעלט, און ער האָט דעריבער זיך געקאָנט דערלויבן צו גיין אין טעאַטער און אויף טענץ, און אויך פאַרשיידענע אַנדערע פאַרוויילונגען. ביי דער געלעגנהייט האָט ער זיך אָנגעהויבן צו באַקענען מיט פאַרשיידענע יידישע מיידלעך, און געוואָרן אַן איינגייער אין עטלעכע יידישע היימען וואָס אין שטאָט.

# בנציון פאַלעפּאַדע

איינע פון אָט די מיידלעך טאַקע האָט זיך אין אים פאַרליבט אויף אַן אמת און טאַקע גאָר שטאַרק. זי איז געווען אַ שיינע און אַן איידעלע, און איז יאָסלען אַפּילו גאַנץ ווויל געפעלן געוואָרן. ווייט פון דער היים איז ער געווען, אַ סאָלדאַט אין אַ ווייטער פרעמדער שטאָט, איז ער אַרומגע-גאַנגען שפּאַצירן מיט דעם מיידל און כאָטש ער האָט געדענקט אַז זיין כלה שיינע וואַרט אויף אים אין אַלאַפּאַליע, דאָך האָט ער זיך נישט גע-קאָנט גובר זיין, און אָנגעהויבן זיך צו טרעפן מיט אָט דעם מיידל וואָס אַמאָל אָפטער. ער איז אויך געוואָרן אַן איינגייער ביי דעם מיידל אין שטוב, און מ׳האָט אים דאָרטן אַזוי האַרציק און העפלעך אויפגענומען, אַז ער האָט זיך דאָרט געפילט נאָך בעסער ווי ביי זיך אין דער היים.

דעם מיידלס טאַטע-מאַמע איז אויך דער בחור זייער געפעלן געוואָרן. זיי זיינען געווען בכבודיקע, גאַנץ פאַרמעגלעכע מענטשן, און האָבן זייער טאָכטער שטאַרק ליב געהאַט. זיי האָבן אָבער געהאַלטן פאַר נישט ליי-טיש אַז זייער טאָכטער זאָל סתם אַזוי אַרומשפּאַצירן מיט אַ פרעמדן סאָל-דאַט אין די טעאַטערן און אויף פאַרוויילונגען, איז ווען זיי האָבן באַ-מערקט אַז יאָסל ווערט וואָס אַמאָל מער היימיש און קומט צוגיין כמעט יעדן טאָג, האָט דער פאָטער פונעם מיידל אים איינמאָל אָוועקגערופן אין אַ זייט, כדי זיך מיט אים דורכצושמועסן וועגן גאַנצן ענין:

— פאַרשטייסט — האָט דער ייד געטענהט — אויב עס איז שוין יאָ אַזוי, אויב דו יאָסל ביסט געפעלן געוואָרן מיין טאָכטער, און זי דיר אויך, וואָלט געווען גלייך... כ׳מיין... פאַרשטייסטו מיך... פאַרוואָס זאָל מען טאַ-קע נישט שרייבן קיין תנאים? ס׳איז דאָך פאָרט נישט קיין פלאַן אַרומצו-גיין סתם אַזוי... אַלס חתן-כלה דאַקעגן, דאָס איז שוין זעסטו נישט אַזאַ חטא... דעמאָלט קאָן מען שוין צוואַרטן, און דערווייל, אַז איר וועט גיין שפּאַצירן, וועט עס נישט רייסן די מענטשן אין די אויגן, און איר וועט טאַקע קענען זיך פילן היימישער... איז וואָס זשע זאָגסטו יאָסל? וואָס ענטפערסטו מיר? האַ?

יאָסל האָט זיך געקווענקלט. ער איז געווען יונג און דאָס מיידל איז אים זייער געפעלן, עס איז אים אויך אַ שאָד געווען אָוועקצוגיין פון דער דאָזיקער שטוב, וואָס איז אים שוין אַזוי היימיש און ליב געוואָרן. אָבער גראָד דעמאָלט האָט ער זיך דערמאָנט אָן שיינען, אָן דעם אַלאַפּאַליער מיידל, וועמען ער האָט אַמאָל ליב געהאַט, און וועלכע וואַרט אפשר נאָך אויף אים. ער איז געווען יונג, אומדערפאַרן, און איז נישט געווען קיין פאַרדאָרבענער, איז אים זיין האַרץ צעריסן געוואָרן אין צווייען.

— איך מוז מיך נאָך מישב זיין מיט מיינע אייגענע אין דער היים — האָט ער פּאַמעלעך געענטפערט מיט אַ שטיל שעמעוודיק קול — איך וויל קודם-כל אָנשרייבן וועגן דעם צו מיין מאַמען...

— נו, מילא, וועלן מיר וואַרטן... ס'ברענט, חלילה, נישט — האָט דעם מיידלס טאַטע געענטפערט. אים איז דווקא געפעלן געוואָרן, וואָס דער בחור וויל פריער צו וויסן געבן וועגן אַזאַ ענין דער מאַמען זיינער.

אַזוי איז אַוועק אַ חודש און צוויי, און שיינעם געשטאַלט האָט בים-לעכוויז אָנגעהויבן זיך אויסצומעקן אין יאָסלס האַרץ. דאָס טאָגטעגלעכע טרעפן זיך מיטן מיידל האָט אויך געווירקט אויף אים, און יאָסל האָט גע-פּועלט ביי זיך צו ווערן אַ חתן און שרייבן תנאים כדת-וכדין.

אַלס חתן איז ער געוואָרן אין שטוב נאָך מער חשוב און מ'פלעגט אים שוין איינלאַדן עסן שבתים. ער איז געוואָרן אַ בן-בית, אַן אייגענער אין שטוב.

אַזוי איז די צייט געפלאָסן. חדשים האָבן זיך צוזאַמענגענומען אין יאָרן. יאָסל האָט אויפגעהערט צו פילן אַז ער איז אַ סאָלדאַט אין אַ פרעמ-דער שטאָט. פאַר וועמען דאָס סאָלדאַטסקע לעבן איז געווען אַן אָפּקומע-ניש, פאַר אים איז עס געווען זייער אנגענעם און אַ מקור אויף צו פאַרדי-נען געלט אויך. פאַר וועמען די פרעמדע שטאָט איז פאַרבליבן פרעמד, פאַר אים נישט, ווייל ער האָט דאָרט געפונען אַ צווייטע היים. ווען ער איז אַוועק דינען האָט ער זיך אַפילו אין די געוואַגטסטע חלומות זיינע נישט פאָרגעשטעלט אַז עס קאָן אים אַזוי אָפּגליקן אין דער פרעמד, און עס וואָלט אים אַפילו נישט געאַרט ווען אָט די „סלוזשבע" זאָל זיך קיינ-מאָל נישט ענדיקן.

אָבער די צייט שטייט פאָרט נישט אויף איין אָרט, און ס'איז געקו-מען דער טאָג ווען די דריי יאָר מיט אַכט חדשים האָבן זיך געענדיקט און מען האָט באַדאַרפט צוריקפאָרן אַהיים. מיט די מחותנים און מיט דער כלה זיינער האָט ער אָפּגעמאַכט, אַז ער פאָרט אַהיים נאָר אויף אַ קורצער צייט, בכדי צו זען זיך מיט די אייגענע, און דער עיקר מיט דער מאַמע זיי-נער, און דערנאָך וועט ער גלייך צוריקקומען און מען וועט פראַווען אַ חתונה ווי גאָט האָט געבאָטן.

די מחותנים איז אַפילו זייער געפעלן געוואָרן דאָס וואָס יאָסל וויל קודם אַהיימפאָרן זיך זען מיט דער מאַמען. „כיבוד אָב ואם איז אַ גרויסע מצווה" — האָט דער כלהס פאָטער געזאָגט, און זיין צוקונפטיקער איי-דעם איז אים נאָך מער געוואָרן צום האַרצן. זיי האָבן אים אַלע אַרוים-

באַגלייט צום באַן ווי אַן אייגענעם זון און הארציק זיך געזעגנט מיט אים. יאָסל האָט זיך צעקושט מיט אַלע דריי און אַריין אין וואַגאָן. דורכן אָפֿע־נעם פענצטער האָט ער געקאָנט זען ווי די כלה זיינע קוקט אים נאָך מיט פייכטע אויגן און ער האָט איר אָנגעהויבן צו פאָכען מיט זיין טיכעלע. דער כלהס מוטער האָט אויך אָפּגעווישט אַ טרער. בלויז דער כלהס פאָ־טער האָט צו אים גוטהאַרציק געשמייכלט.

פאַמעלעך האָט דער צוג גערירט פון אָרט און יאָסל האָט זיי באַלד פאַרלוירן פון די אויגן.

## VIII

ווען יאָסל האָט זיך באַוויזן אויפן אַלאַפּאַליער בולוואַר אָנגעטאָן אין זיין אָפּיצירסקע מונדירל מיט די געפּוצטע שטיוועלעך, האָבן אים מענטשן לכתחילה נישט דערקענט. פון אַלע פענצטער האָט מען אויף אים אַרויס־געקוקט ווי אויף אַ חידוש. מען האָט מקנא געווען חיה־שרהן מיט איר געראָטענעם זון, ווייל באַלד האָט זיך אויך פאַרשפּרייט איבערן שטעטל די ידיעה, אַז יאָסל האָט אויך אַהיימגעבראַכט אַ „מטמון" מיט געלט. פון די עטלעכע הונדערט רובל וואָס ער האָט טאַקע יאָ געבראַכט, האָט מען באַלד מגזם געווען און דערציילט פון טויזנטער. אָבער דער עיקר האָט מען זיך נישט געקאָנט גענוג אָנקוקן אויף זיין גאַנג, זיין אָנטועכץ און זיין קרעפּטיקער יונגער געשטאַלט.

שיינע, זיין אַמאָליקע כלה, איז אויך אַרויס פאַר דער טיר, אָבער זי האָט נישט געוואָגט צוגיין נענטער צו אים. זי האָט פּשוט, נישט געגלויבט אירע אייגענע אויגן. „אָט דאָס איז עס יאָסל? — האָט זי געטראַכט — ער זעט דאָך אויס אינגאַנצן ווי עפּעס אַ פּריץ..."

אָבער יאָסל האָט זי גלייך דערקאָנט און צוגערופן.

— קום אַהער, שיינע! — האָט ער אויסגערופן — האָסט אפשר מורא צוצוגיין נענטער צו מיר?

— פאַרוואָס זאָל איך מורא האָבן? — האָט זי געענטפערט מיט אַ ציטערדיקער שטים און אָנגעהויבן זיך דערנענטערן. זי האָט אַ קוק געטאָן אים אין די אויגן אַריין און אַ פאַרויטלטע אַראָפּגעלאָזט דעם בליק.

יאָסל האָט געקוקט אויף איר פאַרויטלטקייט, אויף איר שעמעוודיק יונגער און אַזוי שיינער געשטאַלט, און אַ הייסע כוואַליע האָט אים אַ זעץ געטאָן אין פּנים אַריין. ער האָט דערפילט ווי עפּעס שטיקט אים אין האַלדז.

— און איך האָב געמיינט, אַז דו האָסט שוין חתונה געהאַט — האָט ער לסוף זיך אָנגערופן מיט אַ פאַרשולדיקטער שטים, און באַלד צוגע־געבן: — דו ביסט נאָך איצט שענער געוואָרן ווי פריער, איידער איך בין אוועק דינען...

פון דעמאָלט אָן האָט יאָסל דערפילט, אַז ביז איצט האָט ער זיך אַליין אָפּגענאַרט, ווען ער האָט זיך געפּרוווט איינריידן אַז ער האָט אינגאַנצן שיינען פאַרגעסן, און אַז ער וועט זיך קענען אָפּזאָגן פון איר. וועגן זיין פאַרקנסן זיך אין ווייטן שטעטל, ווו ער האָט געדינט, האָט ער אין אַלאַ־פאַליע טאַקע קיינעם נישט דערציילט, אָבער דאָס געוויסן האָט אים איצ־טער געמאַטערט טאָג און נאַכט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אין אים אַ שווע־רער אינערלעכער קאַמף, אַ קאַמף מיט זיך אַליין. ער האָט דערפילט אַז זיין נשמה געפינט זיך צווישן צוויי פייערן. פון איין זייט האָט אים גע־מאַטערט דער געדאַנק וועגן דער כלה וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין דער פרעמד, וואָס וואַרט דאָרט אויף אים אַ געטרייע און ליבנדיקע. ווי אַזוי וועט ער איצטער אויסזען ביי יענעם מיידל אין די אויגן, אויב ער וועט אָפּלאָזן דעם שידוך? וואָס וועלן זאָגן אירע עלטערן, אָט די גוטע און האַרציקע מענטשן, וואָס האָבן אים אַזוי ליב געהאַט, און ווען אויך ער האָט ליב באַקומען? פאַרוואָס קומט עס זיי, ער זאָל זיי מאַכן צו לייטישן געלעכטער. אָבער פון דער צווייטער זייט, האָט די כסדרדיקע נאָנטקייט פון דער רייצנדיקער שיינען אים נישט געלאָזט רוען. די אַמאָליקע ליבע זיינע האָט זיך צעפלאַקערט אין אים מיט אַ גוואַלדיקן כוח, נאָך שטאַר־קער ווי אַמאָל. ער האָט געפילט אַז אָן שיינען וועט ער שוין נישט קענען לעבן, אַז די תנאים וואָס ער האָט געשריבן אין דער פרעמד זיינען געווען אַ טעותדיקער שריט.

ער האָט אויפגעהערט צו שלאָפן ביינאַכט, און בייטאָג פלעגט ער אַרומגיין אַ פאַרטראַכטער מיט רויטע נישט־אויסגעשלאָפענע אויגן. צו־ליב דעם וואָס ער האָט קיינעם נישט פאַרטרויט דעם סוד פון זיינע תנאים, האָט ער איצטער נישט געהאַט אַפילו פאַר וועמען זיך אָנפאַרטרויען און בעטן אָן עצה. אָבער סוף־כל־סוף האָט ער דערפילט אַז לענגער קאָן ער אַזוי נישט לעבן. עס מוז נעמען אַ סוף צו אָט דעם טראַכטן און צו אָט דעם וואַקלען זיך, און ער האָט באַשלאָסן חתונה צו האָבן מיט שיינען. שיינע, האָט ער געפילט, איז אים נענטער, און ער האָט זי ליב מיט דער גאַנצער נשמה, אַלנפאַלס האָט ער זי מער ליב ווי יעניץ מיידל, וואָס איז אים אין תוך גענומען פרעמד, און מיט וועלכער עס בינדט אים נישט מער ווי אַ פאַרבייגייענדיקע פריינטשאַפט.

ער האָט זיך שוין מער נישט געוואַקלט. נאָך אָט דעם באַשלוס האָט ער אָנגעשריבן אַ „מחילה־בריוו", אַזוי איידל ווי ער האָט נאָר געקאָנט, אַריינגעלייגט די תנאים און אַלץ צוזאַמען אַוועקגעשיקט צו דער כלה.

אזוי האט זיך פארענדיקט דער ראמאן וואס יאסל האט פארפירט אלס פרעמדער סאלדאט אינעם ווייטן שטעטל וואס אין טאוורער גובערניע. אין אלאפאליע האט קיינער אפילו נישט געוווסט וועגן דעם. דער גאנצער ענין איז פארבליבן יאסלס א סוד וואס ער האט געהאלטן ביי זיך און קיינעם נישט דערמאנט קיין ווארט.

באלד אינגיכן האט זיך איבער אלאפאליע פארשפרייט די נייעס, אז יאסל, דער צירולניק און רופא, האט חתונה מיטן שענטסטן מיידל אין שטאט, מיט שיינען. מענטשן האבן געהאלטן, אז ס'איז זייער א גלייכער שידוך. זיי זיינען געווען אזא שיין פארל, אז מענטשן האבן זיי נאכגעקוקט ווען זיי פלעגן שפאצירן אלס חתן-כלה אין גאס.

מען האט געפראוועט א חתונה מיט א ברייטער האנט, און באלד נאך דער חתונה האט יאסל גענומען זיין יונג ווייבל און מיט איר צוזאמען אוועק זיך באזעצן אין נישט-ווייטן שטעטל קריוואזער. אזוי האבן די יידן גערופן דאס שטעטל, וואס האט אויף רוסיש געהייסן „קריוואיע אזערא”. דארט האט דער אויסגעדינטער צארסקע סאלדאט יאסל רייבער פארלייגט זיין „פאריקמאכערסקאיא” און איז געווארן א תושב. צוזאמען מיט דער שערעריי האט ער אויך געעפנט א מין קאנסולטאריע אלס רופא, ווו ער פלעגט אנעמען קראנקע. ס'איז אים אוועק זייער גוט איןביידע פאכן זיינע און ער האט מצליח געווען און גלייך באקומען א נאמען אין דער געגנט. עס האבן פון אים געהאלטן יידן און גויים. ער האט באקומען א שם אין גאנצן ראיאן, ווי א „גוטער ייד” להבדיל. באזונדער בארימט איז ער געווארן צווישן די פויערים פון די ארומיקע דערפער, וועלכע זיינען געקומען צו אים היילן זיך. ער האט אויך געהאט א קליין אפטייקל און פארקויפט פארשיידענע רפואות, ווי ריצין-אייל, כינינע צו קדחת, וכדומה. ער האט געהאט מזל און די פויערים וועלכע ער האט געהיילט האבן דערציילט ניסים וועגן זיינע קענטענישן און זיין לייכטער האנט. אחוץ געלט פלעגן אים די פויערים אויך אנברענגען אין שטוב אריין פון כל-טוב: היינער און אינדיקעס, גענדז און קאטשקעס, האניק און פוטער, און וואס נישט? ער האט געהאט א סך באקאנטע פויערים, וואס האבן אים געבראכט מתנות אפילו דעמאלט ווען זיי האבן זיך ביי אים נישט געהיילט, נאר סתם אזוי, ווייל ער איז זיי געפעלן געווארן. פון שערעריי איז אויך אריינגעפאלן א פאר קאפיקעס, און אזוי — איינס מיטן צווייטן — האט טאקע לאנג נישט געדויערט און יאסקע האט זיך געקויפט אן אייגענע שטוב. ער האט אנגעהויבן צו וואקסן אין דער לענג און אין דער ברייט.

זיין ווייבל שיינע האָט טאַקע „געשיינט ווי אַ מנורה", ווי מענטשן פלעגן זאָגן קוקנדיק אויף זיי ביידן. זיי האָבן געלעבט אַ שטיל, גליקלעך און רו־איק לעבן, פשוט געהאַט דאָס גן־עדן אויף דער וועלט.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז שיינע פאַרגאַנגען אין טראָגן, און יאָסל איז געווען גליקלעך ביז גאָר, ווען ער איז דאָס געוואָר געוואָרן. די גאַנצע צייט פון איר שוואַנגערשאַפט האָט ער געציטערט איבער איר, פונקט ווי מען ציטערט איבער אַן אויסגעבעטן קינד. ער איז איר כסדר נאָכגעגאַנ־גען, געפּרוווט טרעפן איר מינדעסטן פאַרלאַנג, נישט דערלויבט איר אויפ־צוהויבן אַ פעדערל פון דער ערד, און אַפילו צוגענומען אַ דינסט אין שטוב אַריין, כדי זי זאָל נישט דאַרפן טאָן די מינדעסטע אַרבעט אַפילו, און אַז גאָט האָט געהאָלפן און שיינע איז בשלום צוגעקומען שוין צום לעצטן חודש, האָט יאָסקע געלופן צו איר דעם דאָקטער וואַסילי מאַקאַראָוו, ער זאָל זי באַטראַכטן, און זאָגן צי אַלץ גייט טאַקע צו ווי סע דאַרף צו זיין.

דער דאָקטער וואַסילי סעמיאָנאָוויטש מאַקאַראָוו, אַ גוי מיט אַ בלאָנדן בערדל, וואָס איז שטאַרק ענלעך געווען צו אַ יידן, איז געקומען צו גיין און אויפמערקזאַם באַטראַכט שיינען. ער האָט גלייך פעסטגע־שטעלט אַז אַלץ איז אין בעסטן אָרדענונג און ס'איז נישטאָ מיט וואָס זיך איבערצונעמען. אַ שמייכלענדיקער האָט ער אַריבערגעקוקט איבער די גאָלדענע ברילן זיינע און פאַרזיכערט יאָסלען אַז אַלץ גייט צו נאָרמאַל, און אַז עס זיינען פאַראַן גוטע האָפענונגען אויף אַ לייכטן געבורט. ער האָט בלויז פאַרבאָטן שיינען צו טאָן שווערע אַרבעט, אָנגעזאָגט אַז זי זאָל נישט הויבן קיין משא, און בכלל זיך היטן פאַר יעדער אָנשטרענגונג.

יאָסל האָט געשמייכלט, ווי סע שמייכלט אַ מענטש וואָס פאַרשטייט אַליין וואָס ער האָט צו טאָן, נאָר לשם זיכערקייט וועגן פרעגט ער אַן עצה אויך ביי נאָך אַ מענטש. מיט אַ טאָן פון אַ „קאָלעגע פון פאַך" האָט ער געענטפערט וואַסילי סעמיאָנאָוויטשן:

— פאַרלאָזט אייך אויף מיר, דאָקטאָר, איך האָב שוין דאָס אַלץ איר אָנגעזאָגט פון פריער, און דעריבער האָב איך ספּעציעל צוגענומען אַ דינסט אין שטוב אַריין.

וואַסילי סעמיאָנאָוויטש האָט העפלעך געשמייכלט אויסהערנדיק אָט דעם ענטפער, אָבער אין זיך האָט ער געטראַכט מיט שנאה און קנאה וועגן אָט דעם „זשידאָווסקע פעלדשערל", וואָס פאַרגינט זיך צו האָבן אַזאַ קראַסאַוויצע פאַר אַ ווייב. „אַזאַ זשידאָק" — האָט געטראַכט דער דאָק־טאָר און אַלץ געשמייכלט אונטער די בלאָנדע וואָנצעס זיינע — „פאַר־

דינט אַזוי פיל געלט, כאָטש ער האָט נישט קיין דיפּלאָם, און ערשט האָט ער נאָך אַזאַ שיין ווייבל דערצו..." — ער האָט עס אים פּשוט נישט גע־קאָנט פאַרגינען.

אָבער אַרויסגעוויזן האָט ער גאָרנישט. ער האָט זיך העפלעך גע־זעגנט, געגעבן שיינען אַ קוש אין דער האַנט אַריין און אָנגעזאָגט אַז ווי־באַלד שיינע וועט דערפילן ווייען, זאָל מען אים גלייך רופן. דאַן האָט ער אַ גלעט געטאָן די וואָנצעס, נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אויף שיינען און איז אַוועקגעגאַנגען.

עס איז געקומען די גליקלעכע שעה און שיינע האָט מיט מזל געבוירן אַ טעכטערל, אַ געזונטס און אַ שיינס פּונקט ווי די מאַמע. מען האָט איר אַ נאָמען געגעבן רחל־לאה, נאָך דער פאַרשטאָרבענער באָבען. די פרייד פונעם יונגן פּאָרפאָלק איז געווען אין־לשער. יאָסל האָט אַראָפּגעבראַכט פון אַלאַפּאַליע זיין מאַמען חיה־שרה מיט דער קליינער פייגע־גיטעלען. ער האָט געפּראַוועט אַ שמחה מיטן פולן קנאַק. מ'האָט געהוליעט און גע־ווילט זיך ווי אויף אַ ברית. גאַנץ קריוואָזער האָט זיך משמח געווען און מיטגעפרייט זיך מיט יאָסל דעם רופאס גליק.

חיה־שרה איז געווען אין זיבעטן הימל פאַר נחת. אַזאַ שיין קינד, מען זאָל עס נאָר קיין בייז אויג נישט געבן, חלילה. ערשט איז עס דאָך געווען איר ערשט אייניקל. זי איז אויך צופרידן געווען פון דעם נאָמען וואָס מען האָט געגעבן דער קליינער. זי האָט געהאַלטן אַז ס'איז אַ סגולה אַ נאָמען צו געבן אַ קינד נאָך אַזאַ צדקת ווי ס'איז געווען איר שוויגער ע"ה. אַ גליקלעכע איז זי מיט פייגע־גיטעלען צוזאַמען צוריקגעפאָרן קיין אַלאַ־פּאַליע.

## IX

די קליינטשינקע רחל־לאהלע איז געוואַקסן און אַנטוויקלט זיך ווי אַ שיין בלימעלע, און טאַטע־מאַמע האָבן זיך געקוויקט דאָס האַרץ קוקנדיק אויף איר. נישט איינמאָל פלעגט שיינע צורופן איר מאַן און ווייזן אים ווי דאָס קינד הויבט שוין אָן צו שטעלן זיך אויף די פיסלעך, ווי עס קומט איר אַרויס אַ ציינדל, ווי עס שמייכלט, ווי עס לאַכט צו דער זון. יאָסל פלעגט לאָזן שטיין די גאַנצע אַרבעט און צוזאַמען מיט זיין ווייב קוקן אויפן קינד, און אַ גרויסע פרייד פלעגט איבערפולן זייערע ביידנס הערצער.

אָבער ווען רחל־לאהלע איז אַלט געוואָרן אַנדערטהאַלבן יאָר, האָט זי ווינטער־צייט, בשעת די גרויסע קעלטן, געכאַפּט אַ פאַרקילונג און דערנאָך קראַנק געוואָרן אויף דיפטעריט.

יאָסל מיט שיינען זיינען געווען פאַרצווייפלט און נישט געוווסט וואָס צו טאָן. דיפטעריט איז צו יענער צייט געווען אַ קרענק אָן אומהיילבאַרע, און די מעדיצין האָט נאָך נישט געהאַט אַנטדעקט קיין מיטלען צו באַקעמפן אָט די קרענק פון וועלכער עס פלעגן יעדן ווינטער אויסשטאַרבן טויזנטער קליינע קינדער. יאָסל האָט געטאָן דאָס וואָס ער האָט געקאָנט — ער האָט גערופן וואָסילי סעמיאָנאָוויטשן, אָבער דער דאָקטער האָט בלויז געדרייט מיטן קאָפּ, פאַרשריבן פון יוצא וועגן פאַרשיידענע רפואות, אויסגעפּרוווט די אומזיכערע מיטלען וואָס ער אַליין האָט אויך געוווסט אַז קיין סך העלפן קאָנען זיי נישט, און אומבאַהאָלפן געמוזט צוקוקן ווי דאָס שיינע קינד שטאַרבט אַלעמען אין די אויגן.

דאָס יונגע פּאָרפאָלק האָט איבערגעלעבט אַ גרויסן טרויער. ערשט נישט לאַנג ווי זייער שטוב איז פול געווען מיט פרייד און ליכטיקייט, ערשט נישט לאַנג האָט דאָס קליינטשינקע עופהלע באַשיינט מיט איר ליכטיקן פנימל יעדעס ווינקעלע — און דאָ איז מיטאַמאָל אויסגערונען זייער גאַנץ גליק. דאָס יונגע ביימעלע איז אָפּגעהאַקט געוואָרן, נאָך איידער עס איז אויפגעוואַקסן. פינצטער איז געוואָרן דאָס געמיט פון יאָסלען און שיינען און זיי האָבן זיך פשוט נישט געקאָנט קיין אָרט געפינען. אָבער די צייט היילט אַלע וווּנדן און ביסלעכווייז האָבן זיי ביידע אָנ־

געהויבן שלום צו מאַכן מיטן גערדאַנק, אַז אַזוי איז עס געשען און מיט קיין שום האַרצוועייטיק קאָן מען דאָס נישט פאַריכטן. איינער האָט דעם אַנדערן אויסגערעדט ס׳האַרץ:

— מיר זיינען נאָך יונגע מענטשן — האָט יאָסל צערטלעך געטרייסט זיין פרוי — מיר זיינען נישט די איינציקע וואָס עס געשעט זיי אַזאַ אומגליק. מיר טאָרן זיך נישט אונטערגעבן דעם ווייטיק און צעברעכן אונדזער געזונט. מיר דאַרפן לעבן און ווייטער האָפן צו גאָט.

שיינע האָט זיך צוגעהערט צו איר מאַנס רייד און פון אירע פייכטע אויגן האָבן ווידער אָנגעהויבן צו שטראָמען די טרערן. זי האָט געפילט אַז ס׳איז איר שווער, זייער שווער צו פאַרגעסן, אָבער זי האָט גאָרנישט געענטפערט.

די צייט האָט אָבער דאָך באַוויזן אירס, און ביסלעכווייז האָבן זיי ביידע שוין אָנגעהויבן צו פאַרגעסן. זיי זיינען געווען יונג און זיך ליב געהאַט, געפונען אַ גייסטיקן אָנשפּאַר איינער אין אַנדערן, און די גרויסע ליבע זייערע איז געווען פאַר זיי אַ טרייסט אין אָט דער שווערער צייט.

עס זיינען אַוועק עטלעכע חדשים און שיינע האָט ווידער פאַרשוואַנגערט. זיי האָבן ביידע אויסגעקוקט מיט ציטער אויפן טאָג פון געבורט, און אָט דער טאָג איז ענדלעך געקומען — שיינע האָט געבוירן אַ ייִנגעלע. דעם נייעם „גאַסט” האָט דאָס יונגע פּאָרפאָלק אויפגענומען מיט גרויס פרייד, מען האָט געפּראַוועט אַ וואַזשנעם ברית און דעם קינד האָט מען אַ נאָמען געגעבן נחמן, נאָך יאָסלס פאָטער ע״ה.

אָבער אויך פון דעם קינד איז זיי נישט באַשערט געווען צו האָבן קיין נחת. דער ניי־געבוירענער זון זייערער, אויף וועלכן זיי האָבן אויסגעקוקט מיט אַזוי פיל אומגעדולדיקייט און פון וועלכן זיי האָבן דערוואַרט אַ טרייסט, — איז געבוירן געוואָרן אַ קרענקלעך קינד, וואָס האָט נישט געגעבן קיין האָפענונגען, עס זאָל קענען לאַנג לעבן.

ווידער איז וואַסילי סעמיאָנאָוויטש געוואָרן אַן אָפטער איינגייער ביי יאָסלען אין שטוב, אַריבערגעקוקט איבער זיינע גאָלדענע ברילן צום קליינעם קראַנקן נפשל, פאַרשריבן רפואות סתם אַזוי פאַר יוצא וועגן, געטאַפּט אומבאַהאָלפן דעם דופק, אָבער אין זיין פּנים האָט מען לייכט געקאָנט דערקענען, אַז ער קוקט ווי אַ האָן אין בני־אדם און אַז זיין גאַנצע חכמה וועט דאָ גאָרנישט העלפן, ווייל ער קאָן אַפילו נישט געפינען די סיבה פון דער קרענק.

דאָס קינד האָט זיך געמאַטערט אַ קורצע צייט און געשטאָרבן.

## בנציון פאַלעפאַדע

אַט דאָס צווייטע אומגליק האָט שוין שיינען און יאָסלען גאָר צעבראָכן. זיי האָט זיך אָנגעהויבן אויסווייזן אַז גאָטס שטראָף הענגט איבער זייער הויז, אַז דער אויבערשטער וויל זיי באַשטראָפן פאַר עפּעס אַ גרויסער זינד וואָס זיי זיינען באַגאַנגען.

— פאַרוואָס, גאָטעניו, שטראָפסטו אונדז אַזוי? — האָט שיינע געוויינט טאָג און נאַכט — פאַרוואָס קומט עס מיר?

יאָסל האָט געטראַכט אַז ער ווייס יאָ פאַרוואָס גאָט שטראָפט אים. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער און אַ מרה־שחורהדיקער. „נישט אַנדערש — האָט ער געטראַכט אין זיך — נאָר דער ריבונו־של־עולם באַשטראָפט מיך אַזוי, ווייל איך בין זיך שלעכט באַגאַנגען מיט מיין געוועזענער כלה, ווען איך האָב צוריקגעשיקט די תנאים". ער האָט אָנגעהויבן צו גלייבן אַז יעדער מענטש מוז אָפּקומען אַ שטראָף פאַר זיינע שלעכטע מעשים, אַז אומגליקן קומען נישט אומזיסט. אָבער שיינען האָט ער נישט געוואָגט צו דערציילן וועגן אָט די געדאַנקען זיינע, נאָר אין איינעם אַ טאָג האָט ער באַשלאָסן צו פרעגן אַן עצה ביים שטאָטישן רב.

דער רב איז געווען נאָך גאָר אַ יונגערמאַן. דעם כסא־הרבנות האָט ער געירשנט פון זיין טאַטן וואָס איז אויך געווען רב אין קריוואָזער. עס איז טאַקע געווען ערשט קורץ נאָך דעם ווי ער האָט איבערגענומען די רבנות, דאָך האָט ער זיך שוין געפירט מיט דער זעלביקער חשיבות ווי דער אַלטער רב ע"ה. ער האָט אויפגענומען יאָסלען אין זיין חדר, אַליין זיך געזעצט אויף זיין רבנישער שטול און געהייסן יאָסלען זיך צוזעצן.

— שלום עליכם אַ ייד! — האָט ער דערלאַנגט יאָסלען שלום און געפרעגט — וואָס זאָגט איר עפּעס גוטס?

יאָסל, אַ צעבראָכענער פון זיין צווייפאַכיקן אומגליק האָט נישט געוווסט וויאַזוי אָנצוהויבן. ער האָט געטראַכט ביי זיך, אַז מודה זיין זיך פאַרן רב, איז פונקט אַזוי ווי פאַרן ריבונו־של־עולם אַליין, און עס האָט נישט געפעלט קיין סך ער אַל זיך צעוויינען ווי אַ פּיצל קינד.

דער רב האָט באַמערקט זיין קווענקלען זיך. ער האָט באַטראַכט יאָסלען און דערפילט אַז מען דאַרף אים צוגעבן מוט.

— איר שעמט אייך צו ריידן? — האָט ער געפרעגט מיט אַ ווייכער שטים — דערציילט אַלץ וואָס אייך ליגט אויפן האַרצן. פאַר אַ רב מעגט איר זיך אין אַלץ מודה זיין און גאָרנישט פאַרהוילן.

— איך וועל אַוודאי גאָרנישט פאַרלייקענען — האָט יאָסל געענטפערט — איך וועל אייך אַלץ דערציילן. צוליב דעם בין איך דאָך צו אייך

געקומען. — ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע און ווידער אָנגעהויבן צו ריידן. — רבי, איך בין באַגאַנגען אַ גרויסע זינד. איך האָב מבייש געווען אַ יידי־שע טאָכטער. איך האָב מיט איר תנאים געשריבן און שפּעטער חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערער... — און יאָסל האָט דערציילט דעם רב פון אָנ־הויב ביזן סוף וויאַזוי אַלץ איז פאָרגעקומען, און דערנאָך האָט ער אים דערציילט וויאַזוי גאָטס שטראָף האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זיין הויז און ביידע קינדער זיינען אים געשטאָרבן. — רבי! — האָט ער זיך צע־וויינט — איך גלויב באמונה שלמה, אַז דורך מיינע זינד זיינען אומגעקו־מען מיינע אומשולדיקע עופהלעך. העלפט אונדז, רבי, מיר זיינען יונגע מענטשן, ערשט ס׳דריטע יאָר נאָך דער חתונה, און שוין אַזויפיל צרות און אומגליקן דורכגעמאַכט.

דער יונגער רב איז געזעסן אַ פאַרטראַכטער. ער האָט אויסגעהערט יאָסלען ביזן סוף, געלאָזט אים זיך אויסוויינען, באַרויקט אים מיט גו־טע ווערטער און לסוף האָט ער אים אַזוי געזאָגט:

— מבייש זיין אַ יידישע טאָכטער איז אַ גרויסע עבירה, און דערפאַר האָט אייך דער אויבערשטער באַשטראָפט. אָבער די גרעסטע עבירה קאָן מען מכפּר זיין מיט תשובה. בכן איז מיין עצה, אַז איר זאָלט אַהינפאָרן אין יענעם שטעטל טאַקע און בעטן מחילה ביי דער פאַרשעמטער, און טאָמער וועט זי אַליין אייך נישט מוחל זיין זאָלט איר גיין צום דאָרטיקן רב און אים בעטן אין מיין נאָמען אַז ער זאָל רופן די געוועזענע כלה אייע־רע, און זען צו פועלן ביי איר אַז זי זאָל אייך יאָ מוחל זיין. און נאָך עצה איך אייך, אַז איר זאָלט קויפן עפּעס אַ טייערע מתנה און שענקען איר, בכדי אַזוי אַרום וווייכער צו מאַכן איר האַרץ, און איצטער גייט, יונגער־מאַן, און זייט מצליח, און דער אויבערשטער וועט העלפן.

יאָסל האָט באַדאַנקט האַרציק דעם רב פאַר דער עצה, איבערגעלאָזט אַ שיינעם פדיון און אַוועק אַהיים. איצט האָט ער שוין געמוזט אַלץ דער־ציילן שיינען. ער האָט דאָך געמוזט איר זאָגן וווהין ער פאָרט עם פּלוצ־לינג אַוועק פון דער היים. זי האָט אים נישט געמאַכט קיין פאָרווורפן. זי האָט אים בלויז שטיל אויסגעהערט און געגעבן איר הסכמה, ער זאָל פאָרן זיך זען מיט זיין געוועזענער כלה און בעטן ביי איר מחילה.

יאָסל האָט זיך גענומען גרייטן צו דער רייזע. ער האָט געקויפט פאַר זיין געוועזענער כלה זייער אַ טייערע מתנה, אַ פּאָר גרויסע און שיינע זילבערנע לייכטער און איז אַוועקגעפאָרן. אָנקומענדיק אַהינצו איז ער גלייך פון דער באַן אַוועק צום דאָרטיקן רב, און אים אַלץ דערציילט.

דער רב האָט אויסגעהערט יאָסלס רייד, און גלייך געשיקט רופן אַן עדה יידן, און יאָסלס געוועזענע כלה, וועלכע האָט שוין דערווייל חתונה געהאַט און איז שוין געווען אַ מאַמע פון קינדער. דער רב האָט מיט גוטע רייד גענומען אויפוויזן דעם ווייבל, אַז וואָס ס'איז געשען איז געשען, און זי דאַרף איר געוועזענעם חתן מוחל זיין און דורך איר עקשנות מער נישט ברענגען קיין אומגליקן אויף זיין קאָפּ.

יאָסל האָט געשוויגן. בשעת דער רב האָט גערעדט איז ער געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. און ווען דער רב האָט געענדיקט ריידן האָט ער דערלאַנגט זיין געוועזענער כלה די מתנה וואָס ער האָט איר געבראַכט, און אַ פאַרצווייפלטער איז ער געפאַלן צו אירע פיס:

— זיי מיר מוחל מיינע זינד קעגן דיר! האָב רחמנות! — האָט ער זיך געבעטן מיט אַ קול וואָס איז געווען פאַרשטיקט פון די טרערן.

דאָס ווייבל האָט אויך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן די טרערן און וויינענדיק האָט זי אים געענטפערט:

— איך בין דיר מוחל!

דער רב האָט באַפוילן יאָסלען ער זאָל אויפשטיין.

— פאָר אַהיים בשלום צו דיין ווייב. דער אויבערשטער וועט העלפן און אַלץ וועט זיין גוט. אם ירצה הש"ית וועסטו שוין מער פון קיין צער נישט וויסן, און אויב דו וועסט געבענטשט ווערן מיט קינדער, זאָלסטו געדענקען וואָס איך זאָג דיר אַן און דערציען זיי פאַר גוטע און פרומע יידן, און דו זאָלסט זיי מגדל זיין לתורה לחופה ולמעשים טובים.

אַ שטראַלנדיקער פאַר פרייד, האָט יאָסל זיך אויפגעהויבן, דערלאַנגט דעם רב דעם צוגעגרייטן פדיון, באַדאַנקט אַלעמען און פול מיט נייע האָפענונגען איז ער אַוועק צום באַן, כדי וואָס שנעלער דערציילן זיין ווייב די גוטע בשורה.

דעם רבס ברכה איז מקוים געוואָרן. פון דעמאָלט אָן האָבן זיך בא יאָסלען די קינדער געהאַלטן. ער האָט געפירט אַ גליקלעך לעבן מיט זיין פרוי, און די קינדער זיינע זיינען געוואַקסן ווי שיינע בוימער אָן אַ מכשול, און די עלטערן האָבן פון זיי געהאַט זייער פיל נחת.

***

פייגע־גיטעלע האָט די דאָזיקע מעשה מיט איר ברודער יאָסלען פאַר־געדענקט אויף איר גאַנץ לעבן. ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט זי עס דער־

ציילן יעדן איינעם, אַלס אַ באַווייז אַז מען טאָר נישט קיינעם פֿאַרשעמען און אַז פֿאַר זינד מוז מען אָפּקומען אַ פֿאַרדינטע שטראָף. אַפֿילו אין די שפּעטערדיקע יאָרן ווערן פֿייגע־גיטעלע איז שוין געווען אַ רייפֿער מענטש, פֿלעגט זי אויך שטענדיק דערמאָנען אָט די מעשׂה, און אויב מען פֿלעגט לאַכן פֿון איר און חוזק מאַכן פֿון אָט דעם גלויבן אירן, פֿלעגט זי בייז ווערן און געבעטן מ׳זאָל נישט לאַכן דערפֿון, ווייל זי גלויבט דערין מיט דער גאַנצער נשמה אירער.

# X

חיה־שרה איז קראַנק געוואָרן. זי, וואָס האָט אַמאָל געשמט פאַר דער שטאַרקסטער יידענע, פאַר דער גרעסטער בריה אין שטעטל, זי וואָס האָט נישט קיין מורא געהאַט פאַר דער שווערסטער אַרבעט, איז מיטאַמאָל ווי צעבראָכן געוואָרן און אַ שוואַכע, און אויסגעשעפּטע געלעגן אין בעט. אָבער ווייזט אויס אַז נישט פון דער שווערער אַרבעט איז איר דאָס גע־קומען, נאָר פון די איבערלעבענישן, פונעם צער און פון די יסורים, וואָס האָבן זיך אָראָפּגעלאָזט אויף איר קאָפּ, און מער פון אַלעם אפשר האָט אַזוי געווירקט אויף איר די גרויסע איינזאַמקייט און עלנט אין וועלכער זי האָט איצטער געלעבט.

איר מאַן איז אויפן עולם־האמת, די שוויגער אין וועלכער זי האָט גע־גלויבט ווי אין אַ סגולה איז אויך שוין נישט צווישן די לעבעדיקע. די קינ־דער זיינען זיך אַלע צעפלויגן ווי די פייגל פון די נעסטן. ד עלטסטע שוועסטער, סאָסל, האָט חתונה געהאַט און באַזעצט זיך מיט איר מאַן אין קעשענעוו, יאָסל איז געווען אין קריוואָזער, די אַנדערע יינגלעך זיינען זיך אויך צעפאָרן אין די גרויסע שטעט צו זוכן עפּעס פרנסה פאַר זיך. מיט חיה־שרהן איז געבליבן בלויז פייגע־גיטעלע, וועלכע איז דערווייל אונטערגעוואקסן און גענומען אויף זיך דעם גאַנצן עול פון דער שטוב־אַרבעט.

אַ מאָדנע איז זי געווען אַט די קרענק חיה־שרהס. עס האָט זיך אָנ־געהויבן דערפון וואָס זי האָט געפילט עפּעס אַ שוואַכקייט אין אַלע אברים, און געווען איז עס אַזוי ווי זי וואָלט אָנגעווירן ניט נאָר דעם כוח צו דער אַרבעט, נאָר אויך דעם מוט און דעם חשק עפּעס צו טאָן אין שטוב. זי פלעגט בלייבן ליגן אין בעט און טראַכטן. ביז דעמאָלט פלעגט איר קיינ־מאָל נישט איינפאַלן, אַז אַ מענטש קאָן ליגן און זינקען אין מחשבות, אָבער איצטער וואָלט זי נאָר געלעגן און געטראַכט. און די געדאַנקען אי־רע זיינען אויך געווען עפּעס אַזעלכע אומעטיקע און מאָדנע: זי פלעגט מאַכן טיילמאָל אַ חשבון־הנפש פון איר גאַנץ ביז־איצטיקן לעבן. „נאָכ־וואָס האָב איך געלעבט? — פלעגט איר איינפאַלן — וואָס האָב איך דען



אויפגעטאָן מיט מיין לעבן? מיט מיין גאַנצער פּראַצע און האָרעוואַניע? וואָס פאַר אַן ענדע דערוואַרט מיך?״

פייגע־גיטעלע פלעגט זי צורופן צום טיש, זי זאָל עפּעס עסן, אָבער חיה־שרה האָט מערסטנטייל זיך געמאַכט נישט הערנדיק, און עס פלעגט אָנקומען דער טאָכטער זייער שווער, אַז די מאַמע אירע זאָל עפּעס נעמען אין מויל אריין. וואָס אַמאָל איז חיה־שרה געוואָרן מער אָפּגעשוואַכט, און וואָס אַמאָל שווערער איז דער עול געפאַלן אויף פייגע־גיטעלעס אַקסלען, ביז וואַנען ס׳איז דערגאַנגען דערצו אַז זי האָט געמוזט טאָן אַלץ אין שטוב און דערצו נאָך דאַרפן אַרומגיין לעבן איר קראַנקער מאַמען, וואָס איז געלעגן אין בעט און פאַרלאַנגט נאָר איין זאַך: מען זאָל זי נישט טשעפּען.

דאָס בלויזע אַרומגיין לעבן אַזאַ קראַנקער ווי חיה־שרה איז געווען פיל שווערער ווי די שווערסטע אַרבעט. דאָס ערגסטע איז צו האָבן צו טאָן מיט אַ קראַנקן וואָס איז רעזיגנירט פון אַלץ און וויל נישט געזונט ווערן, און אַזאַ קראַנקע איז טאַקע געווען חיה־שרה. ווען פייגע־גיטעלע פלעגט איר דערלאַנגען אַ גלאָז טיי, אָדער אַביסעלע מילך, האָט זי איר דאָס געמוזט איינריידן, ווי מען רעדט איין אַ קליין, קאַפּריזנע קינד, עס זאָל עפּעס עסן.

אַזוי האָט זיך פייגע־גיטעלע איינגעשפּאַנט אינעם יאָך. זי האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז זי איז נאָך אַליין אַ יונג קינד און דאַרף ערשט אָנהויבן צו לעבן אויף דער וועלט. אַנדערע מיידלעך גייען אַרום און שפּאַצירן, און זי פאַרבראַכט אַפּ אירע יונגע יאָרן אין דער ליימענער הייזקע, שטענדיק פאַרהאָרעוועט און זעט נישט די ליכטיקע וועלט פאַר די אויגן. נישט איינמאָל האָט זי געטראַכט וועגן דעם, אָבער דער מאַמען האָט זי קיינמאָל גאָרנישט געזאָגט, נישט געוואָלט אַז די מאַמע זאָל פילן ווי שווער זי איז איר צו לאַסט געפאַלן.

געווען אַ שטילער פאַרנאַכט. פייגעלע האָט זיך צוגעזעצט אַ מידע פון אַ גאַנצן טאָג שווערער אַרבעט. זי קוקט אויף די טונקעלע שאָטנס וואָס קריכן אַרוים פון די ווינקלען און פאַרהילן די ליימענע שטוב אין אַ בין־השמשותדיקער מרה־שחורה. דאָרט אין ווינקל, ליגט אין בעט די קראַנקע מאַמע און ראַנגלט זיך צווישן טויט און לעבן, און מער איז אַחוץ איר, פייגעלען, קיינער נישטאָ אין שטוב.

זי האָט זיך דערשראָקן פאַר אָט דער איינזאַמקייט, פאַר אָט דעם שטילן טרויער וואָס האָט איינגעהילט די שטוב ווי מיט אַ שוואַרצן שלייער, און וואָס שנעלער אָנגעצונדן דאָס קליינע קעראָסינענע לעמפּל.

עס האָט איר אַרומגענומען אַ גוואַלדיקער פאַרלאַנג צו דערפילן לעבן זיך עמעצן אַ נאָענטן, אַז זי זאָל נישט זיין אַזוי עלנט און איינזאַם. זי האָט אַרויסגענומען פון ערגעץ אַ שופלעדל אַ בויגעלע פּאַפּיר און אַ קאָנווערט און מיט אַ שווער געמיט זיך געזעצט שרייבן אַ בריוו צו איר ברודער יאָס-לען. זי האָט נישט בדעה געהאַט צו שרייבן אים אַלץ, כדי אים נישט שטאַרק איבערצושרעקן, אָבער ווען זי האָט אָנגעהויבן שרייבן, האָבן זיך די ווערטער שוין אַליין געריסן פון אונטער איר פּעדער אַרויס. נישט קיין ווערטער זיינען עס געווען, נאָר וויי-געשרייען געבאָדענע אין הייסע טרערן, וואָס האָבן פון אירע אויגן געקאַפּעט אויפן בריוו אַרויף:

— ברודער מיינער טייערער! — האָט זי געשריבן — ווען דו זאָלסט איצט אַריינקומען צו אונדז אין שטוב און דערזען וואָס עס איז געוואָרן פון אונדזער מאַמען, וואָלסטו ערשט פאַרשטאַנען פאַרוואָס איך שרייב דיר דעם דאָזיקן בריוו. איך בין די איינציקע וואָס איז דאָ פאַרבליבן מיט איר אין דער גרויסער און פוסטער שטוב, און כ'ווייס נישט פונוואַנען עס וועט קומען אונדזער הילף. קום צו פאָרן, ברודער טייערער, ס'איז דאָך אונדזער מאַמע, און מיר טאָרן דאָך זי נישט לאָזן אויסגיין אין טרויער און אין עלנט. איך דערוואַרט דו זאָלסט קומען וואָס שנעלער

דיין אומגליקלעכע שוועסטער

פייגע-גיטעלע.

זי איז צוגעפאַלן מיטן פּנים צום בריוו און לאַנג געכליפּעט ביז זי איז אַנטדרימלט געוואָרן. דאָס פאַרויכערטע קעראָסין-לעמפּל האָט גע-וואָרפן אַ מאַגערן שיין אויף דער שלאָפנדיקער, און די אַנדערע העלפט-שטוב ווו ס'איז געשטאַנען דאָס בעט מיט דער קראַנקער איז ווייטער פאַרבליבן איינגעהילט אין שאָטן. אַ טרויער האָט אַרויסגעקוקט פון יעדן ווינקל און געצאַנקט אין דער לופט, פּונקט ווי עס האָט געצאַנקט דאָס שוואַכע פלעמל פונעם בידנעם לעמפּל.

***

יאָסל האָט גלייך נאָכן דערהאַלטן דעם בריוו געדונגען אַ פור און גע-קומען צו פאָרן קיין אַלאַפּאַליע. שוועסטער און ברודער זיינען זיך אַרויפ-געפאַלן אויפן האַלדז און לאַנג געוויינט. יאָסלען איז שווער אָנגעקומען איינצונעמען פייגע-גיטעלען, און ווען זי האָט זיך באַרואיקט איז ער ערשט אַריין אין דער שטוב און צוגעגאַנגען צו זיין קראַנקער מאַמעס בעט.

מעשה געניטער רופא האָט ער גענומען איר האַנט אין זיינער און אוים-געהערט איר פולס. דערנאָך האָט ער אַוועקגערופן פייגע-גיטעלען אָן אַ זייט:

— דאָ אין אַלאַפּאָליע איז נישט פאַראַן קיין שום דאָקטער, מוז איך דעריבער שוין צוריקפאָרן קיין קריוואָזער מיט דער זעלבער פור און ברענגען פון דאָרטן וואַסילי סעמיאָנאָוויטשן.

ער איז טאַקע גלייך אַוועקגעפאָרן און נאָך דעם זעלביקן טאָג איז שוין וואַסילי סעמיאָנאָוויטש געווען אין אַלאַפּאָליע, אָבער ער האָט קיין גרויסע האָפענונגען נישט געגעבן. יאָסל האָט איינגעלייגט וועלטן. ער האָט זיך געלאָזט קאָסטן און געברענגט פון דער פרעמד נאָך דאָקטוירים. ער אַליין איז די גאַנצע צייט נישט אָפּגעטראָטן פון זיין מאַמעס בעט, אָבער אַלע באַמיאונגען זיינען געווען אומזיסט. חיה-שרה האָט זיך נאָך אָפּגעמוטשעט אַ וואָך צייט און איז געשטאָרבן ביי אירע קינדער אויף די הענט.

יאָסל איז שוין געבליבן אין אַלאַפּאָליע זיצן שבעה צוזאַמען מיט זיין שוועסטער. ערשט איצטער האָבן זיי דערפילט ווי שטאַרק זיי האָבן זיך ליב, און ווי שטאַרק זיי האָבן ליב געהאַט די פאַרשטאָרבענע מאַמע זייע-רע. דער געמיינזאַמער צער און ווייטיק האָט זיי פאַראייניקט.

יעדן טאָג איז געקומען אַ מנין יידן און יאָסל האָט געזאָגט קדיש נאָך דער מאַמען. נאָך דער שבעה האָט ער געפונען אַ שכן און פאַרדונגען די שטוב. פון בוידעם האָט ער אַראָפּגענומען אַ גרויסן קויש וואָס איז דאָרטן געשטאַנען פון לאַנגע יאָרן אָן. אין אָט דעם קויש האָט ער איינגעפּאַקט דאָס בעטגעוואַנט, די אַנדערע קליינע שטוב-זאַכן און פייגע-גיטעלעס נויטיקע זאַכן און מלבושים. פייגע-גיטעלע האָט קיין שום זאַך נישט פאַר-געסן. זי האָט אויסגעזוכט און מיטגענומען איר טאַטנס, ר' נחמנס ע"ה, קידוש-בעכער. אָט דער בעכער איז ביי איר געבליבן אַ הייליקער אָנדענק במשך פון איר גאַנץ לעבן און פאַר קיין שום פרייז אין דער וועלט האָט זי זיך נישט געוואָלט שיידן דערמיט.

אויף צומאָרגנס האָט יאָסל געפונען אַ פור און צוזאַמען מיט זיין שוועסטער פייגע-גיטעלען, וואָס איז איצטער שוין געווען אַ קיילעכיקע יתומה, אַפּגעפאָרן קיין קריוואָזער.

# XI

מען קאָן נישט זאָגן אַז שיינע איז געווען גאָר שטאַרק צופרידן דערפון, וואָס יאָסל האָט אַהיימגעבראַכט צו זיך זיין שוועסטער פייגע-גיטעלען צוזאַמען מיט איר גאַנצן באַגאַזש, אָבער זי איז צו קלוג געווען אַז זי זאָל עפּעס אַרויסווייזן און דעריבער האָט זי געשוויגן און גאָרנישט געזאָגט איר מאַן וועגן איר אומצופרידנהייט.

שוין ביים באַגריסן זיך, ווען שוועסטער און ברודער זיינען אָנגעקומען און זיך צעקושט מיט איר, האָט שיינע אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם אַז יאָסל איז באַגאַנגען אַ נאַרישקייט, אָבער זיי האָבן נאָך אַלץ באַוויינט זייער מאַמעס טויט. און טרערן זיינען געפלאָסן פון זייערע אויגן, האָט שיינע זיי מכלומרשט מיטגעפילט און מיט אַ זויבער טיכעלע אויך געווישט אירע טרוקענע אויגן.

פייגע-גיטל איז שוין דעמאָלט אַלט געווען ניינצן יאָר, און די צרות האָבן זי געמאַכט נאָך מער רייף און צעוואַקסן ווי אירע יאָרן. מיט גרויס פאַרגעניגן האָט זי זיך אומגעקוקט איבער איר ברודערס נגידישער שטוב, איבער דער פאַרמעגלעכער באַלעבאַטישקייט זיינער, און ס׳האָט איר שטאַרק הנאה געטאָן וואָס ביי איר ברודער שיינט די זון אין יעדן ווינקעלע. מיט גרויס ליבשאַפט האָט זי אַרומגענומען און געקושט אירע פּלימעניקעס, יאָסלס צוויי קינדער, אַ מיידעלע און אַ יינגעלע. ביידע זיינען געווען שיין און קלוג, און געהאַט אַלע חנען פון דער גאַנצער וועלט אויף זייערע קינדערשע פּנימלעך. „אָט דאָ — האָט פייגע-גיטל געטראַכט — וועל איך שוין קענען פאַרגעסן אין מיינע אומגליקן, און אַביסל קענען קומען צו מיר נאָך דעם אַלעם וואָס איך האָב דורכגעמאַכט אין אַלאַפּאַליע.”

אָבער נאָכן אָפּזיין עטלעכע וואָכן ביי איר ברודער איז געקומען די ביטערע אַנטוישונג: זי האָט באַמערקט, אַז שיינע איז נישט איבעריק צופרידן דערפון וואָס זי, פייגע-גיטעלע, איז אָנגעקומען אַהערצו.

אין אָנהויב האָט פייגע-גיטעלע אַפילו געפּרוווט אויסריידן זיך אַליין, אַז אפשר איז עס נישט אַזוי, אפשר דוכט זיך איר בלויז אויס, ווייל שיינע איז געווען צו קלוג, בכדי אַרויסצווייזן איר שוועגערן אָפענערהייט וואָס

זי טראַכט, אָבער דאָך, ווען פייגע־גיטעלע האָט אָנגעהויבן נאָכטראַכטן און דערמאָנען זיך פאַרשיידענע קלייניקייטן, מכלומרשט אומבאַדייטנדי־קע ווערטער און האַנדלונגען, איז זי פּאַרט געקומען צום אויספיר, אַז אַזוי איז עס, אַז שיינע וואָלט זייער געוואָלט זי זאָל אוועק פון דאַנען. זי האָט עס זיך געפּרוווט אַרויסשלאָגן פון קאָפּ, פאַרטרייבן אָט דעם געדאַנק, גע־וואָלט אַז דאָס אַלץ זאָל זיך אַרויסווייזן פאַר איר טעות, אָבער יעדער טאָג האָט איר געבראַכט פרישע באַווייזן, אַז זי האָט קיין טעות נישט געהאַט.

יאָסל האָט אין אָנהויב גאָרנישט באַמערקט. ער איז געווען צופיל פאַרהאָרעוועט אין די צוויי פרנסות זיינע און קיינמאָל נישט געהאַט קיין צייט זיך צו פאַרטראַכטן דעריבער. אָבער סוף־כל־סוף האָט ער אויך באַ־מערקט די מאָדנע האַלטונג פון זיין ווייב און באַשלאָסן זיך דורכריידן מיט איר. באַזונדערס האָט ער געוואָלט סתם אויסהערן וואָס זיין ווייב טראַכט וועגן זיין שוועסטער. ער האָט איינמאָל געפונען אַ פּאַסיקן מאָמענט, און געזעצט זיך מיט שיינען טרינקען אַ גלעזל טיי און אומגעריכטערהייט אַ פרעג געטאָן:

— ווי געפעלט דיר עפּעס מיין שוועסטער פייגע־גיטעלע?

— וואָס האָט זי מיר צו געפעלן אָדער נישט צו געפעלן? — האָט שיינע אויסמיידנדיק זיין בליק געענטפערט און פאַרטראַכטערהייט גע־זופּט די טיי. נאָך אַ ווייל האָט זי ווידער אָנגעהויבן ריידן: — דו רעכנסט דען אַז דיין שוועסטער זאָל שוין ביי אונדז בלייבן אויף תמיד?

— זאָל גאָט אָפּהיטן, זי איז דאָך אַ מיידל, און אַז ס׳וועט קומען די צייט און ס׳וועט זיך מאַכן אַ פּאַסיקער שידוך וועלן מיר זי חתונה מאַכן. זי איז דאָך געבליבן אַ קיילעכיקע יתומה, און איך אַלס עלטסטער ברו־דער בין מחויב זי צו פאַרזאָרגן און מאַכן פאַר אַ לייט. ס׳איז אונדזער ביידנס חוב איר צו פאַרטרעטן טאַטע־מאַמע. דאָס איז אַ גרויסע מצווה, מיין ווייב, און אַז גאָט וועט העלפן און זי וועט חתונה האָבן, וועט זי זיך דערמאָלט גיין געזונטערהייט מיט איר מאַן.

— איך בין דיר נישט דערווידער — האָט שיינע געענטפערט מיט אַ פרום פּנים, און צוגעגעבן: — דו ביסט דאָך דער מאַן, און אַז דו ווילסט אַזוי, זאָל זיין אַזוי...

— דו דאַרפסט אָבער אויך אַזוי וועלן — האָט יאָסל געזאָגט קוקנ־דיק מיט חשד אויף זיין פרוי — ווער דען אויב נישט מיר? ס׳איז דאָך אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך.

— איך זאָג דען עפּעס? איך זאָג גאָרנישט. מילא, מיר וועלן לעבן,

וועלן מיר זען. און אַז דו ווילסט אַזוי, זאָל זיין אַזוי; איך וועל זיך מיט דיר נישט שפּאַרן.

שיינע האָט געוואָלט אויסמיידן פאַר יעדן פּרייז אַ קריגעריי ביי זיך אין שטוב. ס׳איז איר איינגעפאַלן אַ בעסערער פּלאַן און דער דאָזיקער פּלאַן איז איר אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן, אַז זי האָט אַזש אָנגעהויבן אונטערצושמייכלען צו אירע געדאַנקען, אַזאַ הנאה האָט זי געהאַט פון איר איינפאַל. דער פּלאַן אירער איז געווען אַ פּשוטער ביז גאָר: פייגע־גיטל איז אַ געזונטע מויד און קאָן גאַנץ גוט טאָן די שטוב־אַרבעט, איז צו וואָס דאַרף מען נאָך האַלטן אַ דינסט אין שטוב און איר צאָלן שכירות און געבן עסן. אויב פייגע־גיטל דאַרף שוין יאָ בלייבן דאָ, זאָל מען כאָטש האָבן אַ נוצן פון איר, און אויב ווידער ס׳וועט איר נישט געפעלן די אַר־בעט, מילא דעמאָלט וועט זי אַליין זוכן אַ וועג אַוועקצוגיין.

און טאַקע גאָר אין קורצן האָט שיינע פאַרווירקלעכט איר פּלאַן. זי האָט געפונען עפּעס אַן אויסרייד און אָפּגעזאָגט די דינסט וואָס זיי האָבן געהאַלטן ביז דעמאָלט, און זיך נישט געאיילט צו געפינען אַן אַנדערע. דער אויסרייד איז געווען, אַז די דינסט האָט אַליין פּלוצלינג אַוועקגע־וואָרפן איר פּאָסטן, און זי קאָן נישט אַריינעמען אַבי וועמען אין שטוב אַריין, ווייל ס׳רוב דינסטן זיינען גנבטעס. און אַזוי ווי די אַרבעט אין שטוב מוז דאָך פאָרט געטאָן ווערן, האָט שיינע צו ביסלעך איינגעשפּאַנט פייגע־גיטעלען אין יאָך אַריין, אַזוי אַז איידער זי האָט עס אַליין באַמערקט האָט זי, פייגע־גיטעלע, פאַקטיש פאַרנומען דאָס אָרט פון דער דינסט ביי איר ברודער אין שטוב. זי האָט געקאָכט, געוואַשן, געפּרעסט, געריבן די פּאָלן, און שיינע, וועלכע האָט אין אָנהויב איר אַביסעלע צוגעהאָלפן מכלומרשט, האָט שפּעטער אויך די דאָזיקע הילף איר נישט געגעבן און אָנגעהויבן זיך צו פירן מיט איר, טאַקע ווי אַן אמתע באַלעבאָסטע.

אַזוי זיינען פאַרביי עטלעכע חדשים און פייגעלע האָט דערפילט אַז זי צאָלט אַ צו הויכן פּרייז פאַר דעם „היים״, וואָס איר ברודער און שווע־גערין געבן איר. אויב שוין יאָ זיין אַ דינסט, האָט זי געטראַכט, אויב שוין יאָ טאָן די שווערסטע אַרבעט איז שוין גלייכער ביי פרעמדע. זי וועט אַרבעטן מיט ווייניקער פאַרדרוס און וועט אויך קריגן באַצאָלט דערפאַר. אָט דער געדאַנק איז איר אַריין אין קאָפּ אַריין און זי האָט אָנגעהויבן צו זוכן אַ וועג וויאַזוי זיך צו באַפרייען פון אָט דער „זיסער היים״. זי האָט באַשלאָסן איינגאַנצן אַוועקצופאָרן פון קריוואָזער, אָבער וווהין זי זאָל פאָרן, דאָס האָט זי אַליין נישט געוווסט.

דעמאָלט טאַקע האָט אין איר אויפגעטויכט דער טרוים, וואָס זי האָט אַרומגעטראָגן אין זיך נאָך פון קינדהייט אָן, דער טרוים צו ווערן אַ יידי־שע אַקטריסע.

פייגעלע איז אַלט געווען צוועלף יאָר, ווען קיין אַלאַפּאַליע האָט פאַר־בלאָנדזשעט אַ טרופּע מיט יידישע אַקטיאָרן און זי האָט דעמאָלט צום ערשטן מאָל געזען שפּילן יידיש טעאַטער. זי איז געזעסן אויף דער פאָר־שטעלונג מיט אייגעלעך, וואָס האָבן געגלאַנצט פון אַנטציקונג, מיט אַן אָפּן פאַרגאַפט מיילעכל, און ווען די פאָרשטעלונג האָט זיך געענדיקט, האָט זיך איר געדוכט אַז זי האָט דערזען פאַר זיך אַ נייע, אַ גאַנץ אַנדע־רע וועלט, און דעמאָלט טאַקע האָט זי זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין, אַז זי מוז ווערן אַ יידישע אַקטריסע.

ווען די טרופּע איז אַוועקגעפאָרן האָט פייגעלע נאָך אַ לאַנגע צייט געבענקט און נאָכגעזונגען זייערע לידער, און נאָכגעמאַכט זייער שפּילן. איינמאָל האָט זי צונויפגענומען אַלע אירע חברטעס, און האָט מיט זיי צוזאַמען אַליין געמאַכט אַ טעאַטער. דאָס שטעלעכל פון דער ציג איז גע־ווען דער טעאַטער. די ציג האָט מען דערווייל אַנגעבונדן אין דרויסן, און די שטאָל אויסגערייניקט, פון צוויי אַלטע קעסטלעך האָט מען געמאַכט אַ בינע, און פון עטלעכע אַלטע אויסגעוואַשענע זעק אַ פאָרהאַנג. דאָס „חשובע פובליקום" וואָס איז באַשטאַנען פון אַלע קינדער אין שטעטל, האָט געצאָלט מיט קנעפּלעך פאַרן אַריינגאַנג. ווען דער טומל אין שטאָל האָט זיך איינגעשטילט, איז פאַרן „חשובן פובליקום" אויפגעטראָטן פיי־געלע, אָן אויסגעפּוצטע אין שמאַטעס און געשפּילט און געזונגען אַלע לידלעך וואָס זי האָט געזען און געהערט. דער קינדערשער טומל און גע־לויף פאַרן ציגן־שטאַל האָט צונויפגערופן אַלע שכנים און אַחוץ די קינ־דער האָבן אויך דערוואַקסענע זיך אַנגעהויבן צו שטופּן אין „טעאַטער־זאַל" אַריין. פייגעלע האָט זיך כמעט גאָרנישט איבערגענומען נאָר ווײ־טער געזונגען און געשפּילט, און זי האָט טאַקע שטאַרק אויסגענומען אַזוי ביי די גרויסע ווי ביי די קליינע „צושויער און צוהערער". לאַנג דערנאָך האָט מען דערציילט די חידושים וויאַזוי פייגע־גיטעלע האָט עס געשפּילט טעאַטער. עס האָבן זיך אַפילו געפונען אַלאַפאַליער „מבינים", וואָס האָבן פאַרויסגעזאָגט אַז פון אָט דער פייגעלען וועט נאָך אַמאָל אַרויסוואַקסן אַ גרויסע „אַקטריצע"...

דעמאָלט טאַקע איז אין פייגעלעס נשמה געבוירן געוואָרן איר גרוי־סער חלום: צו ווערן אַ יידישע אַקטריסע און אַוועק אין דער ברייטער

וועלט אַריין. און פון אָט דעם חלום האָט זי זיך נישט געקאָנט באַפרייען די גאַנצע צייט. אָבער אויב ביז איצטער האָט אָט דער חלום בלויז גע־דרימלט אין איר טיף, טיף, איז ער איצט קאַפּויערגעקומען מיט אַ נייער קראַפט. זי האָט באַשלאָסן אָוועקצופאָרן פון איר ברודער און שוועגערן, זיך לאָזן אין דער ברייטער וועלט אַריין און זוכן אַן אופן וויאַזוי צו דער־שלאָגן זיך צו איר געגאַרטן ציל.

אַ צופאַל האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט אָט דעם באַגער אירן. גראָד אין יענער צייט, גראָד אין יענעם קריטישן מאָמענט, ווען זי האָט אַזוי זיך געראַנגלט מיט איר גורל, קעמפנדיק מיט זיך אַליין און זוכנדיק אַן אופן וויאַזוי זיך צו באַפרייען פון איר געפאַנגענשאַפט, גראָד דעמאָלט איז אָנגעקומען אַ יידישע טרופּע קיין קריוואָזער. זיי האָבן אָפּגעדונגען אַ גרויסן שטאַל, אויסגעשטעלט עטלעכע פעסער און אויסגעלייגט ברעטער, און אַזוי אַרום אויסגעבויט אַ פּראָוויזאָרישע בינע. אויף אַלע גאַסן האָבן זיך באַוויזן פּלאַקאַטן אַז אינגיכן וועט פאָרקומען די ערשטע פאָרשטע־לונג. מען וועט שפּילן גאָלדפאַדנס באַרימטע אָפּערעטע „שולמית".

דאָס שטעטל איז געגאַנגען אויף רעדלעך. אַלע האָבן זיך געגרייט צו גיין אין טעאַטער. אויך פייגעלע האָט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ געוואַרט אויפן טאָג פון דער פאָרשטעלונג.

# XII

די קליינע טרופּע, וואָס איז אָנגעקומען איוף גאַסטראָלן קיין קריוואָזער איז באַשטאַנען פֿון אַ פֿאַמיליע — טאַטע־מאַמע און עטלעכע קינדער — און נאָך אַ צוויי־דריי אַקטיאָרן, און דאָס איז געווען אַלץ. אין דער דאָזיקער טרופּע האָט זיך אויך געפֿונען אַ גאָר יונגער אַקטיאָר, בעני, אַ שיין יינגל מיט אַ פֿיינער שטימע, וועמען די טרופּע האָט געפֿונען ערגעץ בשעת די וואַנדערונגען און אים גלייך אויפֿגעכאַפּט ווי אַן אבן־טוב. ער האָט געהאַט אַ סך מעלות, אָט דער בעני טאַקע: קודם־כּל האָט ער זיך געלאָזט לערנען און צווייטנס האָט ער ליב געהאַט די בינע און דאָס נייע פֿאַך זיינס ביז גאָר. די דירעקטאָרשע אַליין האָט אים געלערנט וויאַזוי ער זאָל זיך האַלטן אויף דער בינע, וואָס פֿאַר אַ באַוועגונגען מע דאַרף מאַכן, וויאַזוי מען דאַרף גיין און שטיין, זעצן זיך וכדומה סודות פֿון דער דעמאָלסטיקער אַקטיאָרישער פּראָפֿעסיע, און בעני, ווי געזאָגט, איז געווען אַ וווּיל יינגל און אַזוי ווי ר'האָט זיך געלאָזט לערנען, און פֿעאיק איז ער אויך געווען, האָט ער שנעל געכאַפּט די חכמה, און גאָר אינגיכן געוואָרן אין דער טרופּע דאָס אויבערשטע פֿון שטויסל. נאָך די ערשטע וואַנדערונגען איבער די בעסאַראַבער און פּאָדאָליער שטעטלעך האָט ער זיך אַפֿילו שוין אָנגעהויבן איינריידן אַז ער האָט דערגרייכט צו עפּעס אַ מדרגה. אין דער טרופּע האָט מען אים שוין געהאַט פֿאַרעכנט פֿאַר אַן אייגענעם, מען האָט אים געגעבן די בעסטע ראָלן צום שפּילן, וווּ־זשע האָט זיך געקאָנט גלייכן צו אים? — ער האָט דערפֿילט זיין חשיבות און די בינע איז אים אַריין אין בלוט.

די בינע... מערסטנטייל איז עס געווען נישט מער ווי עטלעכע ברעטער, וואָס מען האָט צונויפֿגעקלאַפּט און אַרויפֿגעלייגט אויף דריי־פֿיר פֿעסער, און דער טעאַטער־זאַל איז באַשטאַנען פֿון אַ שטאַל אָדער אַ שייער, וואָס מען פֿלעגט אָפּדונגען און אויסריייניקן ספּעציעל פֿאַר דעם צוועק. אָבער בעני האָט אַלץ גענומען פֿאַר ליב. אים האָט נישט געאַרט אָט די בינע פֿון די צעטרייסלטע ברעטער, נישט דער הונגער און נישט דאָס אייביקע וואַנדערן. פֿאַר אים איז גענוג געווען אַרויסצוקומען פֿאַרן

„געערטן פובליקום" און שפילן, און זינגען מעג זיין אפילו אָן מוזיק, און אַבי זיין אויער האָט אויפגענומען די רוישיקע אַפּלויזן, איז אים שוין נישט אָנגעגאַנגען, וואָס די דאָזיקע אַפּלויזן זיינען געווען דער כמעט איינציקער לוין, וואָס ער האָט באַקומען פאַר זיין אַרבעט.

צו ביסלעך איז ער געוואָרן אַן אמתדיקער באַהעם, כאָטש ער אַליין האָט דאָס כמעט ווי נישט באַמערקט. איידער ער האָט זיך אַרומגעזען זיינען אין טומל און אין שיכרות פון טעאַטער־לעבן אַוועק גאַנצע דריי יאָר אָן אַ ציל און אָן אַ צוועק. ווו געטאָגט — דאָרט נישט גענעכטיקט. דאָס אייביקע וואַנדער־לעבן האָט אים פאַרהאַרטעוועט ווי אַ פעלדז. נישט דערעסן אָדער נישט דערשלאָפן איז געוואָרן ביי אים אַ מין ספּאָרט, וואָס האָט שוין מער קיין גרויסע באַדייטונג נישט געהאַט. ער האָט געלעבט מיט איין־איינציקן באַגער: שפּילן טעאַטער, מיט אָט דעם געדאַנק איז פול געווען זיין מוח, און זיין האַרץ, און אַלע זיינע חושים. אין דער קליי־נינקער טרופּע האָט מען דאָס באַנומען און ווי געהעריק אָפּגעשאַצט, און דער דירעקטאָר אַליין האָט פאַר אים געהאַט דרך־ארץ.

איצטער איז ער צוזאַמען מיט אָט דער טרופּע אָנגעקומען אין אָט דעם קליינעם שטעטעלע, וואָס אין פּאָדאָליער גובערניע — קריוואָזער. ווי געוויינלעך האָט מען איינגעאָרדנט דעם טעאַטער אין אַ שטאַל, די בינע קוים צונויפגעקלאַפּט אויף אַ אימפּראָוויזירטן אופן, און דער יונגער שטערן באַווייזט וואָס ער קאָן און קלויבט אַפּלאָדיסמענטן פאַר זיין פיין שפּילן און פאַר זיין געזאַנג.

ס'איז געווען אַ שטילע פרילינגדיקע נאַכט, מיט אַ פאַרשיכורנדיקער דופטיקער לופט. איבער קריוואָזער האָט אַרומגעשפּאַצירט אַ רונדיקע לְבנה, אַ זילבערדיק־שיינענדיקע און שמייכלענדיקע, און דער הימל איז געווען אַ טונקל־בלויער און אויסגעשטערנטער. אין אַזאַ נאַכט איז דער יונגער בעני אַרוים דורך דער הינטער־טיר פונעם שטאַל ווו מען האָט אָקערשט פאַרענדיקט די פאָרשטעלונג און זיך געלאָזט גיין אַהיים, צו זיך אין קוואַרטיר. ס'איז שוין געווען דער צווייטער ספּעקטאַקל אין קרי־וואָזער. מען האָט געשפּילט גאָלדפאַדענס „שולמית", און דער יונגער בעני האָט געשפּילט אַבשלומען. ער איז געווען צופרידן פון זיך און פון זיין שפּילן. אין זיינע אויערן האָבן נאָך געקלונגען די רוישיקע אַפּלאָדיסמענ־טן, מיט וועלכע דאָס „געערטע און חשובע פובליקום" האָט אים באַשאָנ־קען. ער איז געגאַנגען און אין דער נאַכטיקער שטילקייט געשמייכלט צו זיך אַליין.

פלוצלינג האָט ער דערהערט הינטער זיך דריבנע מיידלשע טריט און אַ שטים:

— אַנטשולדיקט...

ער האָט זיך אויסגעדרייט. פאַר אים איז געשטאַנען אַ יונג מיידל. אין דער טונקלקייט פונעם אָוונט האָט ער נישט געקאָנט באַמערקן דעם אויסדרוק פון איר פּנים, אָבער דאָך האָט ער באַמערקט אין בלאַסן לבנה־שיין די אומאַנטשלאָסנקייט און שעמעוודיקייט פון אירע באַוועגונגען.

— אַנטשולדיקט — האָט זי איבערגעחזרט מיט אַ ציטערדיקער שטימע — איך האָב זיך געוואָלט באַקענען מיט אייך.

בעני איז געווען אי פאַרוווּנדערט און אי אַנטציקט מיט איר קוראַזש. ער האָט איר דערלאַנגט די האַנט און געענטפערט:

— איך האָב אייך שוין אַנטשולדיקט, און עס איז מיר זייער אַנגענעם מיט אייך זיך צו באַקענען..

איצטער האָט דאָס מיידל געשוויגן אַ פאַרלוירענע און בעני האָט פאַרגעלייגט:

—אפשר ווילט איר זיך אַביסל דורכשפּאַצירן מיט מיר?

— יאָ! — האָט זי געענטפערט פּשוט און מיט פרייד — איך וויל זיך דורכגיין מיט אייך אַביסל, אויב עס איז אייך נישט צו שווער.

— שווער? — האָט בעני זיך שטיפעריש צעלאַכט — גיין שפּאַצירן אין אַזאַ נאַכט, און נאָך דערצו מיט אַ יונג שיין מיידל איז שוין גאָרנישט שווער. —

זיי זיינען געגאַנגען זייט ביי זייט און געשוויגן און ס'האָט זייביידן פאַרפעלט ווערטער אויף אָנצוקניפּן דעם ווייטערדיקן שמועס.

— איך האָב אייך היינט געזען שפּילן דעם היסטאָרישן העלד — האָט פייגעלע ענדלעך געטאָן אַ זאָג.

— יאָ? איר זענט היינט געווען אויף דער פאָרשטעלונג?

— יאָ. געווען, און איך... בין אַנטציקט פון אייך... און איך בין גליקלעך צו האָבן די געלעגנהייט צו רעדן מיט אייך פּערזענלעך.

בעני איז געווען שטאַרק צופרידן. ער האָט זיך געפילט זייער געשמייכלט פון אָט די ווערטער. דאָס איז געווען עפּעס מער ווי אַן אַנאָנימער אַפּלויז. אויך האָט ער געפילט די גאַנצע אויפריכטיקייט פון אירע ווערטער, אין וועלכע עס האָט אָפּגעקלונגען איר באַגייסטערונג. ער האָט איר געוואָלט אָפּדאַנקען דערפאַר מיט אַ גוט וואָרט און געענטפערט:

— עס איז זייער אַנגענעם צו הערן אַ גוטע מיינונג פון אַזאַ יונג און

שיין מיידל ווי איר. איך בין אייך זייער דאַנקבאַר דערפאַר, ווייל נאָר אַ מיינונג פון אַזאַ יונג און נאַאיוו מיידל קאָן דערמוטיקן אַ יונגן אַקטיאָר ווי איך...

— עס איז נאָר אַ שאָד — האָט זי פאַרחלומט גערעדט ווייטער, ווי זי וואָלט נישט געהערט אינגאַנצן זיינע רייד — ס׳איז אַ שאָד, אַזאַ אַזאַ מענטש ווי איר, זאָל דאַרפן שפּילן אין אַ פערד־שטאַל און נישט געפינען זיך אין אַן אמתדיקן טעאַטער.

בעני האָט איר אָנגעקוקט אַ פאַרוווּנדערטער. שפּילן אין אַן אמת־דיקן טעאַטער איז געווען זיין גרעסטער טרוים.

— אפשר וועט נאָך קומען אַמאָל די צייט — האָט ער געענטפערט, אַקצענטירנדיק יעדעס וואָרט מיט טיפן גלויבן און ענטוזיאַזם — אַז כ׳וועל נאָך האָבן די גליקלעכע געלעגנהייט און די זכיה צו שטיין אויף אַן אמתדיקער בינע און שפּילן פאַר אַ גרויסן עולם.

— איר זענט נאָך יונג. איר דאַרפט זיך נאָר אַרויסרייסן פון אָט דער סביבה, און טאָן אַלץ כדי צו דערגרייכן אייער ציל צו וועלכן איר שטרעבט.. איך בין זיכער אַז איר וועט עס אַמאָל דערגרייכן.

בעני האָט זיך פאַרטראַכט.

— איך בין אייך דאַנקבאַר — האָט ער לסוף געזאָגט — פאַר אייער פאַרויסזאָגן מיר אַ גוטע צוקונפט, און איך פיל מיר שטאַרק צופרידן פון אייער גוטער מיינונג איבער מיר און מיין שפּילן. — ער האָט אויסגע־שטרעקט זיין האַנט און שטאַרק אַ דריק געטאָן אירע — איר זענט אַ האַרציק מיידל...

ער איז געגאַנגען לעבן איר, געטראַכט וועגן עפּעס און געמורמלט:

— אינטערעסאַנט, זייער אינטערעסאַנט... כ׳מיין אָט די באַגעגעניש מיט אייך.

נאָך אַ ווײַלע האָט ער צוגעגעבן:

— ס׳וואָלט געווען זייער גוט, ווען איך זאָל שטענדיק אייך האָבן לעבן מיר. איר וואָלט אפשר געווען די, וואָס וואָלט מיך אַרויפגעפירט אויפן ריכטיקן וועג, אַזוי אַז כ׳זאָל קאָנען שנעלער דערגרייכן מיין ציל.

פייגעלע האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס, אָבער זי האָט פּלוצלינג דערפילט, אַז אַ ציטער גייט דורך איר לייב. זי האָט אויפגעהויבן אירע אויגן צום אויסגעשטערנטן הימל און פאַרטראַכטערהייט אַ זאָג געטאָן:

— אָט דאָס איז אויך מיין חלום, פון וועלכן איך וועל מיך שוין נישט קענען באַפרייען. ס׳איז מיר שווער אפילו פאַרצושטעלן זיך אַזאַ גליק, ווי

צו האָבן אייך פּאַר אַ פּריינט, און איינער זאָל העלפן דעם אַנדערן אויס־חלומען בשותפות און פאַרווירקלעכן אונדזערע טרוימען. און ווען איר זאָלט מיר דערלויבן — האָט זי ווייטער געצויגן איר געדאַנק — וואָלט איך געוואָלט נישט נאָר אייך פירן, נאָר אויך העלפן אייך מיט אַלע מיי־נע כוחות... ווי שיין דאָס וואָלט געווען...

גייענדיק אַזוי, מיט לאַנגזאַמע פאַרטראַכטע טריט, האָבן זיי ביידע נישט באַמערקט, אַז זיי זיינען שוין אַרויס הינטער דער שטאָט. פאַר זיי האָבן זיך געצויגן אין דער נאַכטיקער שטילקייט די פרייע דופטיקע פעל־דער. זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט, און גלייכצייטיק זיך צעשמייכלט. די ער־שטע האָט פייגעלע אויסגערופן מיט אַ קינדעריש־שטיפעריש געלעכטערל:

— מיר זיינען דאָך שוין אויסער דער שטאָט! דאָ איז דאָך שוין סטעפּ!

— דאָס איז וואונדערבאַר — האָט בעני געענטפערט — דאָ זיינען מיר נישט אַליין. אָט פּאַשען זיך פערד אויף דער לאָנקע, און אויף דער גרעס־טער בינע איז נישט פאַראַן אַזאַ גרויסאַרטיקער רעפלעקטאָר ווי אָט די פולע לבנה. ערשט דער הימל! אַזאַ מין אויסגעהאַפטענער הימל מיט אַזוי־פיל גלאַנצנדיקע שטערן, און די לופט? ווו האָט איר נאָך אַ שמעקעוודיקע לופט? אַ־אַ... — האָט ער מיט אַ גיריקן אָטעם אַריינגעצויגן אין זיך די נאַכטיקע דופטיקע לופט, וואָס האָט געשמעקט מיט טוי און מיט פריש־קייט. —

— מירן גיין צוריק — האָט פייגעלע קוקנדיק אין הימל אַריין זיך אָנגערופן — מיר זיינען שוין פאַרגאַנגען אַביסעלע צו ווייט...

אַ ווײַלע זיינען זיי געשטאַנען פאַרטראַכטע און צעשמייכלטע איינער אַנטקעגן אַנדערן, און האָבן זיך געקוויקט מיט די נאַכטיקע ריחות פון די גראָזן. ביידנס אויגן האָבן געבלאַנדזשעט ערגעץ אין הימל, צווישן די מי־ליאָנען פינקלדיקע שטערן, ביז זייערע בליקן האָבן זיך פּלוצלינג באַ־געגנט. אין דער זילבערנער שאָטנדיקייט פונעם אָוונט האָבן זיי קוים זיך געקאָנט זען, אָבער דאָך האָבן זיי ביידע זיך איינגעגעסן, איינער אין אַנ־דערן, מיט גיריקע יונגע בליקן.

— איר ווילט זיך מאָרגן ווידער טרעפן מיט מיר? — האָט בעני פּלוצ־לינג אַ פרעג געטאָן — עס ווילט זיך מיר נאָכאַמאָל הערן אייערע נאַאיווע ווערטער, עס איז זייער גוט, ווען מען האָט עמעצן ווי איר — צו טיילן זיך מיט איינדרוקן, מיט גוטס און שלעכטס... — אייגנטלעך האָט ער, בעני,

געוואָלט זאָגן לגמרי עפּעס אַנדערש, אָבער ער האָט זיך צוריקגעכאַפּט.
— איז וואָס־זשע זאָגט איר צו מיין פאָרשלאָג? — האָט ער נאָכאַמאָל געפרעגט.

— יאָ, מיר וועלן זיך נאָך טרעפן — האָט זי געענטפערט — אַ סך מאָל זיך טרעפן. אָבער איצט מוזן מיר זיך צעשיידן. איך וווין ביי מיינעם אַ חתונה־געהאַטן ברודער... איר וועט מיר מוזן העלפן אויסטראַכטן עפּעס אַ תירוץ, פאַרוואָס איך קום אַהיים אַזוי שפּעט פון דער פאָרשטעלונג אין יידישן טעאַטער.

— איך מיין אַז דער אמת איז דער בעסטער תירוץ. זאָגט אייער ברודער, אַז איר האָט זיך היינט באַגעגנט מיט אַבשלומען און איר ווילט ווערן זיין שולמית.

— דאָס הייסט פּשוט זיך מודה זיין, און אויספּועלן בלויז אַז די שטראָף זאָל זיין אַ מילדערע.

— אויב איר ווילט קאָן איך אייך באַגלייטן און אין איינוועגס שוין זיין אייער פאַרטיידיקער אויך.

פייגעלע האָט זיך צעלאַכט.

— איך האָב מורא — האָט זי געזאָגט — אַז איר וועט דערמיט בלויז ערגער מאַכן מיין לאַגע.

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין אַהיים. פייגעלע האָט אָנגעהויבן פאַרשנעלערן די טריט, אַזוי אַז בעני האָט אויך געמוזט שוין גיין שנעלער. ווען זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען פאַר זיין קוואַרטיר, האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט און געזאָגט:

— אָט דאָ וווין איך.

— יאָ, איך ווייס — האָט זי געענטפערט — ביי זיסקינד זייגערמאַכער.

— נו, גוט, וועלן מיר זיך געזעגענען, הייסט עס. נו, און מאָרגן וועלן מיר זיך טרעפן, איאָ? — האָט בעני געפרעגט — אויב ס'איז אייך באַקוועם, קומט צו מיר, דאָס הייסט, צו זיסקינד זייגערמאַכער.

— גוט, מיין אַבשלום. מאָרגן קום איך צו אייך. אגב, די זיסקינדס זיינען זייער פריינטלעכע מענטשן, פירן זיך גרויסשטאָטיש. אָבער דאָך וועט זיין גלייכער, אויב מיר וועלן מאַכן דעם אָנשטעל אַז מיר טרעפן זיך צום ערשטן מאָל ביי זיי...

— איך וועל פּינקטלעך אויספירן אייער באַפעל, מיין שולמית — האָט בעני שטיפעריש געענטפערט מיט כלומרשטער ערנסטקייט.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ שמייכל און פּלוצלינג האָט זי אַרומגעוויקלט מיט אירע הענט זיין האַלדז, אים אַ קוש געטאָן אין באַק, און ווי זי וואָלט זיך דערשראָקן דערפאַר וואָס זי האָט אָפּגעטאָן איז זי שנעל אַנטלאָפן.

בעני איז שטיין געבליבן און איר נאָכגעקוקט ביז די נאַכטיקע שאָטנס האָבן איינגעהילט איר געשטאַלט. מיט ציטערדיקע פינגער האָט ער אָנגערירט זיין באַק, ווו זי האָט אים אָקערשט אַ קוש געטאָן. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז ער פילט נאָך אירע ליפּן. פאַרטראַכטערהייט איז ער אַוועק צו זיך אין קוואַרטיר, און האָט אַלץ געהאַט דעם איינדרוק אַז זי געפינט זיך נישט ווייט פון אים.

דערנאָך איז ער געלעגן אויף זיין געלעגער מיט אָפענע אויגן און לאַנג נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן.

— זי איז אַ האַרציק מיידל — האָט ער צו זיך אַליין געמורמלט — זייער, זייער אַ האַרציקע...

## XIII

זיסקינד זייגערמאַכער מיט זיין ווייב, מאַדאַם סאָפיאַ, האָבן זיך גע־רעכנט אין קריוואָזער, צווישן דער „אינטעליגענץ״ פון שטעטל. קודם־כל זיינען זיי געקומען אַהער פון אַ גרויסער שטאָט, און ביי די קליינשטעטל־דיקע איז דאָס אַליין שוין געווען גענוג צו האַלטן זיי פאַר „אינטעליגענ־טן״, ערשט איז זיסקינד געווען דער ערשטער וואָס האָט זיך באַוויזן אין קריוואָזער מיט אַזאַ געהויבענער און איידעלער פּראָפעסיע ווי זייגערמאַ־כעריי, און די דאָזיקע מלאכה האָט אים פאַרשאַפט פיל אָנזען. מען איז געקומען צו אים פון דער נאָענט און פון דער ווייט, פון די אַרומיקע דערפער און שטעטלעך. ווער עס האָט נאָר געהאַט ערגעץ־ווו פאַרוואָרפן עפּעס אַן אַלטן זייגער, וואָס איז געלעגן און געזשאַווערט נאָך פון פאַרצייטנס, האָט עס איצטער אַרויסגענומען פון באַהעלטעניש און געבראַכט צום מייסטער זיסקינד, און ער, זיסקינד טאַקע, האָט ממש באַוויזן וווּנדער, ער האָט גע־מאַכט פון טויט לעבעדיק, די אַלטע, פאַרזשאַווערטע זייגערס האָבן אין זיינע הענט גאָר באַקומען אַן אַנדערע צורה: אויסגעפּוצטע, אויפגעפרישטע, האָבן זיי ווידער אָנגעהויבן טיקטאַקעווען און די תושבים פון קריוואָ־זער און אַנדערע שטעטלעך, די פּויערים פון די דערפער, האָבן אַלעמאָל געכאַפּט אַ בליק און פעסטגעשטעלט מיט באַוווּנדערונג אַז טאַקע: דער זייגער גייט. ער האָט באַקומען אַ שם אין דער גאַנצער געגנט און איז געווען ממש פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. פאַרשטייט זיך, אַז קיין פּרנסה האָט אים אַזוי אַרום אויך נישט געפעלט, און צוזאַמען מיטן גוטן נאָמען איז געוואַקסן דאָס קניפּל און אויך דער כבוד און אָנזען. אַלע האָבן זיך באַ־צויגן צו אים און צו מאַדאַם סאָפיאַ מיט גרויס דרך־ארץ.

זיסקינד האָט אויך ליב געהאַט אַ יידיש ביכל און זייער געהאַלטן פון יידיש טעאַטער. איצטער ווען ס׳איז אַראָפּגעקומען אַ יידישע טרופּע קיין קריוואָזער, האָט זיסקינד אַליין געמאָלדן זיין גרייטקייט אַריינצונעמען צו זיך אויף קוואַרטיר אַן אַקטיאָר און נישט פאַרלאַנגט קיין באַצאָלט דער־פאַר. ער טוט עס — האָט ער געזאָגט — לשם שטיצן קונסט און נישט חלילה צו מאַכן אַ פּרנסה דערפון...

עס איז שוין געווען היפּש נאָכמיטיק, ווען פייגעלע האָט זיך אַריינ־געשלייכט צו זיסקינד זייגערמאַכער אין הויז. זי האָט געהאַט אַ צוגע־גרייטן אויסרייד, צו באַרעכטיקן איר באַזוך. זי האָט אַ זייגערל צו פאַ־ריכטן, האָט זי געזאָגט, נאָר זי האָט עס נישט געברענגט, ווייל זי ווייסט נישט צי זיסקינד האָט צייט איצטער זיך צו נעמען דערצו.

— ...אויב איר האָט צייט, — האָט זי געזאָגט צו זיסקינדן — וועל איך עס אייך מאָרגן אַריינברענגען.

— וואָס פאַר אַ פראַגע? — האָט זיסקינד געשמייכלט, און אַוועק־לייגנדיק דאָס געצייג, האָט ער געזאָגט צו איר: — איר דאַרפט עס נאָר ברענגען. אַלץ ווערט ביי מיר געמאַכט, און צייט וועלן מיר שוין געפינען.

אָבער פייגעלע האָט נאָך נישט באַוויזן קיין חשק אַוועקצוגיין, און אַזוי ווי זיסקינד און זיין פרוי האָבן ליב געהאַט צו כאַפּן אַ שמועס, האָט עס זיי גאָרנישט געוווּנדערט וואָס פייגעלע איז פאַרבליבן נאָך אַביסל ביי זיי.

— זעצט זיך „באַרישניאַ" — האָט זיסקינד העפלעך איינגעלאַדן, און אָנגעוויזן פייגעלען אַ שטול.

— זעצט זיך, זעצט זיך — האָט מאַדאַם סאָפיאַ אונטערגעכאַפּט.

דער שמועס איז באַלד אָנגעקנופּט געוואָרן און מען האָט אָנגעהויבן ריידן וועגן דער טרופּע וואָס איז אַראָפּגעקומען שפּילן טעאַטער אין שטעטל.

— זענט איר שוין געווען אין יידישן טעאַטער? — האָט געפרעגט זיסקינד.

— האָט איר שוין געזען די שולמית־פאָרשטעלונג? — האָט מאַדאַם סאָפיאַ געפרעגט גלייך נאָך אים.

— וואָס הייסט איך וועל נישט זען? — האָט פייגעלע אַ פאַרווּיטלטע געשמייכלט — איך בין מן־הסתם געווען פון די ערשטע.

— דאָס איז פיין; ווייסט איר אַז ביי אונדז שטייט איין אַ יונגער אַקטיאָר פון דער טרופּע — האָט זיך מאַדאַם סאָפיאַ באַרימט און דער־ביי אָנגעוויזן אויף דער טיר וואָס האָט געפירט צום אַלקערל, ווו דער אַקטיאָר שטייט איין.

— אַזוי גאָר? אַן אַקטיאָר? — האָט פייגעלע זיך געמאַכט תמעוואַטע

— און איך האָב גאָרנישט געוווּסט דערפון.

— יאָ, אַ יונגער אַקטיאָר, אָט רוף איך אים גלייך אַריין, וועט איר זיך מיט אים באַקענען.

מאַדאַם סאָפיאַ האָט זיך דערנענטערט צו דער טיר, אָנגעקלאַפּט און אויסגערופן:

— מאָסיע בעני! קומט אַריין אויף אַ מאָמענט.

— איך קום גלייך — האָט זיך דערהערט אַן ענטפער, און בעני איז אַריינגעקומען. זיי האָבן אַזוי גוט געשפּילט זייערע ראָלן אַ קיינעם וואָלט נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז זיי זעען זיך נישט צום ערשטן מאָל.

— איך האָב דעם כבוד — האָט מאַדאַם סאָפיאַ גרויסשטאָטיש צו בענין אַ זאָג געטאָן — איך פאָרצושטעלן די פריילן פייגעלע.

זיי האָבן זיך ביידע צעשמייכלט, בעני און פייגעלע, דערלאַנגט זיך די הענט און אויסגערופן ביידע כמעט אין דער זעלבער סעקונדע:

— ס'איז מיר זייער אָנגענעם.

מאַדאַם סאָפיאַ האָט געקוקט אויפן יונגן פּאָרל, אויף זייערע פּרווי־טלטע באַקן, געזען זייער פאַרלעגענעם שמייכל און געטראַכט דערביי:

— איי, ווו נעמט מען זייערע יאָרן...

אָבער אויפן הויכן קול האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— זעצט זיך צו אָט־אָ־דאָ — און אָנגעוויזן צום טיש אויבנאָן — זעצט זיך צו און מיר וועלן פאַרברענגען אַביסעלע צוזאַמען.

— אַ דאַנק! — האָט בעני געענטפערט און זיך אַוועקגעזעצט נעבן פייגעלען ביים טיש.

געהערט דאָס וואָרט „פאַרברענגען”, האָט זיסקינד זיך אויפגעהויבן פון זיין ווערקשטעל, אָפּגעטרייסלט זיך, צוגעגלעט מיט ביידע הענט זיין אונטערגעשוירן בערדל און זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגנאיבער דעם יונגן פאָרפאָלק.

מאַדאַם סאָפיאַ האָט זייער ליב געהאַט אויפצונעמען געסט. זי איז געווען אַ שיינע פרוי אין די מיטעלע יאָרן, מיט שיין פאַרקעמטע רויט־לעכע האָר און אַ הויכן בוזעם. איר איז געפעלן געוואָרן, וואָס אין אַ פּשוטן וואָכעדיקן טאָג זיינען זיך צונויפגעקומען מענטשן און מען קאָן זיצן און כאַפּן אַ שמועס. זי האָט זיך אָנגעהויבן אַרומפאָרען. אַרויסגענומען אַ ווייסן טישטוך און פאַרשפּרייט אויפן טיש, און שפּעטער האָט זי אָנגע־הויבן אַרויסשטעלן כלערליי געטראַנקען און צוביסעכץ.

— דאָס איז זייער אַ גוטער ווישניאַק — האָט זי געזאָגט און אָנגע־וויזן אויף אַ גרויסער פלאַש און אָנגעגאָסן די גלעזלעלעך.

— נעמט צו ביסלעך פון אָט דעם ווישניאַק טאַקע, און פאַרבייסט — האָט זי איינגעלאַדן העפלעך אַ פאַרויטלטע פונעם פאָרען זיך.

בעני מיט פייגעלען האָבן געקוקט אויף זיך צעשמייכלטע און מיט אַ מאָדנער פאַרשעמטקייט און פאַרלעגנהייט אין בליק. זיסקינד האָט דער ערשטער אויפגעהויבן זיין גלעזל:

— לחיים, לאָמיר זיין געזונט! — האָט ער אויסגערופן.

אַלע האָבן נאָכגעטאָן זיין ביישפיל. עס האָבן זיך אויסגעמישט די לחיימס און די גלעזלעך האָבן זיך אַ הויב געטאָן צו די ליפּן, אָבער בעני האָט נאָך באַוויזן פאַרן אויסטרינקען, אָנצוקלאַפּן זיין גלעזל אָן פייגעלעס גלעזל.

— איך טרינק פאַר אייער געזונט פריילן! — האָט ער געזאָגט מיט אַ מאָדנער ערנסטקייט.

— לחיים! — האָט פייגעלע געענטפערט און אָנגעהויבן טרינקען. איר איז פּלוצלינג אויסגעקומען מאָדנע און קאָמיש בענים ערנסטקייט, און אויסערדעם האָט זיך איר געגלוסט צו לאַכן דערפון, וואָס עס איז זיי געלונגען אָפּצונאַרן זיסקינדן מיט מאַדאַם סאָפיאַן און מאַכן זיי גלויבן אַז זיי האָבן זיך באַקענט ערשט איצטער, און בכלל איז פייגעלען געוואָרן עפּעס אַזוי מאָדנע פריילעך, אַז זי האָט זיך שוין לענגער נישט געקאָנט איינהאַלטן און זיך צעלאַכט אינמיטן טרינקען. זי האָט זיך אַזש פאַרכלי־נעט און פאַרשפּריצט מיט ווישניאַק דאָס ווייסע טישטעך. זיסקינד מיט מאַדאַם סאָפיאַ זיינען זיצן געבליבן ווי פאַרשעמט און פאַרלעגן. זיי האָט זי אויסגעוויזן, אַז דאָס לאַכט פייגעלע פון זיי טאַקע, און זיי האָבן זיך ביידע איבערגעקוקט מיט פרעגנדיקע בליקן.

בעני האָט פאַרשטאַנען פאַרוואָס פייגעלע האָט זיך צעלאַכט, ער האָט אָבער אַליין אויך זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און אויך זיך האַר־ציק צעלאַכט, נאָר כדי צו פאַרגלעטן דעם איינדרוק האָט ער, קוים זיך באַהערשנדיק, געזאָגט:

— אַנטשולדיקט מאַדאַם סאָפיאַ! דאָס בין איך דער שולדיקער אין אָט דעם געלעכטער. נישט ווילנדיק האָב איך אָפּגעטרייסלט דעם אַש פון מיין פּאַפּיראָס צו דער פריילן אין גלעזל אַריין.

אָט דער איינפאַל בענים איז פייגעלען אויסגעקומען אַזוי קאָמיש אַז זי האָט זיך נאָך מער צעלאַכט. אָבער זיסקינד און מאַדאַם סאָפיאַ האָבן שוין פאַרשטאַנען אַז דאָס לאַכט מען נישט פון זיי, און זיי אַליין האָבן זיך אויך אָנגעשטעקט מיטן יונגן פריילעכן געלעכטער פון זייערע געסט, און קוקנדיק אויפן יונגן פּאָרל האָבן זיי אויך געלאַכט.



— לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן — האָט זיסקינד זיך געחכמהט און אין איינוועגס באַוויזן ווי אינטעליגענט ער איז.

— איר וועט מיר זייער אַנטשולדיקן, מאַדאַם — האָט פייגעלע אַ פאַרשולדיקטע זיך געווענדעט צו מאַדאַם סאָפיאַ — איך האָב אייך אַ תל-געמאַכט מיטן ווישניאַק פון אייער ווייסן טישטעך...

— ס'מאַכט נישט — האָט סאָפיאַ העפלעך געענטפערט — דאָס קאָן מען אויסוואַשן, אַזוי אַז ס'זאָל קיין צייכן נישט בלייבן.

אַזוי זיינען זיי געזעסן זאַלבעפערט, געטרונקען לחיים, פאַרביסן מיט געשמאַק געבעקס און געשמועסט וועגן פאַרשיידנס, ביז זיי זיינען צוגעקומען צום ענין יידיש טעאַטער. זיסקינד האָט באַדויערט וואָס דאָס יידישע טעאַטער געפינט זיך אין אַזאַ קלעגלעכן צושטאַנד, אָבער די צוויי יונגע פאַנטאַסטן האָבן נישט געוואָלט איינשטימען מיט אים.

— ...נישט קוקנדיק דערויף, וואָס אַקטיאָרן זיינען געצוווּנגען צו שפּילן אין אַזעלכע באַדינגונגען — האָט בעני געזאָגט — נישט געקוקט דערויף וואָס זיי מוזן זיך אַרומשלעפּן אין קליינע שטעטלעך און שפּילן אין פערד-שטאַלן, וועט עס נאָך אַמאָל אויסוואַקסן מיט דער צייט צו אַ גרויסער קונסט-צווייג, און דער יידישער עולם וועט זיך באַציען צו אונדז מיט מער דרך-ארץ. איך פאַרזיכער אייך — האָט בעני ווייטער געצויגן — אַז אין די גרעסערע שטעט, וווּ עס זיינען פאַראַן די מעגלעכקייטן דערפאַר, שפּילט מען שוין איצט גאַנץ פיינעם טעאַטער.

— פאַרוואָס-זשע קומט עס אונדז קליינשטעטלדיקע יידן, אַז מען זאָל פון אונדז חוזק מאַכן? — האָט זיסקינד זיך געקאָכט — אויב ערגעצווו, ווי איר זאָגט, שפּילט מען שענער און בעסער טעאַטער, איז ווער איז שולדיק דעריין, אַז אָט דאָ דערלאַנגט מען אונדז אַזעלכע פאַרשטעלונגען? אויב איר ווילט טאַקע שפּילן גוט טעאַטער, אויב איר שטרעבט צו אמתער קונסט, איז דאָס נישט דער וועג צו קומען צו אונדז מיט אַזאַ טעאַטער. פאַרקערט, דאָ אינעם קליינעם שטעטל דאַרף מען דאָך ערשט דערציען דעם יידן, איז וואָס-זשע קאָן מען לערנען פון אַזאַ טעאַטער? וואָס קאָן פון אַזעלכע פאַרשטעלונגען בלייבן ביים צושויער?

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן הער זייגערמייסטער זיסקינד — האָט בעני אים איבערגעשלאָגן — אָבער איר מוזט דאָך מודה זיין, אַז אָט דאָס שלעכטע טעאַטער איז בעסער ווי גאָרנישט, און גלויבט מיר — ס'איז אַן אומרעכט צו פאַרורטיילן אָט די וואַנדערנדיקע וואַגלער און וואַרפן די שולד אויף זיי פאַר אָט דעם צושטאַנד. פאַרקערט, אויף זייער חשבון דאַרף

מען פאַרשרייבן די גרויסע פאַרדינסטן פאַר זייער אָפּפערווויליקייט מקריב צו זיין זייערע יונגע יאָרן און פאַרשפּרייטן יידישע טעאַטער־קונסט אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך און טאַקע אין שווערע באַדינגונגען. מ׳דאַרף קענען פאַרשטיין און אָנערקענען די גרויסע קרבנות וואָס זיי ברענגען. אָבער סוף־כל־סוף וועלן אָט די וואָגלערס בלייבן אין דער געשיכטע פון יידישער קונסט ווי די בויערס פון יידישן טעאַטער, און נישט קיין אַנדע־רער, און אויב טעאַטער־קונסט וועט זיך פאַרשפּרייטן ביי יידן, וועט מען דאָס האָבן זיי צו פאַרדאַנקען. פאַרשטייט זיך, אַז עס פעלט נאָך איצט די שטיצע פון אַ גרויסער געזעלשאַפט, וואָס זאָל פאַרשטיין די וויכטיקייט פון אָט דער אַרבעט. ווען הינטער דעם יידישן אַקטיאָר זאָל שטיין אַ גרוי־סע און שטאַרקע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אים שטיצן, דעמאָלט וואָלט איר געווען באַרעכטיקט צו פאָדערן פון אים דאָס וואָס איר פאָדערט — בעסער און שענער יידיש טעאַטער, דעמאָלט וואָלט מעגלעך געווען אַרויפצוברענגען דאָס יידישע טעאַטער צו אַ העכערער מדרגה, און דאָס מוז קומען, און איר וועט נאָך זען, אַז עס וועט קומען.

פייגעלע איז די גאַנצע צייט געזעסן און געקוקט בענין גלייך אין מויל אַריין. זי האָט צוזאַמען מיט אים דורכגעלעבט און דורכגעפילט יע־דעם וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט, און איצטער ווען ער איז שוין אַנטשוויגן געוואָרן איז זי נאָך אַלץ געזעסן און געקוקט אויף אים, אַ פאַר־פלאַמטע פון באַגייסטערונג און אפשר אויך פונעם ווישניאַק וואָס זי האָט אויסגעטרונקען. פּלוצלינג האָט זי אים אָנגעהויבן אַפּלאָדירן. זי האָט אַפּלאָדירט אַזוי שטאַרק ווי דעמאָלט, ווען זי האָט אים צום ערשטן מאָל געזען אין טעאַטער, ווען ער האָט געשפּילט די ראָל פון אַבשלום.

— בראַוואָ, בראַוואָ! — האָט זי געשריגן און געפּאַטשט מיט די הענט. זי האָט זיך אויך געוואָלט אַריינמישן אין געשפּרעך, אויך געוואָלט זאָגן איר וואָרט. די ווערטער זיינען איר שוין געלעגן גרייט אויף דער צונג, אָבער עס האָט איר פאַרכאַפּט דעם אָטעם. זי איז געווען אַזוי באַ־גייסטערט פון בענים רייד, אַז זי האָט אים אָנגעהויבן צו דריקן די האַנט און חזרן ווידער און ווידעראַמאָל:

— בראַוואָ! בראַוואָ!

ביידע, סיי בעני און סיי פייגעלע זיינען געווען פאַרפלאַמט און ווי שיכור פון דער איינִיקייט פון זייערע געדאַנקען, אָבער זיסקינד און זיין פרוי האָבן גלייך באַנומען די אמתע סיבה פון זייער ענטוזיאַזם און פון זייער צעהיצטקייט. זיי האָבן געקוקט שמייכלענדיק אויף די צוויי יונגע

מענטשן, און נישט געוווסט צי זאָלן זיי ווייטער שמועסן וועגן טעאַטער, אָדער ניין. באַזונדערס מאַדאַם סאָפּיאַ, וועלכע איז גאָר קיין נאָר נישט געווען, האָט קוקנדיק אויף זיי, באַלד אָנגעהויבן טראַכטן, אַז עס וואָלט גאָר קיין שלעכט פּאָרל נישט געווען. זי האָט זיך טאַקע נישט געקאָנט איינהאַלטן און אַ זאָג געטאָן:

— וויסטו, מיין מאַן, וואָס איך וועל דיר זאָגן? אָט די צוויי לייט וואָלטן געווען אַ גאַנץ גלייך פּאָרל — מען וואָלט זיי געדאַרפט חתונה מאַכן — און זי האָט גלייך אָנגעגאָסן ווידעראַמאָל די גלעזלעך.

אַלע האָבן זיך האַרציק צעלאַכט און אויסגעטרונקען. ביי אַלעמען האָט דער ווישניאַק גאַנץ נישקשהדיק געדווישט אין קאָפּ און פּייגעלע האָט אַ ווונק געטאָן בעניין, אַז ס׳וואָלט שוין געווען צייט איבערצורייסן די דיסקוסיע. זי האָט געפילט, פּייגעלע, אַז אין שטוב איז איר געוואָרן מאָדנע היים און דושנע. זי האָט זיך טאַקע גלייך אויפגעהויבן פון אָרט און אַ זאָג געטאָן:

— נו, איך מוז שוין גיין.

— אויב איר וועט מיר דערלויבן — האָט בעני זיך אָנגערופן און אויך זיך אויפגעשטעלט — וועל איך אייך באַגלייטן אַ שטיקל וועג. הער זיסקינד און מאַדאַם וועלן מיר דערלויבן?

זיי זיינען אַלע פיר געשטאַנען אין אַ קרייז, פון וועלכן די הויכע געשטאַלט פון מאַדאַם סאָפּיאַ האָט זיך אַרויסגעהויבן מיט צוויי קעפּ העכער פון אַלע. זי טאַקע האָט גלייך געענטפערט בעניין:

— וואָס פאַר אַ רעכט האָבן מיר עס יאָ אָדער נישט צו דערלויבן? אויב איר ווילט גייט און באַגלייט זי געזונטערהייט.

פּייגעלע איז געווען שמייכלענדיק און גליקלעך. אַ פאַרוויטלטע האָט זי דערלאַנגט די האַנט זיסקינדן און זיין פרוי און זיך געזעגנט מיט זיי און שפּעטער האָט זי פריילעך אַ רוף געטאָן בעניין:

— קומט, הער אַבשלום!

## XIV

ביידע האָבן געשפּאַנט שוויגנדיקערהייט, און יעדעס פון זיי האָט געצויגן דעם פאָדעם פון זיינע געדאַנקען פאַר זיך. ביידע האָבן געפילט אַז מ׳וואָלט געדאַרפט עפּעס זאָגן, מיט עפּעס אָנהויבן דעם שמועס, אָבער איינער האָט געוואַרט אויפן צווייטן.

ענדלעך האָט בעני איבערגעריסן די שטילקייט:

— ווי געפעלן דיר אָט די מענטשן? כ׳מיין זיסקינד מיט דער מאַדאַם זיינער?

— זיי זיינען זייער האַרציקע מענטשן — האָט געענטפערט פייגע־לע, וועלכע האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף. זי האָט פריי אָפּגע־אָטעמט, ווי זי וואָלט געווען צופרידן דערמיט, וואָס דאָס שווייגן האָט זיך ענדלעך איבערגעריסן.

בעני איז נאָך אַלץ געווען אונטערן איינדרוק פונעם שמועס וואָס ער האָט ערשט נישט לאַנג געפירט מיטן זייגערמאַכער. טעאַטער האָט אים שטענדיק אינטערעסירט מער ווי אַלץ אין דער וועלט, און ער וואָלט גאָר קיינמאָל נישט מיד געוואָרן צו שמועסן און דיסקוטירן דערוועגן גאַנצענע טעג אַפילו. כאָטש זיסקינד איז נישט מסכים געווען מיט אים אין אַלע טעאַטער־פראַגן, דאָך האָט בעני אים ליב געהאַט פאַר זיין אינטערעס צום ענין־טעאַטער בכלל.

— יאָ, ביסט גערעכט — האָט ער געזאָגט — זיי זיינען האַרציקע מענטשן. און ווען עס זאָלן זיך געפינען אַ סך אַזעלכענע מענטשן ווי זיס־קינד און זיין פרוי, וואָלט מען גאָרנישט געדאַרפט פאַרצווייפלען, גאָר־נישט געדאַרפט זאָרגן אַזויפיל וועגן גורל פונעם יידישן טעאַטער אין דער צוקונפט.

פלוצלינג האָט אַ געדאַנק אויפגעבליצט אין זיין קאָפּ:

— הערסט פייגעלע! — האָט ער אויסגערופן: מיר האָבן דאָך אַ בשותפותדיקן גרויסן חלום: שפּילן גוט יידיש טעאַטער, טאָ ווייסטו וואָס? לאָמיר זיך ביידע לאָזן אין דער וועלט אַריין כדי צו פאַרווירקלעכן צוזאַ־מען אונדזער חלום. נו, וועסט גיין מיט מיר? האָסט נישט קיין מורא?

— מורא? — האָט פייגעלע אויסגעשריגן מיט אַזאַ טאָן, ווי זי וואָלט

זיך געפילט באַליידיקט — איך האָב נישט קיין מורא... איך שרעק זיך פאַר קיין זאַך נישט. דאָס לעבן האָט מיך שוין גוט אויסגעלערנט... און די לעקציע וואָס איך האָב געלערנט דערפון ווי אַזוי מיין שוועגערן באַהאַנדלט מיך, זיינען מיר צונוץ געקומען אויף אַזוי פיל, אַז איך ווייס שוין אַז אַ מענטש דאַרף האַנדלען זעלבסשטענדיק, און אַליין אויסקעמפן פאַר זיך זיין צוקונפט.

זי האָט געשוויגן אַ ווײַלע, ווי זי וואָלט ערנסט באַטראַכט אירע אייגענע ווערטער און בענים פאָרשלאַג, און דערנאָך ווידער אָנגעהויבן ריידן:

— ...נאָך בפרט... נאָך בפרט זאָג איך, אויב מען האָט אַ חבר... אין צווייען איז שטענדיק גרינגער...

זי האָט זיך פלוצלינג אָפּגעשטעלט און זיך אַרומגעקוקט. אין אירע ברייט-צעעפנטע קינדערישע אויגן האָט זיך געמאָלן אַ מין אויסדרוק פון פאַרווונדערונג מיט שטיפערישקייט צוזאַמען.

— זע נאַר! — האָט זי אויסגערופן — מיר זיינען דאָך שוין ווידער אויסער דער שטאָט... ווייזט אויס, אַז ס'איז טאַקע אמת וואָס מען זאָגט, אַז דאָרטן ווו אַ מענטש איז געווען איין מאָל דאַרט מוז ער זיך אומקערן דאָס צווייטע מאָל אויך.

בעני האָט געשמייכלט.

— איך קאָן בלויז צוגעבן — האָט ער געזאָגט — אַז מיר האָבן אַפילו נישט באַמערקט ווהין דער היינטיקער טאָג איז אונדז אַהינגעקומען אָבער גיב נאָר אַ קוק, פייגעלע! דאָס איז דאָך דאָס זעלביקע אָרט, ווו מיר זיינען געווען דעם לעצטן אָוונט. טאַקע דאָס זעלביקע אָרט, און דאָך ווי אַנדערש עס זעט איצטער אויס. ביינאַכט האָבן מיר געזען אַ פולע זילבערנע לבנה, אין באַגלייטונג פון מיליאָנען פינקלענדיקע שטערן, און איצטער... — ער האָט אָנגעהויבן ריידן פאַרחלומט, און אַזוי ווי ער איז געווען אַן אַקטיאָר האָט ער שטענדיק ליב געהאַט צו מאַכן פאַרגלייכן מיט דער בינע - - ...זע פייגעלע! קוק אָן די אונטערגייענדיקע זון. זעט עס דען נישט אויס ווי אַ ריזיקער רויטער רעפלעקטאָר. און ערשט קוק אָן דעם הימל, ווו עס ציען זיך מחנות פון קליינע וואָלקנדלעך מיט אָפּגעריסענע צעפּאַטלטע ברעגן. זיי זיינען באַזוימט, די וואָלקנדלעך, מיטן רויטן אָפּשיין פון דער זון, וועלכע שיקט זיי אירע לעצטע שטראַלן. ווי שיין דאָס אַלץ איז. סאַראַ ווונדערלעכע דערשיינונג...

ער האָט אָפּגעהאַקט אינמיטן ריידן, און זי האָט זיך איינגעהערט אין זיינע רייד ווי אַ פאַרכישופטע.

— און ווער איז עם דער גרויסער מייסטער?... — האָט ער פלוצלינג אַ פרעג געטאָן — ווו געפינט זיך די צויבערהאַנט, וואָס באַשאַפט דאָס אַלץ?...

פייגעלע האָט געשוויגן פאַרלעגן. זי האָט זיך געשעמט, ווייל אי ס'איז איר געפעלן געוואָרן, וואָס בעני רעדט צו איר אַזוי שיין, און דערביי האָט זי געוווסט, אַז זי קאָן אַזוי נישט ריידן. דאָך האָט די לעצטע פראַגע זיינע זי באַאומרואיקט. אַ פאַרגאַפטע האָט זי געקוקט צום פלאַמענדיקן האָריזאָנט און נישט געקאָנט אָפרייסן די אויגן פונעם פאַרכישופטן אָרום. זי האָט שטיל, ווי צו זיך אַליין, געמורמלט:

— וואָס הייסט ווער?... מיר האָבן דאָך אַ גרויסן גאָט אין הימל... דאָס באַשאַפט ער אָט די אַלע וווּנדער...

— ביסט אַ האַרציק ליב מיידל — האָט בעני געזאָגט און געקוקט אויף איר מיט פאַרליבטע אויגן — גוט אַזוי, גלויב! גלויב און ס'וועט דיר זיין גוט... אַלנפאַלס וועט דיר זיין בעסער פון מיר. דער מענטש וואָס צווייפלט קאָן קיינמאָל נישט זיין גליקלעך.

— דו צווייפלסט דען חלילה, אַז עס איז פאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט? — האָט פייגעלע אַ דערשראָקענע געפרעגט — דאָס זיינען דאָך זינדיקע געדאַנקען. בלויז צו טראַכטן אַזוי איז שוין אַ שרעקלעכע עבֿרה.

— דערויף, מיין מיידעלע, מוז איך דיר שולדיק בלייבן אַן ענטפער — האָט ער געזאָגט — און דאָס וועט זיין פיל געזונטער פאַר דיר. מיט דער צייט וועסטו שוין אַליין געפינען אַ תשובה.

— ווען נישט גאָט — האָט פייגעלע ווייטער גערעדט — ווער־זשע דען גיט דעם רעגן? ווער שיקט די דונערן און די בליצן? די גרעטענישן אויף די פעלדער, אַז אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן זאָלן האָבן זייער שפּייז? —

זי האָט גערעדט מיט טיפן גלויבן און מיט ציטער אין איר קול און ער האָט איר אָנגעקוקט און געשמייכלט. ער האָט געזען פאַר זיך אַ זיס, צאַרט מיידל, און וואָס מער ער האָט זי געזען אין איר נאַאיווקייט און גלוביקייט, אַלץ מער חן האָט פאַר אים געהאַט איר פּנים. נישט קיין דערוואַקסן מיידל האָט ער איצט געזען, נייערט אַ האַרציק, שיין קינד, וואָס עס ווילט זיך אים עס אויפהויבן אין דער לופטן, צוטוליען און אויסקושן. ער האָט פלוצלינג דערפילט אַז ער איז פאַרליבט אין איר ביז איבער די אויערן.

ער איז צוגעקומען נענטער צו איר און אַריינגעקוקט טיף אין אירע

אויגן, וועלכע האָבן געלויכטן אין דער פאַרנאַכטיקער טונקלקייט און אַלץ געוואָרט אויף זיין, בענים, ענטפער. מיט פעסטע אָרעמס האָט ער זי אַרומגענומען און לאַנג, לאַנג געקושט.

— ביסט אַ האַרציקע — האָט ער געזאָגט, ווען ער האָט זי ענדלעך באַפרייט פון זיינע אָרעמס — און דאָס איז מיין ענטפער אויף אַלע פראַגעס דיינע.

זי האָט געקוקט צו דער ערד מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און ער איז אַלץ געשטאַנען און געקוקט אויף איר.

— וואָס האָבן מיר זיך פּלוצלינג אַריינגעלאָזט אין אַזאַ מין הויכער פילאָזאָפיע? — האָט ער פּלוצלינג אַ זאָג געטאָן, ווי ער וואָלט זיך איבערגעוועקט פון שלאָף — דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז דו האָסט עפּעס פּלענער פאַר אונדז ביידן, טאָ לאָמיר זיי אויספירן, אָט די פּלענער דיינע.

די זון איז דערוויל שוין אינגאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן. ביידע יונגע מענטשן זיינען געשטאַנען אין פעלד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן איינצוהילן אין בין־השמשותדיקע שאָטנס. אויף די גראָזן האָט אָנגעהויבן צו גלאַנצן דער טוי. זיי האָבן זיך שטאַרק צוגעטוליעט צו זיך ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט באַהאַלטן פאַר דער אָנקומענדיקער נאַכט. פּלוצלינג האָט זי זיך אַרויסגעריסן פון זיינע אָרעמס און אַ זאָג געטאָן:

— קום, לאָמיר שוין גיין. ס'ווערט שוין פינצטער...

— יאָ, מירן גיין — האָט ער איינגעשטימט. ער האָט זי גענומען אונטערן אָרעם, און זי האָט זיך ווידער צוגעטוליעט צו אים אַ ציטערדיקע און פאַרליבטע ביז גאָר. זיי האָבן ביידע גענומען שפּאַנען מיט פאַמעלעכע טריט איבער די פייכטע, מיט טוי באַדעקטע גראָזן.

— נו, וואָס פאַר אַ פּלאַן האָסטו פאַר אונדז ביידן? זאָג!

— מיין פּלאַן איז... — האָט פייגעלע אָנגעהויבן ריידן און איבערגעהאַקט ווי זי וואָלט געצווייפלט אַליין דערין וואָס זי זאָגט — מיין פּלאַן איז... אַז דו זאָלסט איבערלאָזן דיין טרופע, און... און אַוועקפאָרן מיט מיר.

עס האָט אויסגעוויזן ווי זי וואָלט זיך באַפרייט פון אַ שווערער משא דערמיט וואָס זי האָט ענדלעך אַרויסגעבראַנגט פון זיך אָט די ווערטער.

— ווילסט? — האָט זי געפרעגט ביי אים מיט אַ ציטערדיקן קול — ווילסט אַוועקפאָרן מיט מיר און מיר זאָלן ביידע שפּילן טעאַטער?

ער האָט געשוויגן. דאָס וואָס זי האָט געזאָגט איז געווען אַזוי באַצויבערנדיק און דערביי אַזוי מאָדנע ניי און דרייסט.

— ...מיר וועלן פאָרן פון שטעטל צו שטעטל — האָט זי אַ באַגייס־

טערטע ווייטער גערעדט — ביז מיר וועלן זיך דערשלאָגן צו אמתע, צו גוטע אַקטיאָרן, וועלכע שפּילן אין אַ גרויסן טעאַטער. נו, זאָג! ווילסט פאָרן מיט מיר? — האָט זי אַלץ געפּאָדערט פון אים אַן ענטפער. זי האָט געדריקט צו זיך נערוועז זיין אָרעם, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, טאָמער זאָגט ער איר אָפּ, טאָמער וועט ער נישט מסכים זיין אויף איר פאָר־שלאָג. זי האָט זיך געטוליעט צו אים, אַ נערוועזע און דורכגענומענע מיט איר פּלאַן, און בעני האָט געפילט ווי זי ציטערט מיטן גאַנצן קערפּער אירן. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז איר גאַנצער וועזן בעט זיך ביי אים ער זאָל צושטימען, און ציטערט אין דער זעלבער צייט פאַר דער מעגלעכקייט פון זיין אָפּזאָג.

— פאָר מיט מיר! — האָט זי ווידעראַמאָל איבערגעחזרט מיט אַ ציטערדיקער שטימע.

בעני האָט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן אַ פרעג געטאָן:

— ביסטו זיכער, מיידעלע, אַז דו וועסט מיט מיר קענען שפּילן טעאַ־טער? מיר מוזן דאָך כאָטש עפּעס קענען.

— וועסט מיך אויסלערנען — האָט זי געזאָגט צו אים מיט אַ פעס־טער זיכערקייט אין איר שטים — איך וועל אַלץ טאָן, וואָס דו וועסט פון מיר פאַרלאַנגען.

זי האָט זיך זייער שטאַרק פאַרטראַכט וועגן עפּעס.

— נאָר איין זאַך איז מיר שווער — האָט זי לסוף אַ זאָג געטאָן רייבנ־דיק זיך דעם שטערן — איך האָב מיין קויש מיט די זאַכן דאָ ביי מיין ברו־דער אין שטוב. וויאַזוי קריגט מען עס אַרויס פון דאָרטן? — זי האָט זיך אָוועקגעשטעלט אין אַ קאָמישער, נאַפּאָלעאָנישער פּאָזע און אָנגעשטרענגט געקלערט — איך קאָן דאָך אָן מיינע זאַכן זיך נישט אָוועקלאָזן אין אַזאַ רייזע...

— דאָס ווייס איך שוין נישט... — האָט בעני געזאָגט און צענומען זיינע ביידע אָרעמס ווי די פליגלען פון אַ ווינטמיל. ער האָט זיך אָוועק־געשטעלט לעבן איר, און ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט איר געהאָלפן טראַכטן.

— וואַרט, איך האָב דערויף אויך אַן עצה — האָט פייגעלע אויסגע־רופן. — מיין ברודער איז אַ פעלדשער און ער אַרבעט אין שפּיטאָל. צו זיין אַרבעט גייט ער אַוועק זייער פרי. מיין שוועגערן און די קינדער שלאָפן נאָך דעמאָלט. וועל איך אויסנוצן דעם מאָמענט און דעמאָלט אַרויסנעמען מיין קאָרב מיט די זאַכן. אָבער עס וואָלט געדאַרפט זיין אָנ־

געגרייט אַ פור, פאַרשטייסט? און דו זאָלסט מיט אָט דער פור אויף מיר וואַרטן ערגעץ. דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען דו וואַרטסט אויף מיר אויף יענעם „פּערעאולאָק" (הינטערגעסל). און הער זיך איין, איך האָב שוין אַפילו באַקלערט, אין וועלכן שטעטל מיר זאָלן צוערשט אַוועקפאָרן. אַבודיוועקע הייסט עס, אָט דאָס שטעטעלע טאַקע. דאָס איז דאָס נאָענטסטע שטעטל פונדאַנען. פאַראַן דאָרט אַ קליין זאַלעכל וואָס געהער צו דער גמינע, און דאָרטן וואָלטן מיר געקאָנט שפּילן טעאַטער. נו, ווי געפעלט דיר מיין פּלאַן? — האָט זי זיך געגרויסט — הער, מיר וועלן אָפּשפּילן איין פאָרשטעלונג. פאַרדינען אַזויאַרום אויף הוצאות און דערנאָך פאָרן ווייטער, ביז מיר וועלן זיך שוין ערגעצווו דערשלאָגן. נו, ביסט מסכים? ענטפער מיר, ביסט מסכים?

אומגעטראַכט האָט ער איר גלייך געענטפערט:

— יאָ, איך בין מסכים, און אַזוי בלייבט עס. מאָרגן פרי וועל איך וואַרטן מיט דער פור אויף דיר און אויף דיין קויש...

— יאָ? איז גוט! — האָט זי אויסגעשריגן מיט פרייד. — דאָרטן, אויף יענעם פּערעאולאָק זאָלסטו שטיין, און איך מוז איצטער שוין אַהיימלויפן — האָט זי צוגעגעבן אין איילעניש — פאַרשטייסט, עס דאַרף נישט אויסקומען קיינעם פאַרדעכטיק... ווייל טאָמער באַמערקן זיי עפּעס, טאָמער וואַרפן זיי עפּעס אַ חשד אויף מיר, וועלן זיי שוין מיך גוט האָבן אויפן אויג. זיי געזונט, מיין טייערער — האָט זי אים שוין גאָר היימיש אַ זאָג געטאָן, און אַרומנעמענדיק זיין האַלדז מיט אירע געטאָקטע אָרעמס, אים אַ קוש געטאָן גלייך אין די ליפּן — זיי געזונט! יאָ, פאַרגעס נישט וועגן אַ פור, און זאָלסט דינגען אַ פור אַ פּויערישע און נישט קיין יידישן בעל-עגלה, ווייל אַנישט קאָן נאָך מיין ברודער געוואָר ווערן וווהין איך בין געפאָרן — זי האָט גערעדט שנעל און מיט אַ שטילער געדעמפּטער שטימע, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, טאָמער הערט זי ווער — געדענק, און וואַרט אויף מיר אין פּערעאולאָק צו דער באַשטימטער צייט.

בעני איז שטיין געבליבן אַ צעטומלטער און איר נאָכגעקוקט ווי זי לויפט אַוועק אַ פלינקע ווי אַ הירשעכע, ביז די נאַכטיקע שאָטנס האָבן זי פאַרשלונגען. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן שפּאַנען אָן אַ ציל איבער די גאַסן פונעם שטעטל. ער האָט געוווסט אז שלאָפן וועט ער די נאַכט שוין סיי-ווי-סיי נישט, הײנט וואָס איז דער חילוק וווהין ער גייט. פּלוצלינג האָט ער זיך דערמאָנט די אויפגאַבע, וואָס פייגעלע האָט אויף אים אַרויפגעלייגט. ער מוז דאָך גלייך גיין און זוכן אַ פור.

שווער איז אים דאָס נישט אָנגעקומען. ער האָט זיך הינטער דער שטאָט דערפרעגט צו אַ פויער וואָס האָט מסכים געווען צו מאַכן מיט זיי פאַרטאָג די רייזע אין נאָענטן שטעטל אַריין. ער האָט מיט אים אָפּגעמאַכט אַז די פור מוז זיין פאַרטאָג גרייט צום אַרויספאָרן און אָנגעוויזן דעם פויער דאָס אָרט, וווּ ער זאָל וואַרטן אויף אים. ערשט דאַן איז ער אַוועק צו זיך אין קוואַרטיר, אָבער געשלאָפן איז ער שוין נישט. ער האָט געוואַכט אוים מורא ער זאָל נישט פאַרשלאָפן, און שטילערהייט צוגעגרייט זיינע זאַכן צום אַוועקפאָרן.

## XV

גאַנץ באַגינען האָט בעני זיך אויפגעהויבן פון בעט, גענומען דאָס פעקל מיטן אָרעמען בינטל פון זיינע זאַכן און שטילערהייט, בכדי נישט אויפצוּוועקן קיינעם, אַוועק צום פערעאוּלאַק, וואָס פייגעלע האָט אים אָנגעוויזן. דער פויער האָט שוין געוואַרט דאָרט מיט זיין פורל, און בעני האָט אַרויפגעוואָרפן דאָרט אַהין זיין פעקל, און זיך געשטעלט וואַרטן אויף פייגעלען. ס'איז נאָך געווען האַלב-פינצטער, קוים וואָס עס האָט אָנגעהויבן צו בלויען אינדרויסן. פון פאַרטאָגיקן שאָטן האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסצושיילן די קאָנטורן פון די איינגעהויקערטע קליינשטעטלדיקע הייזקעס.

בעני האָט פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס און מכבד געווען אויך דעם פויער, וועלכער האָט אים אונטערטעניק באַדאַנקט. נישט אַלע טאָג איז דעם פויער, ווייזט אויס, אויסגעקומען צו רויכערן אַזעלכענע פריצישע פּאַפּיראָסן.

ביסלעכווייז איז געוואָרן ליכטיקער אַרום און אַרום. און דערנאָך האָט די זון אַרויסגעשיקט די ערשטע שטראַלן אירע פונעם רויטלעכן הימל-ראַנד אַפער, ווי זי וואָלט וועלן אויסקוקן דעם אומענדלעכן רוים פון הימל און אין איינוועגס אויך אָנזאָגן, אַז עס גרייט זיך אַ שיינער טאָג אויף דער וועלט.

בעני איז אַרויף אויף דער פור. ליגנדיק אויפן שמעקעדיקן היי, מיט וועלכן דער פויער האָט די פור אויסגעבעט, האָט ער צייט געהאַט אויף זיין שטייגער צו באַטראַכטן דעם ווונדערלעכן זון-אויפגאַנג. די זון האָט זיך אַרויסגעשיילט פּאַמעלעך פונעם רויטן האָריזאָנט און ברייטהאַרציק גענומען באַשענקען די וועלט מיט אַ ליבלעכער וואַרעמקייט. בעני האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די זון שמייכלט צו אים און זאָגט אים צו אַ גליקלעכע צוקונפט. אָבער די שלאָפלאָזע נאַכט און די טראַכטענישן האָבן אים אויסגעמאַטערט און ער איז אַלעמאָל אַנטדרימלט געוואָרן, אָבער אַלעמאָל אויך זיך איבערגעוועקט און געקוקט מיט אומגעדולדיקייט אויף אַלע זייטן, צי פייגעלע קומט נאָך נישט אָן.

ענדלעך האָט ער דערזען פונדערווייטנס אַ גרויסן קויש. דער קויש איז פיר מאָל אַזוי גרויס ווי פייגעלע גופא, און עס האָט זיך אים אויסגעדוכט אַז דאָס גייט ער אַליין, דער קויש, און אַז פייגעלע שלעפּט זיך בלויז נאָך פון הינטן. מיט איין שפּרונג איז ער אַראָפּ פון דער פור און געוועון לעבן איר. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם קויש אויף זיינע פעסטע אַקסלען און צוגעטראָגן צו דער פור, און באַלד איז אַלץ שוין געווען איינגעשטעלט אויף זיין אָרט. דערנאָך האָט ער אַ הויב געטאָן פייגעלען אין דער הויך און זי אַוועקגעזעצט אויפן היי, אָבער זי האָט זיך איינגעבויגן און איינגעקאָרטשעט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, טאָמער דערזעט זי עמעצער. בעני איז אויך אַרויף אויפן וואָגן. דער פויער האָט אַ פייף געטאָן אויף די פערד און די פור האָט גערירט פון אָרט. דער אָפּקלאַנג פון די פערדישע קאָפּיטעס און דער גערויש פון די רעדער האָט הויך אָפּגעקלונגען אין דער פרימאָרגנדיקער שטילקייט.

זיי זיינען געפאָרן שווייגנדיקערהייט און בעני האָט אַלץ געקוקט אויף פייגעלען און געהאַלטן אין איין טראַכטן:

— ...דאָס זעט דאָך אויס טאַקע ווי עפּעס אַ ראָמאַנטישע גנבה... און אפשר, אפשר באַגיי איך טאַקע דערמיט אַ פאַרברעכן? אַרויסגעגנבעט אַ מיידל מיט אַ קויש און מען פאָרט... וווהין פאָרט מען? איז עס נישט אַמאָל אַ משוגעת אַט דאָס אַלץ וואָס מיר טוען אָט איצטער?...

אַזוי זיינען זיי אָפּגעפאָרן אַ שפּאַר שטיקל וועג, ביידע איינגעטוליעטע אין היי, און פאַרטראַכטערהייט געשוויגן. בלויז פון צייט צו צייט פלעגט דער פויער איבעררייסן די שטילקייט מיט זיין אונטעריאָגן די לויפּנדיקע פערד. אָבער אַפילו דעם פויערס אויסגעשרייען האָבן פייגעלען נישט געקאָנט אַרויסרייסן פון איר פאַרטראַכטקייט. זי איז געזעסן מיטן קאָפּ אַריינגעצויגן אין די אַקסלען, ווי זי וואָלט גאָרנישט אימשטאַנד געווען צו באַנעמען וואָס עס קומט איצטער פאָר מיט איר. אַפילו בענים צערטלעכקייטן, זיינע אַרומאַרמונגען און קושן האָבן זי נישט געקאָנט אַרויסרייסן פון אירע מחשבות. זי איז געווען וויים, זייער וויים מיט אירע געדאַנקען, און די פור איז געלאָפן איבערן סטעפּישן וועג וואָס אַמאָל וייטער און וויימער.

פלוצלינג האָט זי זיך צעוויינט. אַ פאַרשטיקטער שלוכץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר ברוסט און דערנאָך איז זי פאַרגאַנגען אין אַ ביטער געוויין. איר מיידלשער קערפּער האָט אינגאַנצן געציטערט און ווי

געפּיבערט פון אַט דעם געוויין, וואָס זי האָט לענגער נישט געקאָנט איינ־האַלטן אין זיך.

— וואָס איז געשען? — האָט בעני געפרעגט ביי איר — דערצייל מיר טייערע. נו, הער שוין אויף צו וויינען — האָט ער זי געפּרוווט באַרואיקן, אָבער אָן דערפאָלג.

— דערצייל מיר, וועט דיר ווערן גרינגער — האָט ער זיך געבעטן ביי איר און צאַרט געגלעט אירע האָר — מען טאָר נישט וויינען אַזוי פיל, מען טאָר זיך נישט איבערנעמען אַזוי שטאַרק. דו קאָנסט נאָך חלילה קראַנק ווערן דערפון.

אָבער פייגעלע האָט געשוויגן. זי האָט נישט געוואָגט אויפצועפענען איר האַרץ פאַר איר נייעם חבר. צופיל פאַרדרוס און ערגערניש האָבן זיך אָנגעזאַמלט ביי איר אויפן האַרצן. צופיל פאַרדרוס אויף איר שוועגערן, וועלכע האָט זי אַזוי שלעכט באַהאַנדלט; צופיל רחמנות אויף איר ברודער, וואָס וועט ליידן פון איר פלוצלינגדיקן אַנטלויפן פון זיין שטוב; צופיל ליבשאַפט צו די קינדער וועלכע זי האָט אַזוי ליב באַקומען, און זי האָט געוווסט, אַז זי וועט בענקען נאָך זיי. עס וואָלט איר אפשר פיל לייכטער געוואָרן, ווען זי דערציילט אַלץ בענין, אָבער עפּעס האָט זי אָפּגעהאַלטן דערפון, און אפשר האָט זי זיך גאָר געשעמט צו דערציילן, וויאַזוי איר האַרץ איז פאַרוואונדעט געוואָרן ביי איר אייגענעם ברודער אין שטוב. זי איז שוין גרייט געווען ליבערשט צו דערשטיקן אין זיך אַט די אַלע עוולות וואָס זי האָט געליטן פון איר שוועגערן, און געוואָלט אויפהערן וויינען, אָבער די טרערן האָבן זיך ווייטער געגאָסן פון אירע אויגן. ווי־דעראַמאָל האָט זי זיך דערמאָנט וויאַזוי איר שוועגערן האָט זי באַהאַנדלט: —

— ...ווו האָט זי גענומען אַזויפיל חוצפה און רשעות אַזוי צו באַהאַנדלען אַ יתומה... — האָט זי געטראַכט. זי האָט ערשט איצטער זיך אָפּגעגעבן דין־וחשבון פון איר טאַט, און די גאַנצע צייט פון איר זיין ביי איר שוועגערן האָט זיך איר געשטעלט פאַר די אויגן מיט דער גאַנצער שאַרפקייט... — איצט לאָז איך מיך אין דער וועלט אַריין מיט אַ פרעמדן יינגל, אַן אַקטיאָר, וואָס ערשט נישט לאַנג האָב איך אים נישט געקאָנט אַפילו. איך פאָר אַוועק און ווייס נישט וווהין, אָן אַ ציל און אָן אַ צוועק... מיין אָרעמער ברודער! — האָט זי זיך ווידער דערמאָנט אָן יאָסלען — ווי ער וועט דאָס ליידן, ווען ער וועט דערפון געוואָר ווערן. ווי שווער וועט אים

דאָס זיין איבערצולעבן, ערשט די צוויי טייערע קינדער זיינע, וואָס איך בין אַזוי צוגעבונדן צו זיי...

זי איז געזעסן און איר געוויין איז איבערגעגאַנגען אין אַ שטיל הע־שען, און בעני זיצנדיק לעבן איר האָט זיך דערפילט מאָדנע אומהיימלעך און אומבאַקוועם: און אפשר איז ער דאָס די סיבה פון איר געוויין? אפשר האָט זי חרטה אויף איר פּלוצלינגדיקן אַנטלויפן מיט אים צוזאַמען? אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָגט זי אים דאָס נישט? סוף־כל־סוף האָט זי דאָך אַליין אויפגעגעבן דעם דאָזיקן פּלאַן... ער איז געזעסן און געמאַטערט זיך מיט די דאָזיקע געדאַנקען זיינע און ענדלעך האָט ער באַשלאָסן צו האַנדלען ענערגיש.

— הער נאָר צו, פייגעלע — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ פעסטער, כמעט בייזלעכער שטים — ערשטנס פאַרלאַנג איך פון דיר, דו זאָלסט גלייך אויפהערן צו וויינען, און צווייטנס מוזטו מיר גלייך זאָגן די סיבה פון אָט דעם געוויין דיינעם. אפשר קאָן מען נאָך אַלץ פאַריכטן? כ'מיין אפשר האָסטו חרטה, און דו ווילסט צוריקפאָרן צו דיין ברודער?

ערשט איצטער האָט זי אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אים און אים אָנ־געקוקט מיט פאַרוואונדערטע אויגן. אויף אירע וויעס זיינען נאָך געהאַנגען די טרערן. זי האָט זיך געוואונדערט אויף דעם מאָדנעם אימפּעט מיט וועלכן ער האָט גערעדט צו איר. זי האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט. קיין וואָרט איז נישט אַרויס פון אירע ציטערדיקע ליפּן. זי האָט בלויז אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף זיין ברוסט און געקאָנט דערהערן דאָס קלאַפּן פון זיין האַרץ. ערשט איצטער האָט זי דערפילט אַ מין דערלייכטערונג. פון אויס־וויינען זיך איז איר גרינגער געוואָרן אויף דער נשמה. די פעסטקייט פון זיין געשטאַלט האָט אין איר אַריינגעגעבן אַ זיכערקייט אַז איצטער האָט זי אַן אָנשפּאַר אין לעבן, אַז צו אים, נאָר צו אים דאַרף זי זיך איבערגעבן מיט איר גאַנצן וועזן.

בעני האָט זי אַרומגענומען נאָך פעסטער און צאַרט אַ פרעג געטאָן:

— האָסט זיך שוין באַרואיקט?

— יאָ, איצט בין איך רואיק. קום, לאָמיר זיך צעקושן — האָט זי אים געענטפערט — איצטער בין איך דיינע, דיינע אינגאַנצן און אויף אייביק...

אים האָט זיך אויסגעדוכט אַז אירע ליפּן ברענען אים, אַזוי הייס זיי־נען זיי געווען. ער האָט געפילט פון דער נאָענט איר צעגליטן, פיבערדיקן קערפּער. און אַ מאָדנע שיכרות האָט אָנגעהויבן רוישן אין זיינע אָדערן.

דער פויער האָט זיך אויסגעדרייט. אָנגעקוקט די צוויי מאָדנע פּאַ־

פּאַזשירן זיינע, אַ גלעט געטאָן די ברייטע וואָנצעס און זיך צעשמייכלט. דערנאָך האָט ער אויף זיין לשון ווידער אַ געשריי געטאָן אויף די פערד, און אַ קנאַק געטאָן אין דער לופטן מיט זיין לאַנגער בייטש.

— פאַרגעס נישט, אַז מיר דאַרפן שפּילן טעאַטער — האָט פייגעלע שוין מיט אַ גאָר אַנדערן טאָן געזאָגט צו בענין — דו מוזט דאָך מיך עפּעס אויסלערנען.

— זאָרג נישט — האָט ער זי באַרואיקט — מיר וועלן שוין שפּילן, אַבי עס זאָל נאָר זיין פאַר וועמען. הער, פייגעלע, דו וועסט דאַרפן שפּילן אַ יינגל — ער האָט זי אַרומגענומען און געקוקט אויף איר מיט ליבנדיקע אויגן.

— אַ יינגל? דערווייל נעמסטו מיך אַרום ווי אַ מיידל — האָט זי זיך געוויצלט. ביידע האָבן זיך צעלאַכט, און דער פויער האָט זיך ווידעראַמאָל אומגעקוקט און זיך צעלאַכט גלייך מיט זיי.

— איך האָב מורא אַז ס'וועט מיר אָנקומען שווער זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ יינגל — האָט פייגעלע ווידעראַמאָל זיך געוויצלט.

— ס'וועט דיר נישט אָנקומען שווער — האָט ער איר געענטפערט.

— איך וועל דיר געבן אָנצוטאָן מיין אַנצוג, און דיר צוקלעפּן וואָנצעלעך. אָט לערן איך דיך גלייך אוים דיין פראַזע. נישטאָ קיין סך וואָס צו לערנען, און דאָס איבעריקע וועל איך דיר שוין ווייזן אויפן אָרט.

און אַזוי פאַרנדיק אויפן פויערישן וואָגן איז פאַרגעקומען זייער ערשטע פּראָבע.

דער פויער האָט געפּיפקעט זיין ליולקע און אַלעמאָל אַרויסגעלאָזט אַ דיקן וואָלקן רויך, און באַלד דערנאָך אַ וויטן שפּיי געטאָן. דאָס ערשטע מאָל, ווי עס קומט אים אוים צו פירן אויף זיין וואָגן אַזעלכענע מאָדנע פּאַסאַזשירן, וואָס מאַכן זיך נאַריש, קריגן זיך, וויינען, בעטן זיך איבער, ריידן מאָדנע ווערטער און זינגען לידלעך. ער האָט אַ הוקע געטאָן אויף די פערד ווי איינער זאָגט: „נו, שנעלער אַביסל, לאָמיר שוין וואָס גיכער דערפאָרן דאָס שטיקל וועג און פטור ווערן פון אָט די צוויי לצים...“



## XVI

ביסלעכווייז האָט פייגעלע זיך צוגעוווינט צום וואַנדער־לעבן, צום אַרומפאָרן איבער די קליינע שטעטלעך, צו נעכטיקן היינט דאָ און מאָרגן דאָרט. עס פלעגט זיך איר טיילמאָל אויסווייזן, אַז אַזוי האָט זי געלעבט שטענדיק, און זי האָט שוין נישט געקאָנט באַנעמען אַפילו, ווי אַזוי מען קאָן בלייבן זיצן אויף איין אָרט און נישט אַרומרייזן. בלויז פון צייט צו צייט פלעגט זי זיך דערמאָנען אָן איר ברודער יאָסלען מיט די קינדערלעך וואָס זי האָט זיי אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, און אַ גרויסע בענקשאַפט פלעגט זי אַרומנעמען. אין אַזעלכע מינוטן פלעגט זי בלייבן זיצן פאַרטראַכט און דערמאָנען זיך די פאַרגאַנגענע טעג, אָבער דאָס פלעגט לאַנג נישט דויערן. די וואַנדערנדיקע טעג האָבן צו ביסלעך פאַרווישט די פאַרגאַנגענהייט, אַזוי אַז זי האָט אַפילו צו ביסלעך פאַרגעסן אָנעם כעס וואָס זי האָט געטראָגן אין זיך קעגן איר שוועגערן.

באַזונדערס האָט זי איצט קיינעם מער נישט באַדאַרפט. איר גאַנצער אָנשפּאַר איז געווען בעני. מיט אים האָט זיך אָנגעהויבן און פאַרמאַכט דער קרייז פון אירע אַלע פאַראינטערעסירונגען. ער איז געווען נישט נאָר איר געליבטער, נאָר אויך איר חבר, איר ברודער און איר טאַטע־מאַמע. זיי ביידע, בעני און פייגעלע, זיינען געווען אין דער זעלבער מאָס בעלי־חלומות, און דער גרויסער טרוים זייערער, שפּילן אין אַ גרויסער טרופּע גוט טעאַטער האָט זיי באַגייסטערט אויפן זעלבן אופן. זיי האָבן אַרומגעוואַנדערט איבער די קליינע שטעטלעך זאָרגלאָז, נישט געשראָקן זיך פאַר קיין שום געפאַרן, און נישט געטראַכט אַפילו אַז די צוקונפט קאָן האָבן אויך שוואַרצע טעג.

זיי האָבן זייער שטאַרק אויסגענומען מיט זייערע אויפטריטן אין די קליינע שטעטלעך, וועלכע זיינען געווען אויסגעהונגערט נאָך אַ ביסל יידיש טעאַטער. פייגעלע, וועלכע איז אויפגעטרעטן אַלס אַ יונגערמאַן־טשיקל מיט וואַנצעלעך, פלעגט אַרויסרופן ביים עולם אַ שטורעם מיט אַפּלאָדיסמענטן. זיי האָבן זיך צו ביסלעך דערוואָרבן אַ גרעסערן פּראָגראַם, ווו זיי האָבן אַריינגענומען אויך אַ צווייטן סקעטש אין וועלכן פיי־

געלע האָט געשפּילט אַ קאָמישע ראָל וואָס האָט אויך שטאַרק אויסגע־נומען. מיט איין וואָרט — קיין אַפּלויזן האָבן דעם יונגן פּאָרל פון די וואַנדערנדיקע אַקטיאָרן נישט געפעלט.

אָבער נישט בלויז אַפּלויזן האָבן זיי פאַרדינט מיט זייער שפּילן. דער מאַטעריעלער דערפאָלג איז פאַרהעלטניסמעסיק אויך נישט געווען קיין קליינער. זיי האָבן ערשט איצטער דערזען אַז נישקשה — מען קאָן אין וועג נישט פאַרפאַלן ווערן.

— איצטער, אַז מיר האָבן שוין יאָ געלט — האָט בעני איין מאָל געזאָגט מיט גדלות צו פייגעלען — וואָלטן מיר זיך באַדאַרפט אויסקליידן. וועסט מיר גלויבן, פייגעלע, אַז זינט איך בין אַן אַקטיאָר, האָב איך נאָך ביי זיך נישט געזען אַזויפיל געלט. פון מיינע ביז איצטיקע אַקטיאָרישע פאַרדינסטן האָב איך זיך צומאָל קיין פּאָר שיך נישט געקאָנט קויפן אפילו. איצט ערשט וועלן מיר זיך פיין אויסקליידן, אַזוי אַז ווען מיר וועלן קומען אין אַ לייטישער טרופּע, וועלן מיר זיך שוין נישט האָבן וואָס צו פאַרשעמען מיט אונדזערע בגדים.

— און דו מיינסט אַז איך וועל דיך לאָזן אויסגעבן מיטאַמאָל ס׳גאַנצע געלט? — האָט פייגעלע געטענהט מעשה בר־דעת — דו האָסט דאָך שוין יאָ פאַרזוכט דעם טעם, וואָס מיינט אַרומדרייען זיך אָן אַ גראָשן אין קעשענע.

— דו קאָנסט דאָך אָבער אין אַזאַ הולך נישט אַריינפאָרן אין אַ גרויסער שטאָט אַריין, בפרט נאָך אַז מיר וועלן זיך דאַרפן טרעפן דאָרט מיט אַקטיאָרן וואָס גייען מסתמא רייך אָנגעטאָן. ערשט דיין קויש... אָט דעם קויש דיינעם וואָלטן מיר באַדאַרפט פאַרגעסן ערגעצוווּ... ס׳איז אַ חרפּה און אַ שאַנד זיך אַרומצושלעפּן מיט אַזאַ קבצנישן טויטן־קאַסטן. הער זיך צו, מיר וועלן זיך מוזן קויפן צוויי שיינע רייזע־קופערטס, כ׳מיין וואַליזעס — ווי סע פּאַסט פאַר אַרטיסטן.

— אַ, איך זע שוין ווי דו גרייטסט זיך מאַכן אַ תכלית פון די פּאָר קאָפּיקעס, וואָס מיר האָבן אָנגעזאַמלט — האָט פייגעלע געענטפערט און צוגעשאָקלט באַדויערנדיק מיטן קאָפּ.

— זאָרג זיך נישט — האָט ער געזאָגט פריילעך — מיר וועלן האָבן אַנדער געלט, מיר דאַרפן זיך נאָר איבערלאָזן אויף הוצאות. דער עיקר איז, פאַרשטייסטו מיך, אַז מיר דאַרפן אַריינקומען אַהינצו ווי אמתע אַרטיסטן, און געלט וועט אונדז שוין נישט פעלן, דאַרפסט זיך גאָרנישט שרעקן.

אַזוי האָט אָנגעהאַלטן דער דיאַלאָג צווישן די צוויי יונגע טרוימער, וועלכע האָבן זיך געשפּאַרט איבער די ערשטע פּאָר רובל וואָס זיי האָבן פאַרדינט, און נישט געוווּסט ווו זיי אַהינצוטאָן, ביז וואַנען פייגעלע האָט אויף איר שטענדיקן שטייגער פאַרענדיקט דעם וויכוח זאָגנדיק:

— מילא, נו, איך וועל דיך סיי־ווי נישט איבערשפּאַרן, מוז איך זיך טאַקע פאַרלאָזן אויף דיר. דו ביסט דאָך עפּעס מיין וועגווייזער...

אַזוי זיינען אַוועק טעג און וואָכן פול מיט אַרומפאָרן, מיט שפּילן טעאַטער, מיט דערפאַלגן און מיט יונגער שיכורער ליבע. איינס אָן צוויי־טן האָט די וועלט נישט געזען, און זיי האָבן טאַקע פאַרגעסן אָן דער גאַ־רער וועלט. זיי זיינען געווען יונג. זיך אויסגעלעבט אין שווישפּיל און פאַר־דינט אויף אַ נישקשהדיקן לעבן, טאָ וואָס נאָך האָט זיי געפעלט?

געטראָפן האָט אָבער איינמאָל, אַז בעני איז אַהיימגעקומען צוזאַמען מיט פייגעלען פון אַ פאָרשטעלונג, און אַ מידער האָט ער זיך אויסגע־צויגן אויף זיין געלעגער. ער איז געווען אַזוי מיד, אַז ער האָט נישט גע־קאָנט אַנטשלאָפן ווערן, און פאַרשיידענע מחשבות האָבן אָנגעהויבן אים צו קומען אין קאָפּ אַריין. ער האָט געטראַכט צו וואָס פאַר אַ טרופּע זיי זאָלן זיך אויסקלייבן, ווו זיי זאָלן אַוועקפאָרן, וויאַזוי זיי זאָלן פאַרווירק־לעכן אַלע טרוימען זייערע. ער האָט געזען אין זיין פאַנטאַזיע גרויסע טעאַ־טער־זאַלן, גוואַלדיקע דערפאָלגן, רווישיקע אַפּלויזן, און אין מיטן פון אָט די אַלע געדאַנקען האָט ער זיך פּלוצלינג דערמאָנט, אַז אָט איז ער שוין אַלט גאַנצע צוואַנציק יאָר, און אין קומענדיקן יאָר, ס׳הייסט אין 1898, וועט אים שוין אויסקומען צו שטיין צום פּריזיוו... אָט דאָס וואָרט „פּריי־זיוו”, האָט זיך ווי אַ מעסער אים איינגעשניטן אין האַרצן...

ער איז שוין די נאַכט נישט געשלאָפן. ער איז געלעגן און איינגע־הערט זיך אינעם גלייכמעסיקן לייכטן אָטעמען פון דער שלאָפנדיקער פיי־געלע און אַ שרעק האָט אים אַרומגענומען: „וואָס וועט איצטער זיין מיט איר? וויאַזוי וועט זי זיך קענען אַליין אַן עצה געבן אָן אים?” — האָט ער געטראַכט מיט אַנגסט.

פון יענעם טאָג אָן האָט בעני זיך אינגאַנצן געביטן. עס האָט אים פאַרפעלט מוט איבערצורעדן דעם ענין מיט איר. ער האָט איר נישט גע־וואָלט אָנטאָן קיין עגמת־נפש. ער האָט אָנגעהויבן אַרומצוגיין אַ פאַר־טראַכטער, אַ צעטראָגענער, אַ פאַרזאָרגטער און געהאַלטן אין איין טראַכ־טן וויאַזוי ער זאָל עס איר דערציילן, אַזוי אַז זי זאָל עס זיך נישט נעמען שטאַרק צום האַרצן.

פייגעלע האָט אָבער גאַר שנעל אַליין באַמערקט די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין בענין. מיט איר פּרוויאישער אינטואיציע האָט זי דערשפּירט אַז עפּעס אַ שוואַרצער וואָלקן קלייבט זיך איבער זייערע קעפּ, אָבער זי האָט אָט די פאָרגעפילן אירע זיך גאָר אַנדערש אויסגעטייטשט. „האָט ער זיך נישט אַמאָל אַרומגעזען — האָט זי געטראַכט — אַז איך בין נישט פּאַר אים? אַז איך בין אים אַן איבעריקע לאַסט? אַז איך פּלאָנטער זיך אים פאַר די פיס און שטער אים אין זיינע פּלענער?" וואָס מער בעני איז אַרומגעגאַנגען פאַרמרהשחורהט און צעטראָגן, אַלץ מער האָט אָט דער חשד זיך באַפעסטיקט אין איר האַרץ און כמעט אַ זיכערע דערין, האָט זי זיך שוין געזען אויפן ראַנד פון אונטערגאַנג... זי האָט אָבער נישט געהערט צו די מענטשן וואָס קענען לאַנג אַרומטראָגן אַ פאַרדאַכט ביי זיך, און איין מאָל בעת זיי האָבן צוזאַמען געגעסן מיטיק איז זי פּלוצלינג צוגעשטאַנען צו אים און אַרויס מיט אָפענע דיבורים:

— וואָס האָט אַזוינס געטראָפן, בעני, אַ? — האָט זי אַ פרעג געטאָן מיט אַ קול וואָס איז געווען פאַרשטיקט פון טרערן — פון מיר דאַרפסטו גאָרנישט באַהאַלטן, און נאָך עפּעס — האָט זי צוגעגעבן שוין כמעט וויי-נענדיק — מיט געוואַלד וועל איך זיך דיר נישט אָנוואַרפן...

בעני האָט אינגאַנצן אויפגעציטערט דערהערנדיק אין וואָס זי איז אים חושד. ער האָט זי אָנגעכאַפּט ביי ביידע הענט און נישט געלאָזטריידן ווייטער.

— באַרויק דיך — האָט ער געבעטן — וויין נישט. איך קאָן נישט הערן ווי דו וויינסט. איך וועל דיר אַלץ דערקלערן, פייגעלע. אויב איך האָב געשוויגן ביז אַצינד, איז נאָר דערפאַר, ווייל איך האָב דיר נישט גע-וואָלט וויי טאָן. זיי רואיק און הער מיך אויס.

ער האָט געקוקט אויף איר, און ערשט איצט פאַרשטאַנען ווי טייער זי איז אים געוואָרן. ווען זי האָט זיך באַרואיקט אַביסל האָט ער ווידער-אַמאָל אָנגעהויבן צו ריידן:

— הער מיך אויס. אונדזערע אַלע חלומות און פּלענער וואָס מיר האָבן געשמידט, הויבן זיך אָן צו צעווייען. אונדזער חשבון האָבן מיר גע-מאַכט אָנעם באַלעבאָס. איך האָב פאַרגעסן אַז היינטיקס יאָר דאַרף איך שטיין צום פּריזיוו.

דאָס לעצטע וואָרט האָט פייגעלען געטראָפן ווי אַ דונער. ביידע האָבן לאַנג געשוויגן. מער איז שוין נישט געווען וואָס צוצוגעבן צו אָט די ווערטער בענים. זיי האָבן דערזען, ווי די אַכזריותדיקעווירקלעכקייט

לייגט אַרויף איר פּאַטאַלן חותם אויף זייער יונג, זאָרגלאָז לעבן, ווי זייער קאַריערע ווערט צעשטערט פון אַן אומפּאַרמיידלעכן שלעכטס וואָס רוקט זיך אָן וואָס אַמאָל נענטער. אַ שווערע משא האָט זיך אַרויפגעלייגט אויף זייערע געמיטער און געדריקט ווי אַ שטיין. זיי זיינען זיצן געבליבן שטי־לע, אומבאַהאָלפענע, דערשלאָגענע און יעדער פון זיי האָט געדריקט אין זיך זיין פאַרצווייפלונג. זיי האָבן אויסגעמיטן צו קוקן זיך אין די אויגן אַריין.

נאָך אַ לענגערן, פּיינלעכן שטילשווייגן האָט פייגעלע אויפגעהויבן איר קאָפּ. מיט רויטע, טרערן־פאַרלאָפענע אויגן האָט זי אָנגעהויבן קוקן אויף איר בענין, און איר בליק איז געווען אַזאַ טיף־דורכדרינגלעכער, אַז אים האָט זיך אויסגעדוכט אַז זי וויל אים אַריינקוקן אין דער סאַמער טי־פעניש פון זיין נשמה, אַז זי וויל אַרויסלייענען די סאַמע באַהאַלטענע סו־דות זיינע. ער האָט אָט דעם בליק אירן נישט געקאָנט מער אויסהאַלטן. ער האָט אַריינגענומען זיין פּנים איןביידע הענט און זיך צעוויינט ווי אַ קינד.

זי איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו אים נענטער, אַראָפּגענו־מען די הענט זיינע פון פּנים און אָפּגעווישט די טרערן פון זיינע באַקן. זי האָט צוגעטוליעט צו זיך זיין קאָפּ, אַזוי אַז ער האָט געקאָנט הערן דאָס ברויזנדיקע שלאָגן פון איר אומרואיק האַרץ, און עס האָט זיך אים אָנגע־הויבן אויסדוכטן, אַז דאָס שטייט לעבן אים זיין מוטער און וויל אים טרייסטן אין זיין טרויער.

זי האָט געזוכט אין זיך ווערטער אים צו טרייסטן, אָבער זי האָט אָט די טרייסטווערטער נישט געקאָנט געפינען. צו דערשלאָגן איז זי אַליין געווען פון אָט דעם אַלעם, אַז זי זאָל זיין בכוח צו געפינען אַ טרייסט.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, באַפרייט זיך פון אירע אָרעמס, אויס־געקושט די טרערן פון אירע פייכטע אויגן, און דערנאָך איז ער פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צום פענצטער און פאַרקוקט זיך ערגעץ ווייט...

אַן אומעטיקע האָט פייגעלע זיך צוגעזעצט אויף אַ ברעג פון אַ בענקל און געטראַכט: „שוין, אַזוי ענדיקן זיך אונדזערע חלומות, אונדזערע פּלע־נער וואָס מיר האָבן געשמידט צוזאַמען...‟ אָט די ווערטער האָט זי נישט ווילנדיק אַרויסגעברענגט פון זיך אין אַ שטילן פליסטער, אָבער בעני האָט עס דערהערט, און עס האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרצן. ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם טרויער וואָס זי לעבט איבער און געפּרווט זי דערמונטערן.

— מ'דאַרף נאָך נישט פאַרצווייפלען, טייערע פאַני — האָט ער געזאָגט — מיר זיינען נאָך יונג!... — ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר מער גאָרנישט געקאָנט צוטראַכטן.

— וויפל צייט איז נאָך פאַראַן ביזן פּריזיוו? — האָט פייגעלע געפרעגט — אפשר זאָל איך מיט דיר מיטפאָרן? דאָרט ווו דו וועסט זיין, וועל איך אויך זיין.

— וואָס רעדסטו? — האָט ער טרויעריק געשמייכלט — און אויב מען וועט מיך צונעמען פאַר אַ סאָלדאַט, וואָס וועט דעמאָלט זיין?

און ווידער האָט געהערשט אַ פיינלעכע שטילקייט אין צימער.

פלוצלינג האָט זיך פייגעלע אויפגעשטעלט און אויסגעגלייכט אין איר גאַנצער הויך. זי האָט אויסגעזען ווי עמעץ וואָס וויל זיך מיטן גאַנצן כוח באַפרייען פון עפּעס אַ שווערן יאָך און האָט אָנגענומען אַ וויכטיקן באַשלוס:

— דו וועסט נישט פאָרן צום פּריזיוו — האָט זי אַ זאָג געטאָן מיט אַ פעסטער שטים.

— וואָס הייסט, כ'וועל נישט פאָרן? — האָט ער אַ פאַרוווּנדערטער געפרעגט.

— אַזוי איז עס, וועסט נישט פאָרן — האָט זי איבערגעחזרט — אָנשטאָט צום פּריזיוו, וועלן מיר פאָרן קיין סאַראַקע, צו סאַבסייען אין דער טרופּע.

בעניין איז שווער געווען צו באַנעמען אָט דעם פלוצלינגדיקן באַשלוס אירן.

— און וויאַזוי וועל איך קענען אַרומפאָרן איבער רוסלאַנד, זייענדיק אַ דעזערטיר? איך וועל דאָך מוזן מורא האָבן פאַר אַ פליג אויף דער וואַנט. ניין, פאַני — האָט ער געפּרוווט צונישט מאַכן איר פּלאַן — מיר וועלן דאַרפן צו טייער באַצאָלן דערפאַר...

זי האָט געזוכט אין זיך ווערטער אים צו טרייסטן, אָבער זי האָט מאָל געטווישט זייערע קינדעריש-לייכטזיניקע פּלענער און מיינונגען. אין זייער דראַנג צו פאָרן איבער דער וועלט און זוכן דערפאָלג און קינסטלעריש באַרימטקייט האָבן זיי אויפגעהערט צו זען די לויערנדיקע געפאַרן, און אָט דער דראַנג האָט גובר געווען די מורא. ביידע זיינען געקומען צום באַשלוס, אַז מען דאַרף:

— אָנזעצן דעם רוסישן צאַר און נישט פאָרן צום פּריזיוו!

— פאַניע האָט גענוג סאָלדאַטן אָן דיר — האָט פייגעלע געטענהט — לאָמיר זיך אָנעמען מיט פרישן מוט. קיין שום זאַך דאַרף אונדז נישט אָפּשרעקן. מיר זיינען יונג און מיר וועלן בייקומען אַלע שטרויכלונגען. שוין מאָרגן פּאַקן מיר איין אונדזערע זאַכן און מיר פאָרן צו סאַבסייען.

## XVII

צו יענער צייט זיינען אין רוסלאַנד פאַראַן געווען בלויז געציילטע יידישע טרופּעס וועלכע זיינען אַרומגעפאָרן איבער די גרעסערע שטעט און געשפּילט אין לייטישע טעאַטער־זאַלן. אַחוץ די טרופּעס פון קאַמינסקי, פישזאָן און עטלעכע אַנדערע האָט אויך סאַבסיים טרופּע זיך גערעכנט צווישן די אַזוי גערופענע גרויסשטאָטישע אַנסאַמבלען, וואָס האָבן געגעבן פאָרשטעלונגען בלויז אין די גרויסע שטעט, פאַרשטייט זיך, אויב מען האָט געקאָנט דאָרט אויספּועלן אַ דערלויבעניש צו שפּילן יידיש טעאַטער.

אָט די טרופּעס זיינען געווען צעוואָרפן ווייט איינע פון די אַנדערע. מען האָט באַדאַרפט פאַרן מעת־לעתן כדי צו געפינען אַן אַקטיאָר. בכלל איז דעמאָלט געווען אַ מאַנגל אין שוישפּילער. בפרט האָט מען זיך גענויטיקט אין גוטע זינגערס. דעריבער טאַקע איז גאָר קיין ספק נישט געווען אַז בעני און פייגעלע וועלן זיך געפינען אַן אָרט אין דער סאַבסייטרופּע. אומעטום האָט מען אויסגעקוקט אויף אַזעלכענע כוחות, און זעלבסטפאַרשטענדלעך אויך ביי סאַבסייען.

איין זאַך האָט בלויז פאַרטונקלט זייער הימל: די מורא אַז זייער סוד זאָל אויפגעדעקט ווערן, די מורא אַז אין דער טרופּע זאָל מען זיך דערוויסן, אַז בעני איז אַנטלאָפן פאַרן פּריזיוו און פאָרט אַרום איבער רוסלאַנד אַ טרפהנער, אָן צו דערפילן זיינע מיליטערישע פליכטן. אַזאַ מין סוד האָט מען געקאָנט אויסבאַהאַלטן פאַר יעדן איינעם אָבער נישט פאַרן דירעקטאָר פון דער טרופּע, פאַר סאַבסייען, הייסט עס, ווייל ער, דער דירעקטאָר, איז געווען דער וואָס האָט באַדאַרפט איינמעלדן אַלע אַקטיאָרן און אַקטריסעס אין דער פּאָליציי, ביילייגנדיק זייערע פּאַספּאָרטן. אַן אַנדער זאַך איז, אַז דער דירעקטאָר האָט אין אַזאַ פאַל זיך געקאָנט לייכט אַן עצה געבן. צי האָט ער עס געמאַכט מיט כאַבאַר, אָדער באַנוצנדיק אַן אַנדער מיטל, אָבער שטענדיק האָט ער שוין געפונען אַ וועג וויאַזוי אַזאַ אומלעגאַלן אַקטיאָר צו דעקן. די צרה איז אָבער געווען אַז אָט די אַלע דירעקטאָרן האָבן אויסגענוצט די לאַגע און די אומלעגאַלע אַקטיאָרן האָבן

געמוזט באַצאָלן אַ צו טייערן פּרייז: זיי זיינען פון די געוויסנלאָזע די־רעקטאָרן געווען אויסגענוצט און עקספּלואַטירט אויף אַן אומענטשלעכן אופן, און ווי איז געווען צו אַזאַ מין קרבן אויב ער האָט זיך געפּרוווט ווערן. די זעלביקע דירעקטאָרן וואָס האָבן זיי אויסבאַהאַלטן, האָבן זיי געקאָנט איבערגעבן אין די הענט פון דער פּאָליציי. די קרבנות האָבן דע־ריבער געליטן און געשוויגן, און דער איינציקער אויסוועג זייערער, אויב זיי האָבן געוואָלט פאַרלאָזן די טרופּע, איז געווען צו אַנטלויפן אין גע־היים, פאַרשטייט זיך, קיין אויסלאַנד.

געגוי אַזוי האָט פּאַסירט אויך מיט בענין. סאַבסיי האָט אים מיט פייגע־לען צוזאַמען אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. בעני האָט אין אַ קורצער צייט זיך דערוואָרבן אַ נאָמען ביים פּובליקום, געוואָרן וואָס אַמאָל וויכ־טיקער אין דער טרופּע, און אָנגעהויבן פאַרנעמען איינעם פון די ערשטע ערטער. ער איז געוואָרן זייער פּאָפּולער און זיינע אויפטריטן האָבן גאָר אויסגענומען, אָבער וואָס אָנבאַלאַנגט זיין לוין, איז ער אויסגענוצט גע־וואָרן אויף אַ מיאוסן אופן און גאָר שטאַרק באַוואָלט געוואָרן פון סאַב־סייען, וועלכער האָט גלייך פאַרשטאַנען, אין וואָס פאַר אַ לאַגע דער יונ־גער שוישפּילער געפינט זיך, און אַז ער וועט מוזן איינגיין אויף אַלע באַ־דינגונגען.

אַט דאָס אַלץ האָט זייער שלעכט געווירקט אויף זיין געמיט. ער האָט זיך געפילט ווי אַ שקלאַף וואָס איז צוגעקאָוועט מיט אַ קייט צו זיין באַלעבאָס און קאָן זיך פון זיין יאָך נישט באַפרייען. זיין ביטערן גורל האָט ער געטיילט מיט פייגעלען וועלכע פלעגט אָפט אים פּרובירן טרייס־טן און אויסריידן אים זיינע זאָרגן. ווען זיי זיינען געווען צוזאַמען, פלעגט זי צו אים צוקומען, אַריינפלעכטן אירע פינגער אין זיין שוואַרצער טשו־פּרינע און איינעמען ווי מען נעמט איין אַ קינד.

— זאָרג נישט — פלעגט זי זאָגן — ס׳וועט נאָך קומען אַ צייט און מיר וועלן באַפרייט ווערן פונעם אויסנוצער. מ׳דאַרף נאָר זיין אַביסעלע מער געדולדיק.

אָבער אים האָט אָנגעהויבן צו שווערן די כסדרדיקע מורא, טאָמער וועט אים די פּאָליציי אַרעסטירן, די מורא אַז דער סוד זיינער וועט זיך סוף־כל־סוף אויסגעבן. ער האָט זיך געפילט ווי אַ געפּענטעטער, ווי אַן אמתער שקלאַף, ווי אַ שפּילצייג אין די הענט פון סאַבסייען, וואָס איז געווען באַלעבאָס איבער אים, איבער זיין פרייהייט און געצאָלט אים אַ נישטיקן געהאַלט וואָס האָט נישט געקלעקט אויף די מינימאַלסטע אויס־

גאבן אפילו. עס האט אים אנגעהויבן וואס אמאל אפטער עגבערן אין קאפ די חרטה הלמאי ער האט זיך טאקע נישט צוגעשטעלט צום פריזיוו.

אט די געדאנקען האבן מיט זיך מיטגעבראכט אויך אנדערע טראכ־טענישן. ער האט נישט פארגעסן, אז דאס איז עס געווען פייגעלע וועלכע האט אים צוגערעדט, אז ער זאל האנדלען אזוי לייכטזיניק און נישט אי־בערגערעכנט, אז דאס האט זי אים פארשלעפט אין אט דעם זומפ פון וועלכן ס'איז קיין אויסוועג נישטא, סיידן לאזן אלץ שטיין און אנטלויפן...

יא, אנטלויפן! אבער ווידעראמאל: ווי לאזט ער זי איבער איינע אליין אין דער טרופע? אנטלויפן ווידער מיט איר צוזאמען איז א צו שווע־רער ענין. אזוי ארום איז ער ביסלעכווייז דערגאנגען צו יענע געדאנקען, אין וועלכע זי האט אים אמאל געהאט חושד געווען, און ער האט עס דעמאלט אזוי היים אפגעווארפן. איצטער האט ער אנגעהויבן טאקע צו טראכטן, אז דאס איז זי פייגעלע נישט נאר דער גורם פון זיין פאר־שקלאפטקייט, נאר אויך א שווערער לאסט, וואס האלט אים צו און פאר־מאכט אים זיין וועג צו דער פרייהייט. אז דאס איז זי וואס צעשטערט זיין צוקונפט, זיין קאריערע, זיין גאנץ לעבן.

ער האט דאס איר נישט געזאגט, אבער אין זיך האט ער אזוי גע־טראכט און אפטמאל פארשאלטן יענע שעה ווען ער האט זיך צוגעהערט צו אירע רייד און אויסגעפאלגט איר עצה. ער האט אנגעהויבן ארומגיין א צעטרייסלטער, א נערוועזער און אלץ געזוכט אן אויסוועג פון אט דער לאגע זיינער, און וואס מער ער האט געטראכט, אלץ מער איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אז עס איז נישטא פאר אים קיין אנדערער אויס־וועג ווי נאר אנטלויפן פון דער טרופע, באפרייען זיך פון סאבסייען, פון אלע שטערונגען און ווידער זיין א פרייער מענטש.

ער האט זיך א וואקל געטאן ביי אט דעם געדאנק, ווייל אנטלויפן האט אויך געמיינט איבערלאזן פייגעלען, פארלירן זי, אבער אויך צו דעם געדאנק האט ער זיך פאמעלעך צוגעוווינט. דאס וואס איז אין אנהויב גע־ווען בלויז א לויזע, פארבייפליענדיקע מחשבה האט זיך איצט באפעס־טיקט אין זיין מוח און אנגענומען די פארעם פון א פעסטן באשלוס.

ניין! האט ער באשלאסן. ער וויל נישט מער זיין קיין שקלאף. ער וויל קענען ארומגיין איבער דער וועלט מיט אן אויפגעהויבענעם קאפ און קוקן יעדן איינעם גלייך אין פנים אריין. ער וויל דערגרייכן זיין געגארטן ציל — ווערן א גרויסער בינע־קינסטלער און שטייגן וואס אמאל העכער. אט דאס אלץ קאן ער דערגרייכן נאר ווען ער וועט אוועק קיין אויסלאנד,

און נאָר דאָס בלייבט אים טאַקע צו טאָן. אַזוי האָט ער טאַקע באַשלאָסן צו טאָן. ער האָט נישט געטראַכט וועגן דעם, סאַראַ קלאַפּ דאָס וועט זיין פאַר פייגעלען. ער האָט נישט געטראַכט ווי שרעקלעך דאָס וועט זיין פאַר איר, פאַר אָט דעם מיידל וואָס האָט אים ממש פאַרגעטערט. די שטראָף מיט וועלכער ער האָט זיך געקליבן צו באַשטראָפן אַ יונג, אומדערפאַרן מיידל בלויז דערפאַר וואָס זי האָט אים בלינד ליב געהאַט, איז געווען גרויזאַם. אין זיין לייכטזיניקייט און אומבאַרעכנטקייט האָט ער זיך נישט פאָרגעשטעלט ווי שטאַרק עס וועט איר אויסקומען צו ליידן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען איר ליבע צו אים, נישט געקאָנט באַגרייפן אַז נאָר זי, פייגעלע, איז געווען אימשטאַנד אים אַזוי ליב צו האָבן.

ער האָט זיך טאַקע געוואַקלט, אָבער די וואַקלענישן האָבן בלויז אָפּ־געשלעפּט דאָס אויספירן פון זיין פּלאַן. אין אַ שיינעם העלן טאָג האָט ער אין געהיים צונויפגעפּאַקט זיינע זאַכן און אומבאַמערקטערהייט פאַר־שוווּנדן געוואָרן פון דער טרופּע.

## XVIII

עס זיינען אוועק לאנגע יאָרן.

בעני איז אַרויס אין דער ברייטער וועלט אַריין, אַרומגעוואַנדערט, געביטן אַלעמאָל די סביבה, געהאַט וואָס אַמאָל אַנדערע פריינטשאַפטן, אַנדערע איבערלעבונגען, אַנדערע באַגעגענישן. אַ סך דערפאַרונגען האָבן רייף געמאַכט זיין בליק אויפן לעבן, די גרויסע ברייטע וועלט, מיט איר גאַנצער פאַרשיידנאַרטיקייט, מיט איר שלעכטס און גוטס, איז געווען זיין לעבנס-שולע און נישט איין שווערן מאָמענט האָט ער מיטגעמאַכט, גע־פרוווט געוואָרן מיט צער און מיט פרייד, מיט פיין און מיט שרעק, מיט דערפאָלג און מיט דורכפאַל, מיט אַלע גוטע און שלעכטע מאָמענטן, וואָס קענען אין לויף פון דער צייט זיך אַריבערטראָגן איבער אַ מענטשן. ער האָט שוין פאַרזוכט דעם טעם פון אַ פאַמיליען-לעבן, פונקט ווי ער האָט פאַרזוכט דעם טעם פון עלנט און איינזאַמקייט.

ער האָט איבערגעלעבט די ערשטע וועלט-מלחמה, מיט אירע גרוילן, מיטן פייער פון די רעוואָלוציעס און בירגער-קריגן, דורכגעמאַכט פאָגראָ־מען, נישט איינמאָל געשטאַנען אונטערן הענקערס מעסער, נישט איינ־מאָל געווען אויפן סאַמען ראַנד פונעם אָפּגרונט, נישט איינמאָל געקוקט דעם טויט אין די אויגן אַריין...

אָבער דורך די אַלע לאַנגע יאָרן האָט אים אויף קיין איין מאָמענט נישט אָפּגעלאָזט דער געדאַנק אַז ער איז באַגאַנגען אַ גרויסע עוולה קעגן פייגעלען. דער לויף פון די לאַנגע יאָרן האָט אין זיין זכרון נישט אָפּגע־ווישט איר געשטאַלט. פאַרקערט, וואָס אַמאָל מער און מער האָט ער זיך אָן איר דערמאָנט, וואָס אַמאָל מער און מער האָט ער אָנגעהויבן צו באַ־גרייפן, סאַראַ שרעקלעכן טעות ער איז באַגאַנגען מיט זיין יינגלשן, נאַ־רישן שריט ווען ער האָט זי אַזוי לייכטזיניק פאַרלאָזט.

זילבערנע פעדים האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינצוועבן אין זיין שוואַרצ־האָריקן קאָפּ. זיינע אויגן האָבן זיך געעפנט ברייטער און ער האָט אָנגע־הויבן זען די פאַרגאַנגענהייט וואָס אַמאָל אַנדערש. דער רייפער בליק זיי־נער איז געווען שטענדיק מער געווענדעט אויף צוריק, צו יענע יאָרן, ווען

ער האָט געהאַט פּייגעלען לעבן זיך. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין גליק איז געווען אַזוי נאָענט לעבן אים און ער האָט עס פאַרשפּילט מיט די אייגענע הענט. איר בילד האָט אים פאַרפאָלגט ביטאָג און ביינאַכט. דאָס געוויסן האָט אים געמאַטערט. ערשט איצט האָט ער באַנומען וואָס ער האָט פאַרמאָגט און וואָס ער האָט פאַרלוירן. יאָרן זיינען געפלאָסן, טייל־מאָל פּאַמעלעך, טיילמאָל בליץ־שנעל, אָבער אָט די געדאַנקען האָבן אים קיינמאָל נישט אָפּגעלאָזט. איבער מרחקים, איבער טויזנטער מיילן, וואָס האָבן זיי צעשיידט, פלעגט איר דערמאָנונג אָנקומען צו אים און מאַטערן מיט אַ באַוווסטזיין פון אַ גרויסער שולד, פון אַ גרויסן חטא, וואָס ער איז אין זיין יינגלשן אימפּעט באַגאַנגען.

ער פלעגט פּרווון אָפּטמאָל זיך אַליין אויסריידן, וועלן פאַרגעסן, אָבער עס איז אים נישט געלונגען. ער האָט געבענקט נאָך איר וואָס אַמאָל שטאַרקער, און איינצייטיק האָט אים אויך געמאַטערט אַ געפיל פון אַ נישט באַצאָלטן חוב לגבי איר. ער פלעגט אַלעמאָל זיך דערמאָנען וויאַזוי זי איז מיט אים אַוועק אין דער ברייטער וועלט אריין, געטרויט אים, גע־גלויבט אין אים — און מיט וואָס האָט ער איר באַצאָלט פאַר אָט דעם צוטרוי אירן, פאַר דער גוטסקייט, פאַר דער איבערגעגעבנקייט און גרוי־סער ליבע? אַלעמאָל פלעגט ער מאַכן אַ חשבון־הנפש, און אַלעמאָל מער פלעגט ער דערזען אַז ער איז פאַרבליבן אַ גרויסער בעל־חוב לגבי איר, און אָט דער געפיל פון אַ נישט אָפּגעצאָלטן חוב האָט געדריקט ווי אַ שווערער האָרב זיין רוקן און אים פאַרביטערט דאָס לעבן.

ער האָט נישט פאַרמאָגט אַזעלכע נאָענטע מיט וועמען ער זאָל קאָ־נען טיילן זיין טרויער, זיין חרטה, זיין נאָגנדיקע בענקשאַפט. ער האָט נישט געהאַט פאַר וועמען זיין האַרץ אויסצוגיסן, וועמען צו דערציילן וועגן זיין אומגעהויערער אומענדלעכער בענקשאַפט, נאָך אַ מיידל וואָס אַמאָל איז זי געווען אַזוי נאָענט צו אים, און איצט איז זי אַזוי ווייט, אַזוי אומדערגרייכבאַר ווייט...

פון צייט צו צייט פלעגט ער אָפּנעמען גרוסן פון איר. ער איז געוואָר געוואָרן אַז זי האָט אַ מאַן, אַז זי פירט אַ באַקוועם לעבן, אַז מאַטעריעל גייט איר נישט שלעכט. די דאָזיקע ידיעות האָבן אים נישט פאַרביטערט. ער האָט איר חתונה־האָבן אויפגענומען ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך. ער האָט זי נישט באַשולדיקט דערפאַר, ווייל ער האָט געוווסט אַז דאָס איז ער אַליין דערין שולדיק געווען.

אָבער אָט די ידיעות האָבן גלייכצייטיק פאַרשטאַרקט זיין בענק־

שאפט, זיין באגער צו באזיצן זי נאכאמאל, זיין ווילן צוריקצוגעווינען די אן וועלכער זיין לעבן האט אויסגעזען אזוי פוסט, אזוי איינזאם און עלנט. די לאנגע יארן פון בענקשאפט האבן אט דעם באגער פארוואנדלט אין א פעסטן באשלוס. ער האט עקשנותדיק אנגעהויבן זיך גרייטן דורכצופירן אט דעם באשלוס אין לעבן. ער האט זיך באפרייט פון אלע פליכטן זיינע, לויז געמאכט אלע קייטן וואס האבן אים געבונדן, און ער האט זיך גע־לאזט זוכן אויפסניי זיין פארלוירן גליק.

— איך מוז איר באצאלן דעם חוב וואס כ'בין איר שולדיק געבליבן — האט ער געזאגט צו זיך אליין — איך מוז עס טאן, אפילו פארן פרייז פון מיין לעבן.

## XIX

דעם ערשטן גרוס פון פייגעלען האָט בעני אָפּגענומען אין 1915, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער איז דעמאָלט געווען אין ווין. דאָס גאַנצע גאַליציאַנער יידנטום האָט דעמאָלט געשטראָמט אַהינצו, בכדי צו זוכן שוץ אין דער הויפּטשטאָט, און צוזאַמען מיט אָט דעם שטראָם איז אויך אָנגעקומען בעני.

צוליב דעם אָנקומען פון גרויסע מאַסן פּליטים וואָס האָבן זיך באַזעצט אין ווין, האָט דאָס יידישע טעאַטער געהאַט אַ גלענצנדיקע געלעגנהייט פאַר אַנטוויקלען זיך, אָבער לײדער איז די דאָזיקע געלעגנהייט נישט אויסגענוצט געוואָרן ווי געהעריק. די ווינער יידן האָבן נישט פאַרמאָגט קיין איין טעאַטער־זאַל. דאָס „יידישע טעאַטער" האָט געשפּילט אין אַ זאַל, וואָס איז איינצייטיק אויך געווען אַ רעסטאָראַן. די געסט זיינען געזעסן ביי די טישלעך, געגעסן און געטרונקען, און אין דער זעלבער צייט אויסגעהערט דאָס „ווערק" וואָס יידישע אַקטיאָרן האָבן געשפּילט פאַרן עסנדיקן פּובליקום.

אין דעם דאָזיקן זאַל איז בעני אויסגעקומען אָפּצונעמען דעם גרוס פון פייגעלען. ער האָט זיך גראָד געפונען דאָרטן אַלס גאַסט. געזעסן ביי אַ טישל צוגלייך מיט אַלע באַזוכער און באַוואונדערט דעם ספּעקטאַקל, וואָס איז שטענדיק געשפּילט געוואָרן ביי איינער און דער זעלבער דעקאָראַציע. די דאָזיקע אַלטע און אָפּגעריבענע דעקאָראַציע האָט מען גענוצט נישט נאָר אין אַלע פיר אַקטן פון דער זעלבער פאָרשטעלונג, נאָר אויך יעדן אָוונט, ביי יעדער פאָרשטעלונג, אומאָפּהענגיק פון אינהאַלט און כאַראַקטער פון דער פּיעסע.

ער איז געזעסן און געטראַכט וועגן ביטערן גורל פון היימלאָזן יידישן טעאַטער און פּלוצלינג האָט ער דערהערט לעבן זיך אַ שטימע:

— איז אייער נאָמען בעני?

ער האָט זיך אומגעקוקט. פאַר אים איז געשטאַנען אַן עלעגאַנטע יונגע פרוי און געשמייכלט העפלעך.

— יאָ, — האָט ער געענטפערט, און דערלאַנגט אַ האַנט דער אומ־באַקאַנטער — מיט וואָס קאָן איך אייך דינען?

— איך האָב אַ גרוס פאַר אייך.

— פאַר מיר? זייער אינטערעסאַנט. זיצט, ביטע. פון וועמען איז דער גרוס?

די פרוי האָט זיך צוגעזעצט און באַטראַכט אים אויפמערקזאַם מיטן זעלביקן פריינטלעכן שמייכל אויף די ליפּן.

— איך ברענג אייך אַ גרוס פון פאַני רייבער! — האָט זי געזאָגט.

דער אומגעריכטער גרוס פון דער, וואָס ער האָט קיינמאָל אויף קיין איין מינוט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן איר, האָט אים אַזוי צע־טומלט, אַז ער איז זיצן געבליבן אומבאַהאָלפן און נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן.

— איך בין אירע אַ אינטימע פריינדן — האָט די פרוי ווייטער גע־רעדט — זי האָט מיך געבעטן אייך איבערצוגעבן אַ גרוס און איך האָב אַט די מיסיע אָנגענומען מיטן גרעסטן פאַרגעניגן...

עס האָט גענומען אַ לענגערע ווײַלע, ביז ער איז געקומען צו זיך פונעם איינדרוק וואָס אַט דער אומגעריכטער גרוס האָט אויף אים גע־מאַכט. ענדלעך האָט ער אַרויסגעשטאַמלט:

— איך דאַנק אייך! דערציילט־זשע מיר טאַקע ליבע פרוי, וואָס מאַכט זי? וויאַזוי לעבט זיך איר? דערציילט מיר אַלץ אויב ס׳איז אייך נישט שווער...

— פייגעלע לעבט איצט זייער פיין — האָט די פרוי אָנגעהויבן — איר מאַן איז איינער פון די ערשטע פּערזענלעכקייטן אין וואַרשעווער יידישן טעאַטער. זי לעבט זייער אַ באַקוועם לעבן, ווײַנט גרויסאַרטיק, האָט דינסטן... אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַ „סטאַר״...

— עס פרייט מיך זייער דאָס צו הערן... — האָט ער געזאָגט מיט אַן עטוואָס הייזעריקער שטים — איז זי הייסט עס גליקלעך? — האָט ער געפרעגט אין אַ שטילן פאַרטראַכטן געמורמל, און ס׳האָט אויסגעזען אַז נישט דער פרוי, נאָר זיך אַליין שטעלט ער די דאָזיקע פראַגע.

— צי זי איז גליקלעך? דאָס קאָן איך אייך באַשטימט נישט זאָגן — האָט די פרוי אַלץ שמייכלענדיק געענטפערט — דאָס אַלץ, וואָס איך דערצייל אייך וועגן איר אַרט לעבן, הייסט אפשר ביי אַנדערע גליק... אָבער לויט ווי איך קאָן פייגעלען, לויט ווי איך פאַרשטיי זי און באַנעם

איר נשמה, איז מיר שווער צו גלויבן, אַז דער אויבנאויפיקער גלאַנץ קאָן זי גליקלעך מאַכן.

— איר זאָגט דאָך אַליין, אַז זי האָט אַ מאַן אַ סטאַר, און פירט אַ באַקוועם לעבן.

— איך ווייס נישט אויף וויפל איר קענט פייגעלען, אָבער איך בין איר אינטימסטע חברטע, פאַר מיר האָט זי קיין שום סודות נישט... — די פרוי האָט אויפגעהערט ריידן. אין אירע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ פייכטער גלאַנץ. זי האָט אָבער איינגעהאַלטן די טרערן, אויסגעווישט די אויגן און פאַרגעזעצט:

— פייגעלע איז נישט גליקלעך. שוין פיל מאָל ווי זי איז גרייט געווען איבערצולאָזן אַלע גליקן און אַנטלויפן. עס נאָגט זי אַ בענקשאַפט, פון וועלכער זי קאָן זיך נישט באַפרייען. שוין וויפל מאָל, ווי זי האָט געוואָלט זיך לאָזן אין דער וועלט אַריין כדי אָפּצוזוכן און צוריקגעווינען איר בענין... צי ווייסט איר דערפון? פאַראַן טעג ווען זי גייט אַרום מיט רויטע אויגן פון כסדרדיקן וויינען, און קיינער ווייס אפילו נישט די סיבה דער פון...

אַט דאָס אַלץ האָט די פרעמדע פרוי אַרויסגעזאָגט מיט אַזוי פיל נשמה, מיט אַזוי פיל הארץ, מיט טרערן אין די אויגן, אַז בענין האָט זיך אויסגעוויזן אַ ווײַלע, אַז דאָס זיצט נישט אַ פרעמדע פרוי פאַר אים, נייערט פייגעלע אַליין איז געקומען פון ווייטן ווייט און באַקלאָגט זיך פאַר אים, הלמאי ער האָט זי אַזוי באַוועלט, הלמאי ער האָט צעטרעטן און צעשטויבט איר ליבע... ער האָט דערזען פאַר זיך פייגעלען וואָס זיצט און מאָנט אַ חוב פון אים, אַ חוב, וואָס ער איז איר שולדיק געבליבן און מוז איר באַצאָלן, אַז זי מאָנט ביי אים גערעכטיקייט, מאָנט ביי אים דאָס וואָס איר קומט. עס האָט זיך אים געוואָלט זיך אַ ריס טאָן פון אָרט און אויסשרייען: „טייערע, איך וועל קומען צו דיר! מיט מיין אייגן לעבן וועל איך באַדיי באַצאָלן פאַר דער עוולה, וואָס כ'האָב דיר געטאָן".

ער האָט פאַרדעקט דאָס פנים מיט די הענט און אַזוי זיצן געבליבן אַ לענגערע ווײַלע. ווען ער האָט זיך באַהערשט איז די פרוי נאָך אַלץ געזעסן לעבן אים, אָבער זי האָט זיך שוין געגרייט צום אוועקגיין. זי האָט אים אויסגעשטרעקט אַ האַנט אויף צו געזעגענען זיך. ביידע האָבן זיך אויפגעשטעלט כמעט גלייכצייטיק און ער האָט פעסט אַ דריק געטאָן די האַנט פון פייגעלעס חברטע, אָבער ער האָט נישט געפונען אין זיך קיין ווערטער אויסצודריקן זיינע געפילן. טרערן זיינען געפלאָסן איבער זיינע

באַקן און ער האָט זיך שוין מער נישט געשעמט דערמיט. עס האָט זיך אים געוואָלט אַ מאָל טאָן צו די פֿיס פֿון דער פרעמדער פרוי און בעטן ביי איר, זי זאָל אים מוחל זיין, וואָס ער האָט אַזוי פֿיל ווי געטאָן פֿייגעלען, איר בעסטער חברטע, אָבער ער האָט עס נישט געטאָן. ער איז געשטאַנען פֿאַר איר אַן איינגעשרומפּענער, אַ פֿאַרשולדיקטער קעגן דער גאַנצער וועלט און זיין אייגן געוויסן.

ער האָט אַפֿילו נישט באַמערקט ווען די פרוי איז אַוועק. פּאַמעלעך איז ער צוריקגעפֿאַלן אויף זיין שטול און געזעסן אינעם טומל פֿון רעסטאָראַן מיטן בילד פֿון פֿייגעלען פֿאַר די אויגן. ער האָט געזוכט אַ וועג צו פֿייגעלען. געזוכט אַן אופֿן וויאַזוי אויפֿסניי זי צו דערוואָרבן. לייכט איז עס נישט געווען. טויזנטער פֿאַרשיידענע שטערונגען און שטרויכלונגען האָבן אים איצט אָט דעם וועג פֿאַרשטעלט.

אָבער אָט די שטערונגען האָבן נישט געקאָנט ברעכן זיין עקשנות־דיקן באַשלוס. ער האָט געוווּסט שוין איצטער, אַז ער מוז זיין ציל דער־גרייכן, אַז ער האָט איצטער אַ גרויסע אויפֿגאַבע פֿאַר זיך: געפֿינען אויפֿס־ביי זיין גליק, אָפּווישן אירע טרערן און באַלוינען זי פֿאַר אַלע ליידן.

## XX

ווען די ערשטע וועלט-מלחמה איז דערגאַנגען צו איר ענדע, און די פאַרשלאָסענע גרענעצן האָבן זיך געעפנט כמעט אומעטום, האָט בעני, צוגלייך מיט אַנדערע אַקטיאָרן, אָפּגעאָטעמט פרייער.

פאַרשלאָסענע גרענעצן, אָפּגעצוימטקייט פון לענדער ווירקט שלעכט אויף אַלע מענטשן, אָבער אַקטיאָרן ליידן דערפון אפשר מער פון אַנדערע, ווייל אַקטיאָרן זיינען ווי וואַנדערנדיקע פייגל, וואָס נויטיקן זיך אין פרייהייט און אין אָפענעם שטח, פונקט ווי אין לופט צום אָטעמען.

די מחנה אַקטיאָרן וואָס האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער די ווינער גאַסן, האָט דעם אָטעם פון פרייהייט אויפגענומען מיט גרויס פרייד. זיי האָבן אָנגעהויבן פונאַנדערפאָרן זיך, יעדער איינער אין אַן אַנדערער ריכטונג, יעדער איינער זוכן זיין מזל. לעמבערגער האָבן אָנגעהויבן קומען קיין ווין, ווינער קיין לעמבערג און קיין וואַרשע, וואַרשעווער ווידער אין אַן אַנדער ריכטונג, און אַזוי האָבן די אַקטיאָרישע הפקר-באַשעפענישן אויפסניי גענומען וואַנדערן און אַרומפאָרן זוכנדיק זייער ניי גליק, נייע דערפאָלגן, נייע פעלדער צו קינסטלערישער אַרבעט.

מער פון אַלעם האָט זיך מיט דער דאָזיקער אָפענער און פריי-געוואָרענער וועלט געפרייט בעני. עס איז אים איצט לייכטער אָנגעקומען אָפּצונעמען אַ גרוס פון פייגעלען, ווייל די פאַרבינדונג מיט וואַרשע איז שוין געווען איינגעשטעלט אויפסניי. ער האָט פון איר אָפּגענומען פאַרשיידענע גרוסן אָבער די לעצטע ידיעה האָט אים גאָר דערפרייט. ער איז געוואָר געוואָרן אַז זי איז שוין ווידער פריי, אַז זי איז איצט אַליין. די דאָזיקע גוטע בשורה האָט אים גאָר שטאַרק דערמוטיקט און ער האָט אָנגעהויבן נאָכמער ענערגיש אָנצוגיין מיט זיין קאַמף כדי וואָס גיכער דערגרייכן דאָס באַפרייען זיך פון אַלע זיינע פליכטן און קענען קומען צו איר שוין אַלס פרייער מענטש, וואָס איז שוין צו קיינעם און צו גאָרנישט צוגעבונדן מער, און אַזוי אַרום זיך קענען מיט איר פאַראייניקן אויף שטענדיק.

עס איז נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט אָט דאָס צו דערגרייכן, נישט אַזוי לייכט איז געווען דאָס אַרויספּלאָנטערן זיך פון די אַלע קליינע פליכ-



מן און התחייבותן וועלכע האָבן געפּענטעט זיין פרייהייט, אָבער ער האָט געהאַט פאַר די אויגן שטענדיק דעם ציל זיינעם, און איז ווייטער אָנגעגאַנגען עקשנותדיק מיט זיינע באַמיאונגען. ער האָט אויפגעגעבן אַלע זיינע געשעפטלעכע און קינסטלערישע פּלענער, נישט געוואָלט אונטערנעמען קיין שום זאַך וואָס זאָל אים אויף להבא קענען ווייטער פאַרהאַלטן אין וועג. ער האָט געלעבט בלויז מיט איין געדאַנק: דערגרייכן זיין פרייהייט און פאַרן קיין וואַרשע וואָס גיכער. ענדלעך האָט ער זיין ציל דערגרייכט. ער האָט זיך אַרויסגעפּלאָנטערט פון אַלע זיינע פליכטן, וואָס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ לאַנגיאָריקער געפאַנגענשאַפט. איצט איז ער שוין געווען אַ פרייער מענטש און געגרייט זיך אין וועג אַריין, כדי צו פאַרווירקלעכן זיין פּלאַן.

זינט ער האָט דעמאָלט, אין זאָל פונעם טעאַטער-רעסטאָראַן, אָפּגענומען דעם ערשטן גרוס, איז אים שוין אויסגעקומען פיל מאָל צו הערן פאַרשיידענע ידיעות פון פייגעלען. יעדער ידיעה פון דעם מין האָט אים אי געפרייט און אי אַריינגעבראַכט אין אַן אומעטיקער בענקשאַפט. נאָכן אָפּנעמען אַ גרוס פלעגט ער אַרומגיין וואָכנלאַנג און טראַכטן וועגן איר, און פאַרשטעלן זיך ווי אַזוי זי זעט אויס איצטער. יעדער גרוס איז געווען פאַר אים ווי אַ מין באַגעגעניש מיטן שאָטן פון דער פאַרגאַנגענהייט און איינציייטיק אויך אַ שטראַל פון האָפענונג אויף אַ ליכטיקער צוקונפט. אָבער איצטער, ווען ער איז שוין געווען גרייט צו דער רייזע, האָט ער שוין מער נישט געטראַכט פון די גרוסן, ער האָט געטראַכט בלויז פון איין זאַך: אָט פאָרט ער שוין צו איר, אָט וועט ער זי שוין אין קורצן ווידער אַמאָל דערזען פאַר זיך. ווי אַזוי זעט זי אויס? האָט זי זיך געענדערט? און אויב יאָ, ווי אַזוי? זיינע מחשבות זיינען געלאָפן פאַראויס פאַר אים און ער האָט געפּרוווט זיך פאָרשטעלן פאַראויס דעם מאָמענט פון דער באַגעגעניש, וועגן וועלכער ער האָט אַזויפיל געטראַכט, און וועלכע ער האָט צוגעגרייט מיט אַזוי פיל עקשנות.

ער איז איינגעשטיגן אין צוג אין אָוונט און זיך צוגעלייגט אויף אַ באַנק. געפאָרן איז ער מיטן צווייטן קלאַס פשוט דערפאַר וואָס אין דעם צוג איז קיין דריטער קלאַס נישט פאַראַן געווען. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און עס האָט זיך אים אויסגעדוכט אַז ער איז שוין אין וואַרשע און פייגעלע קומט אים אַנטקעגן און שטרעקט אויס די הענט צו אים. די רעדער פונעם צוג האָבן געטרוישט זייער מאָנאָטאָנעם ניגון און ער איז סוף-כל-סוף אַנטשלאָפן געוואָרן מיט פייגעלעס בילד פאַר די אויגן.

## XXI

זינט פייגעלע האָט דערהאַלטן דורך איר חברטע, וואָס איז געפאָרן קיין ווין, דעם ערשטן גרוס פון בענין, האָט זיך ביי איר נאָך מער גע־שטאַרקט די האָפענונג, אַז עס מוז קומען דער מאָמענט ווען זיי וועלן אויפסניי זיך טרעפן און צוזאַמען פירן זייער לעבן.

דער בלינדער צופאַל האָט איר צוגעהאָלפן אין אירע פלענער. די איינציקע שטערונג אויף איר וועג צו בענין איז געווען איר איצטיקער מאַן, אָבער זינט אַ לענגערער צייט האָט זי אָנגעהויבן צו מערקן אַ גע־וויסע ענדערונג אין זיין באַציאונג צו איר, ביז איינמאָל האָט ער פאַר־פירט מיט איר אַ שמועס און געבעטן ביי איר זי זאָל אים באַפרייען פון זייער צוזאַמענלעבן. ער האָט וויוזט אויס זיך געריכט אויף אַ גוואַלדיקן ווידערשטאַנד פון איר זייט, אָבער ווי דערשטוינט איז ער געוואָרן ווען פיי־געלע האָט איינגעשטימט דערויף גלייך און כמעט ווי מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן.

איצטער איז זי שוין געווען פריי. זי האָט אָפּגעדונגען אַ קליין צי־מערל ביי אַ פאַמיליע, אויפן פערטן שטאָק און געלעבט איינזאַם וואַרטנ־דיק אויפן טאָג ווען איר בעני וועט קומען. זי האָט נישט געוווסט ווען דאָס וועט געשען אָבער זי איז געווען זיכער אַז קומען מוז ער. זי האָט געלעבט אין איין וואַרטן, אין איין האָפן, אין איין אויסקוקן אויפן טאָג, ווען דאָס וועט שוין טאַקע געשען.

פון איר פריסטער קינדהייט זיינען איר פאַרבליבן פאַרשיידענע אָבערגלויבנס און קינדערישע טרוימען, און כאָטש זי איז איצטער שוין געווען אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, דאָך האָט זי נאָך געהאַט די געוווינ־שאַפט צו זוכן אין יעדער דערשיינונג סימנים, וואָס זאָלן באַפעסטיקן איר גלויבן אינעם גליקלעכן טאָג וואָס מוז אָנקומען, ווייל זי באַגערט עס אַזוי שטאַרק. האָט געטראָפן איינמאָל ווען זי איז אַהיימגעקומען פון אַ פּראָ־בע, האָט זי אין אָפענעם פענצטער באַמערקט אַ קליין גרוי פייגעלע, וואָס איז ביי איר אָנבליק אַוועקגעפלויגן.

— טייער פייגעלע — האָט זי נאָכגעשריגן — האָסט מיר געבראַכט אַ גרוס פון מיין בענין?...

זי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און באַמערקט ווי דאָס פייגעלע הויבט זיך אויף די כוואַליעס פון לופט און קרייזט אַרום איבערן דאַך. עפּעס אַ מאָדנער פאַרגעפיל האָט זי אַרומגענומען און פון גרוים אויפרע־גונג האָט זי נישט געקאָנט מער עסן דעם מיטיק וואָס זי האָט זיך פאַר־גרייט. זי איז זיכער געווען, נישט ווייסנדיק אַליין פאַרוואָס, אַז דאָס איז נישט סתם אַ פייגעלע געווען, נאָר עפּעס אַ גוטער מלאך וואָס האָט איר געברענגט אַ גרוס פון איר בענין.

פון דעמאָלט אָן פלעגט זי יעדן טאָג לאָזן אָפן דאָס פענצטער, אָנ־שיטן אויפן פענצטער־ראַמל פּיצלעך ברויט און קליינינקע קרישקעלעך און וואַרטן אַז דאָס פייגעלע זאָל קומען נאָכאַמאָל, און אַ מאָדנע זאַך — אַזוי איז עס טאַקע געשען. דאָס פייגעלע איז געקומען איין מאָל און נאָכ־אַמאָל ביז וואַנען עס האָט זיך צוגעוווינט און פלעגט שוין קומען יעדן טאָג כסדר און פּיקן די קרישקעלעך וואָס אויפן פענצטער. ס׳פלעגט זיך מאַכן אַז זי איז אַהיימגעקומען פון אַ פּראַבע אין טעאַטער און דאָס פּיי־געלע שטייט און פּיקט ווייטער אומגעשטערט און רואיק, אָן מורא אַז עמעצער זאָל עס וועלן באַעוולען, סיידן די באַלעבאָסטע פון דער וווינונג איז אַריינגעקומען אין צימער. דעמאָלט פלעגט עס אַ פּאַטש טאָן מיט די גרויע פליגעלעך און אַוועקפליען.

עס האָט זיך געטראָפן אין איינעם פון די טעג, ווען זי איז אַהיימגע־קומען פון טעאַטער און דאָס פייגעלע איז געשטאַנען אויפן פענצטער, אָבער עס האָט אויפגעהערט צו פּיקן נאָר געהאַלטן אין איין קוקן אויף איר מיט קליינע גלאַנציקע אייגעלעך. זי איז צוגעגאַנגען פאָרזיכטיק צום פענצטער און אָנגעהויבן ריידן דערצו צאַרט און שטיל:

— פלי נישט אַוועק טייער פייגעלע מיינס, לאָז דיך אָנרירן, איך וועל דיר נישט טאָן קיין שלעכטס.

און דאָס פייגעלע איז טאַקע נישט אַוועקגעפלויגן, נאָר געשטאַנען און געקוקט אויף איר, גלייך סע וואָלט פאַרשטאַנען איעדעם וואָרט אירס, אָבער ווען זי האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט, בכדי עס אַ גלעט צו טאָן, איז עס אַוועקגעפלויגן, און זי איז געבליבן אין צימער אַ בענקענדיקע און איינזאַמע.

— דאָס איז דער בעסטער סימן — האָט זי צו זיך אַליין געזאָגט —

אז בעני קומט טאַקע היינט און אַז דאָס פייגעלע האָט מיר אַזוי אַרום אָנגעזאָגט די גוטע בשורה.

אָט דער געדאַנק האָט זי אָנגעפּולט מיט אומרו, און זי האָט אָנגע־הויבן נערוועז אַרומשפּרייזן הין און צוריק איבערן צימער. „ער קומט, ער קומט" — האָט זי אומגעדולדיק און צעטראָגן גערעדט צו זיך אַליין, און פּלוצלינג — אַ לייכטער קלאַפּ אין טיר. זי האָט אויפגעציטערט אינ־גאַנצן און מיט הענט וואָס האָבן זיך געטרייסלט פאַר אויפרעגונג האָט זי אַ דריק געטאָן די קליאַמקע און געעפנט. זי האָט געפיבערט און איר גאַנצער גוף האָט זיך געוואַקלט. יאָ! דאָס איז טאַקע געווען ער, בעני.

ווי האָט ער זיך געענדערט, אָט דער בעני טאַקע! פאַר איר איז גע־שטאַנען אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ קאָפּ וואָס איז געווען שוין ווי פאַרשנייט פון די גרויע האָר, אָבער דאָך איז עס געווען בעני, דער זעל־ביקער לייכטזיניקער יינגל וואָס איז אַוועק פון איר מיט צוויי און צוואַנ־ציק יאָר צוריק.

זיי זיינען געשטאַנען פּנים אל פּנים און אָנגעקוקט זיך. בעני האָט אויך שוין נישט געטראָפן יענע בליענדיקע, רייצנדיקע פייגעלע פון אַמאָל. פאַר אים איז געווען אַ פרוי אינעם זעלבן עלטער וואָס ער, מיט שטריכן אויפן פּנים, וואָס דערציילן פון אַ סך ליידן און בענקשאַפט.

— בן־ציון! — האָט זי אויסגעשריגן — איך האָב געוווסט, אַז דו וועסט היינט קומען.

— יאָ — האָט ער געענטפערט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ — איך בין צוריקגעקומען צו דיר. זאָג, וועסטו מיך נישט פאַרשטויסן פון דיר?
— האָט ער אַ פאַרשולדיקטער געפרעגט.

זי האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און אַריינגעפירט אין צי־מער, פאַרמאַכנדיק די טיר הינטער זיך. זיי האָבן זיך צעקושט, אָבער זייער קוש איז געווען ווי פון צוויי אַלטע גוטע חברים, פון פריינט, און נישט פון מאַן און פרוי...

— זעץ דיך אַנידער — האָט זי צו אים אַ זאָג געטאָן — לאָמיך דיך נאָר אָנקוקן. — אָבער די טרערן האָבן זי אָנגעהויבן שטיקן אין האַלדז און אַ לענגערע ווײַלע האָט אין צימער געהערשט אַ שטילקייט. ער איז צוגעגאַנגען צו איר, אָפּגעווישט די טרערן פון אירע באַקן און מיט אַ מאָדנעם שמייכל אַ זאָג געטאָן:

— נו, וויין נישט, מען באַדאַרף נישט וויינען, זעסט דאָך אַז נאָך אַזוי פיל יאָרן האָבן מיר זיך אויפסניי געפונען.

ער איז שטיל געוואָרן און נאָך אַ פּויזע ווידער אָנגעהויבן צו ריידן:

— איך פּיל זיך שטאַרק שולדיק קעגן דיר. זיי מיר מוחל, זיי מוחל יענעם לייכטזיניקן יינגל, וועלכער האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען... אָבער דאָס וואָס יענער לייכטזיניקער בעני האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרשטייט שוין זייער גוט דער רייפער און דערוואַקסענער בן־ציון. זע, איך האָב נישט געקאָנט געפינען קיין רו, נישט געהאַט קיין איין רואיקן טאָג אין מיין לעבן, ביז וואַנען איך האָב דיך נישט אויפגעזוכט אויפסניי, און איצ־טער בעט איך דיך, זאָלסט מיר מוחל זיין און מיר זאָלן שוין תמיד זיין צוזאַמען.

— איך בין דיר מוחל, מיין בן־ציון — האָט זי שטיל געענטפערט. זיי האָבן זיך אַרומגענומען און געזעסן אַזוי לעבן זיך, פאַרליבטע און יונג־געוואָרענע, אַ לענגערע ווײַלע. זי האָט געגלעט זיין ווייס־באַזילבערטן קאָפּ און צאַרט גערעדט צו אים:

— איך האָב דיר שוין לאַנג מוחל געווען, נאָך איידער דו ביסט גע־קומען אַפילו. איך האָב קיינמאָל אויף דיר קיין האַס נישט געטראָגן. איך האָב דיך פאַרשטאַנען אפשר מער, ווי דו שטעלסט זיך עס אַליין פאָר.

— איך שעם זיך פאַר דיר — האָט ער געענטפערט — דו ביסט אַזוי גרויסמוטיק צו מיר, אַז איך ווייס נישט ווי אַזוי צו פאַרגיטיקן דיין עוולה, מיט וואָס צו באַלוינען דיין גוט האַרץ?

— מיט איין זאַך קאָנסטו מיר פאַרגיטיקן — האָט זי געענטפערט קוקנדיק אין זיינע אויגן — זאָלסט מיט מיר בלייבן שטענדיק, און מער פון מיר נישט אַוועקגיין, און ווייסטו וואָס, קום לאָמיר גיין צו אַ רב און שטעלן אַ חופּה. דו ווייסט דאָך, אַז איך בין פאַרבליבן אַ גלויביקע, טאָ טו עס מיר צוליב. מירן אָנהויבן אַ ניי לעבן צוזאַמען, און מיט אָט דעם באַנייטן לעבן וועסטו מיר באַצאָלן פאַר אַלע מיינע ליידן.

***

אין קורצן איז אין הויז פון אַ וואַרשעווער רב פאָרגעקומען די חופּה־צערעמאָניע פון בן־ציון און פייגעלע. אויף דער שמחה זיינען געווען אָנ־וועזנד אַ גרויסע צאָל פון יידישע אַקטיאָרן מיט אסתר־רחל קאַמינסקי בראש.

## XXII

פייגעלע, וועלכע האָט שוין געשפּילט לאַנגע יאָרן אין וואַרשע, איז געווען אַ מיטגליד אינעם אַרטיסטישן קאָאָפּעראַטיוו וואָס האָט געשפּילט אין „צענטראַל-טעאַטער". מען האָט זי זייער ליב געהאַט אין דער טרופּע און זי האָט געהאַט דאָרט אַ גרויסן איינפלוס. אָט דאָס אַלץ האָט זי איצ־טער אויסגענוצט בכדי אַריינצונעמען בענין אין דער זעלבער טרופּע און מאַכן אים פאַר אַ מיטגליד אין דעם קאָאָפּעראַטיוו. ווי ס'מאַכט זיך אָפט אין אַזעלכע פאַלן איז איר דערין בייהילפיק געווען אויך אַ צופאַל. דער אַרטיסט סאַמבערג וועלכער האָט געשפּילט די ראָל פונעם מיראָפּאָליער צדיק אין אַנסקים „דיבוק", האָט גראָד באַדאַרפט דרינגענד אַרויספאָרן, און ס'איז נישט געווען ווער ס'זאָל אים פאַרטרעטן. פייגעלע האָט גלייך געמאָלדן אַז איר מאַן האָט די דאָזיקע ראָל שוין פיל מאָל געשפּילט און אַז ער איז בכוח סאַמבערגן צו פאַרטרעטן.

אַדאַנק אָט דעם צופעליקן אויפטריט איז בן-ציונען געלונגען צו באַ־ווייזן דעם קאָלעקטיוו זיין קינסטלערישע וויזיט-קאַרטע. אַלע ווי איינער, מיט אסתר-רחל קאַמינסקי בראש האָבן אָנערקענט אַז ער איז ראוי צו באַקומען אַזאַ ראָל און איז ווערט אויפגענומען צו ווערן אַלס מיטגליד אין דער קינסטלערישער טרופּע.

פייגעלעס פרייד איז געווען אין-לשער. נאָך מער האָבן זי געפרייט די אָפּרופן פון אַלע זייטן וועגן בן-ציונס דערפאָלג, וועגן זיינע קינסטלע־רישע דערגרייכונגען, וועגן דעם הויכן ניוואָ פון זיין שוישפּיל. כדאי צו באַמערקן אַז אין דער טרופּע האָט מען נישט אַריינגענומען אַבי וועמען. די טרופּע איז געווען צונויפגעשטעלט פון געקליבענע, ערשטקלאַסיקע שוישפּילער, דאָס בעסטע וואָס פוילן האָט צו יענער צייט פאַרמאָגט. בן־ציון האָט דאָס פאַרשטאַנען און געפלייסט זיך בכדי צוצופּאַסן זיך צו דער סביבה, בכדי צו דעריאָגן דאָס וואָס פעלט אים, און זיין אַ ווירדיקער מיט־גליד אין אָט דער קינסטלערישער משפּחה.

דער טעם פון לאַנגע יאָרן וואַנדער און וואָגל איז אים נאָך געלעגן אין מויל. ער איז געווען מיד פונעם אַרומוואַנדערן במשך פון דער מלחמה.

און בירגער־קריגן און פּאָגראָמען. איצטער זיצט ער שוין אויף איין אָרט. ער קאָן שלאָפן רואיק אַלע נאַכט אויפן זעלביקן בעט, ער קאָן אָפּרוען זיינע גלידער פונעם כסדרדיקן נע־ונד, ער האָט צייט צו לייענען און שטודירן גוט זיינע ראָלן, ער לעבט זיך אוים קולטורעל אין זיין סביבה און אין זיין קינסטלערישער אַרבעט.

צוויי סעזאָנען האָט בן־ציון אָפּגעשפּילט צוזאַמען מיט פייגעלען אין צענטראַל־טעאַטער און די דאָזיקע צייט איז פאַר אים געווען אַן אמתער פיזישער און גייסטיקער אָפּרו. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער אָפּטמאָל באַדויערט וואָס אָט דער פּעריאָד פון פיזישער רו און גייסטיקער אָפּפרישונג האָט געדויערט בלויז צוויי סעזאָנען, און ער האָט אָט דעם צייט־אָפּשניט געהאַלטן פאַר דעם אינטערעסאַנטסטן קאַפּיטל פון זיין קינסטלערישער קאַריערע. אויף זיין גאַנץ לעבן זיינען אים פאַרבליבן די דאָזיקע צוויי סעזאָנען ווי אַ לייכטנדיקער פונקט אין זיין שוישפּילערישן וועג און ער פלעגט שטענדיק דערמאָנען מיט דאַנקבאַרקייט די חברים וואָס האָבן אים דעמאָלט מיטגעהאָלפן. די דאָזיקע דאַנקבאַרקייט האָט ער אַרויסגעוויזן ביי יעדער געלעגנהייט, און ווען מיט פיל יאָרן שפּעטער איז צו אים דערגאַנגען די ידיעה וועגן טראַגישן טויט פון אַרטיסט יצחק סאַמבערג אין געטאָ, האָט ער איבערגעלעבט מאָמענטן פון גרוים צער און אומפאַרגעסלעכן ווייטיק.

אָבער נאָך אָט די צוויי סעזאָנען האָט זיך פאַר זיי ווידער געשטעלט די פראַגע: צי זאָלן זיי כסדר בלייבן זיצן אויף איין אָרט? צי דאַרפן זיי ווייטער בלייבן אין וואַרשע? דאָס אַקטיאָרישע בלוט קאָן נישט פאַרטראָגן דאָס לאַנגע זיין אויף איין אָרט. באַזונדערס איז ווי געזאָגט די וועלט נאָך דער מלחמה ווידער געווען אַן אָפענע און ס׳איז שוין מעגלעך געווען דאָס פאַרשטענדיקן זיך מיט קרובים אין די ביידע אַמעריקעס. בן־ציון האָט געהאַט קרובים אין אַרגענטינע. דורך דעם וואַרשעווער „היינט״ האָט ער אויפגעזוכט זייער אַדרעס און זיך פאַרשטענדיקט מיט זיי בריוולעך. עס האָבן זיך אָפּגערופן פון דער ווייטער אַרגענטינע זיין מוטער, שוועסטער און ברודער. זיי אַלע האָבן אָנגעהויבן צו שרייבן צו אים האַרציקע בריוו, דורכגעדרונגענע מיט גרוים בענקשאַפט און ליבשאַפט. זיי האָבן אים געבעטן ער זאָל קומען צופאָרן און געשריבן, אַז זיי ציילן שוין די מינוטן ווען זיי וועלן דערלעבן צו דערזען אין זייער מיט בן־ציונען מיט זיין פרוי.

פייגעלע האָט פאַרלוירן יעדן שפּור פון איר אייגענער משפּחה. באַ־

זונדערס האָט זי קיינעם נישט געזוכט, בפרט נאָך אַז בן־ציון האָט זי טאַקע אָנגעהויבן צורײדן זײ זאָלן אַוועקפאָרן צוזאַמען, האָט זי שוין אַלע אירע באַמיאונגען צו געפינען אירע קרובים אויפגעגעבן ענדגילטיק.

זײ האָבן טאַקע באַשלאָסן צו פאָרן. ס׳איז געווען אַ גרויסע איבער־לעבונג פאַר ביידן, אַט דער באַשלוס טאַקע. בן־ציונען האָט זיך שטאַרק געוואָלט זיך זען מיט זײנע נאָנטסטע און אויך פייגעלע איז געווען אַנט־ציקט פונעם געדאַנק אַז זײ וועלן דאָרט, אין ווייטער אַרגענטינע, טרעפן אַ פאַרצווייגטע משפּחה, וואָס וואַרט אויף זײ מיט אָפענע אָרעמס און וועט זײ אויפנעמען ווי אייגענע. זי, וועלכע האָט געלעבט עלנט אַזויפיל יאָרן, אָן צו האָבן אַן איינציק נאָענטן מענטשן לעבן זיך, האָט זיך גע־פרייט מיטן בלויזן געדאַנק אַז זי וועט אַריינקומען אין בן־ציונס משפּחה, וואָס וועט זי אויפנעמען ווי אַ טאָכטער, ווי אַ שוועסטער, ווי אַן אייגענע.

אויסער אַלעם איז דעמאָלט געווען ביי יידן, ווי נאָך יעדער מלחמה, אַ גרויסער דראַנג אַוועקצופאָרן מעבר־לים. דער באָדן האָט נאָך געברענט אונטער די פיס, אין די אויערן האָבן נאָך אָפּגעהילכט די אָפּקלאַנגען פון קאַנאָנען, די לופט איז נאָך פול געווען מיטן שטיקנדיקן ריח פון פולווער. די לופט איז געווען אַ שווערע, דער אַרום פול מיט געפאַרן, מיט אַנטיסע־מיטיזם, מיט רדיפות, האָט זיך טאַקע יעדער איינער געריסן אַהינצו, צו די אַמעריקעס, וווּ מען האָט גערעכט צו לעבן פריי און אָן מורא.

פייגעלע האָט דעריבער זיך נישט געוואַקלט אין איר באַשלוס. זי האָט געזאָגט צו בן־ציונען:

— מיר פאָרן, מיט דיר בין איך גרייט צו פאָרן ווּ דו זאָלסט נאָר נישט וועלן.

ס׳איז זײ בלויז אַ שאָד געווען איבערצולאָזן די אַלע האַרציקע חברים און חברטעס, מיט וועלכע זײ האָבן זיך איינגעלעבט במשך פון אַזויפיל לאַנגע יאָרן. אָבער דאָס האָט פאַרשטענדלעך קיין ערנסטע שטערונג נישט געקאָנט זיין. בן־ציון איז געווען זייער צופרידן, וואָס זי האָט זיך מיט אַזאַ לייכטקייט אַנטשלאָסן מיטצופאָרן מיט אים און זי איז אים דע־ריבער נאָך טייערער און אייגענער געוואָרן.

## XXIII

עס האָט גענומען אַ היפּש ביסל צייט, ביז בן-ציון האָט געקאָנט דורכ־ברעכן די אַלע שוועריקייטן, וואָס די פּוילישע ביוראָקראַטישע אַמטן האָבן געלייגט אין וועג אַיעדן יידן, אויב ער האָט נויטיק געהאַט אַרויסצובאַ־קומען דאָס מינדעסטע פּאַפּירל אַפילו; נאָך בפרט אַז דאָ האָט זיך גע־האַנדלט אין צוגרייטן פּאַפּירן אויף אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד, זיינען טאַקע די שוועריקייטן געווען פילפאַכיק גרעסער. אין די דאָזיקע אַמטן האָבן מערסטנטייל געאַרבעט פּרויען, וועלכע זיינען געווען באַזונדערס אַנטיסעמיטיש געשטימט, און נישט איינמאָל איז בן-ציונען אויסגעקומען צו הערן פון זיי באַליידיקונגען, זידלערייען און כלערליי אַנטיסעמיטישע שטעכווערטלעך. מען האָט אים געשיקט פון איין אַמט צום צווייטן, פון איין פענצטערל צום צווייטן, געהייסן קומען מאָרגן, איבערמאָרגן און אין אַ וואָך אַרום. אָבער נישט ער און נישט פייגעלע האָבן פאַרצווייפלט. זיי האָבן אַראָפּגעשלונגען אָט די אַלע באַליידיקונגען, געדולדיק אויפגענומען די אָפּשלעפּענישן, עקשנותדיק געפּאָדערט און געבעטן זייערס, און אויס־געקוקט דעם טאָג ווען זייער ענין וועט סוף-כל-סוף דערליידיקט ווערן.

ענדלעך, אין מאַי 1923 זיינען זיי אויפגעשטיגן אויף דער ענגלישער שיף „אַרלאַנסאַ״, וואָס האָט זיי געזאָלט ברענגען אין נייעם לאַנד אַריין, קיין אַרגענטינע. דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן האָט פייגעלע מיטגע־מאַכט אַזאַ רייזע, נאָך דערצו אויף אַזאַ ריזיקער שיף. דעם ערשטן טאָג איז זיי ביידן אַלץ געפעלן געוואָרן; דער ים, די פרישע געזאַלצענע לופט, די מעוועס איבערן וואַסער, אָבער באַלד צומאָרגנס האָט פייגעלע אָנגע־הויבן שרעקלעך צוליידן פון דער ים-קראַנקהייט, וועלכע האָט אויף איר געווירקט מער ווי אויף אַלע עמיגראַנטן. דער שיפס-דאָקטאָר האָט גע־האַט מיט איר מער אַרבעט ווי מיט אַלעמען. נאָך עטלעכע טעג האָט זי זיך דערפילט אַביסעלע בעסער, אָבער נאָך אַלץ נישט אינגאַנצן גוט. זי האָט אויך גאָרנישט געקאָנט עסן פון דער שיפס-קיך, אַפילו דאָס ברויט זייערס האָט זי געאיבלט, און זי האָט עס נישט געקאָנט טועם זיין. זי האָט געהאַט מיטגענומען מיט זיך עטוואָס שפּייז פון דער היים, ווי קאָנ־

סערוון, און אויך אַביסל קיכלעך וואָס זי אַליין האָט אָפּגעבאַקן, האָט זי דאָס אָבער צעטיילט צווישן די מיטרייזנדיקע באַלד דעם ערשטן טאָג, ווען זיי זיינען ארויף אויף דער שיף, אַזוי אַז איצטער האָט זי שוין גאָר־נישט געהאַט וואָס צו עסן. זי האָט אַזוי אַרום דורכגעמאַכט אַ דריי־וואָ־כעדיקן תענית, טרינקענדיק בלויז אַביסל טיי, די איינציקע זאַך, וואָס זי האָט געקאָנט פאַרטראָגן. ביידע האָבן דערפון שרעקלעך געליטן און גע־וואַרט מיט אומגעדולד, די רייזע זאָל זיך שוין ענדיקן.

דעם צווייטן יוני 1923 איז זייער שיף צוגעקומען צו די אַרגענטינער ברעגעס. זיי זיינען ביידע געשטאַנען אויפן דעק פון דער שיף און גע־קוקט צום פּאָרט וואָס האָט זיך אַרויסגעשיילט פונעם האָריזאָנט און צו־געקומען אַלץ נענטער צו דער שיף. זיי האָבן דערזען פונדערווייטנס אַ גרויסן עולם, וואָס האָט אָפּגעוואַרט אין פּאָרט אָנקומענדיקע קרובים. פייגעלע האָט געשמייכלט.

— אַז מען לעבט, דערלעבט מען! — האָט זי געזאָגט, דערמאָנענדיק זיך איר באַליבט ווערטל נאָך פון קינדערווייז אָן.

אָבער ווי גרויס איז געווען זייער אַנטוישונג, ווען אין פּאָרט האָבן זיי קיינעם פון זייערע קרובים נישט געטראָפן. צו יעדן איינעם עמיגראַנט זיינען געקומען צענדליקער און אַפילו הונדערטער קרובים און באַקאַנטע, אים אָפּוואַרטן, בלויז צו זיי איז קיינער נישט געקומען. בן־ציון האָט זיך זייער שטאַרק געשעמט. זיינען דאָך עפּעס דאָס געווען זיינע קרובים און נישט אירע, וואָס האָבן זיי דאָ געזאָלט אָפּוואַרטן. זיי האָבן ביידע אַזש געציטערט פון פּאַרדרוס, און נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס דאָ איז גע־שען. זיי האָבן געקוקט מיט קנאה און פאַרדרוס אויפן אַרומיקן המון, איינגעהערט זיך אין די באַגריסונגען מיט וועלכע די אָפּוואַרטנדיקע האָבן אויפגענומען זייערע נאָענטע, און אַלץ אויסגעקוקט, טאָמער קומט פּאָרט עמעצער צו צו זיי אויך.

אָבער קיינער איז נישט צוגעקומען, און בן־ציון האָט באַשלאָסן נישט צו וואַרטן לענגער. ער האָט צוגערופן אַ פאַרבייפאָרנדיקן טאַקסי, דער־לאַנגט אים דאָס צעטעלע מיטן אַדרעס פון זיין עלצטער שוועסטער און אויף שטום־לשון זיך געהייסן פירן אַהינצו.

ביי זיין שוועסטער אין שטוב זיינען זיי ערשט געוואָר געוואָרן, פאַר־וואָס קיינער האָט זיי נישט אָפּגעוואַרט — פּשוט, מען האָט זיי שלעכט אינפאָרמירט אין דער ביוראָ פון דער שיפס־געזעלשאַפט. מען האָט זיי דאָרטן געזאָגט אַז די שיף קומט אָן מיט איין טאָג שפּעטער, ווי זי איז

פאַקטיש אָנגעקומען און אַלע האָבן זיך דעריבער געגרייט צו דערוואַרטן זיי ביי דער שיף ערשט מיט אַ טאָג שפּעטער.

דער פאַרדרוס איז אָבער שנעל פאַרביי. די ידיעה וועגן זייער אָנקומען האָט זיך באַלד פונאַנדערגעשפּרייט איבער דער שטאָט, און פון אַלע זייטן האָבן אָנגעהויבן אָנקומען קרובים. די שמחה און הארציקייט וואָס האָט געהערשט אין יענעם אָוונט צווישן דער משפּחה, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט כדי זיי אויפצונעמען, איז אויף לאַנג פאַרבליבן אין בן־ציונס און פייגעלעס זכרון.

## XXIV

זיי האָבן אָנגעטראָפן אין אַרגענטינע אויף נישט קיין רייכע פריינט, אָבער דערפאַר זיינען עס געווען האַרציקע מענטשן, לויטער האָרעפּאַש־ניקעס, וועלכע זיינען געווען גרייט מקריב צו זיין זיך איינער פאַרן אַנ־דערן. זייער גוטהאַרציקייט און איבערגעגעבנקייט האָבן זיי איצטער אַרויסגעוויזן אין דער פולער מאָס. די דאָזיקע באַציאונג זייערע האָט זיך אַרויסגעוויזן נישט נאָר אינעם פאַקט וואָס זיי האָבן אַראָפּגעבראַכט בן־ציונען און פייגעלען, נאָר אויך אינעם אופן פון אויפנעמען זיי, אין דער גרייטקייט צו העלפן און אין דער גאַנצער באַנעמונג זייערער. די נייע קרובה זייערע, פייגעלע, האָט גאָר שטאַרק ביי זיי אויסגענומען. זיי האָבן זי אַלע ליב באַקומען און ממש זיך צוגעקלעפּט צו איר. אין זייער באַצי־אונג איז געווען אַזאַ מין האַרציקע וואַרעמקייט און היימישקייט אַז פיי־געלע האָט טיילמאָל געהאַט דעם איינדרוק, אַז זי קאָן זיך מיט זיי שוין פון קינדוויז אָן, אַז זי איז אויסגעוואַקסן מיט זיי צוזאַמען. פון בן־ציונען איז דאָך שוין אָפּגערעדט, ער איז דאָך געווען אַ ברודער.

מען האָט זיי געהאַלטן אין איין איינלאַדן דאָ צו דעם און דאָ צו יע־נעם. יעדער איינער פון די קרובים האָט געוואָלט האָבן ביי זיך די לאַנג־דערוואַרטע געסט כאָטש עטלעכע טעג. מען האָט זיך פּשוט געריסן איבער זיי. די דאָזיקע שטימונג פון יום־טובדיקער גאַסטפריינטלעכקייט האָט אָנגעהאַלטן אַ היפּש ביסל צייט. אַלע פון דער משפחה האָבן גע־האַלטן פאַר זייער חוב אָפּצוגעבן זיין צייט פאַר די ליבע געסט, און מ׳האָט זיך געהאַלטן אין איין אַרומפירן מיט זיי. פייגעלע איז געווען גאָר שטאַרק דאַנקבאַר בן־ציונען פאַרן אַריינפירן זי אין אַזאַ היימישער און וואַרע־מער משפחה־סביבה. זי האָט פאַרגעסן אָן איר לאַנגיאָריקער איינזאַמקייט און עלנט, און אָפטמאָל האָט זי געטראַכט ביי זיך, אַז דאָס איז געווען די שענסטע מתנה, וואָס איר בן־ציון האָט איר ווען עס איז צוגעטראָגן.

אין דעם דאָזיקן יום־טובדיקן הו־האַ, האָט בן־ציון אינגאַנצן פאַר־געסן דערין אַז מ׳דאַרף זאָרגן וועגן פרנסה אויך. מען האָט זיי פּשוט נישט געגעבן קיין צייט צו טראַכטן וועגן דעם. איידער וואָס און ווען

זיינען פאַרביי שוין עטלעכע וואָכן, און זיי האָבן אַפילו נישט געמאַכט דעם ערשטן שריט אויף צו פאַרדינען עפּעס.

די נייעם וועגן זייער אָנקומען האָט זיך אַפילו שוין פאַרשפּרייט אין בוענאָס־איירעסער טעאַטער־וועלטל, און סוף־כל־סוף האָבן זיך באַוויזן פאַראינטערעסירטע, און מען האָט זיי פאַרגעלייגט אויפצוטרעטן.

דאָס יידישע טעאַטער אין בוענאָס־איירעס איז צו יענער צייט נאָך געשטאַנען אויף אַ נידעריקער מדרגה. עס האָט נאָך דעמאָלט געהערשט דער מנהג פון אַרומגיין אין די הייזער פאַרקויפן בילעטן. געשפּילט האָט מען בלויז משבת־לשבת אין צופעליקע סאַלאָנען. אַזוי ווי דער ישוב איז נאָך געווען אַ קליינער, איז דעריבער די צאָל באַזוכער געווען זייער אַ באַגרענעצטע און מען האָט יעדע וואָך געדאַרפט שפּילן אַ צווייטע פּיעסע, ווייל קיינער האָט, נאַטירלעך, נישט געוואָלט זען צוויי מאָל די זעלביקע פאָרשטעלונג. פאַרשטייט זיך, אַז די פאַרדינסטן פון די אַקטיאָרן זיינען דעריבער געווען נישטיקע, און ס׳איז שווער געווען צו מאַכן אַ לעבן דערפון.

דערפאַר אָבער פלעגן זיך די אַקטיאָרן זומער־צייט, בעת דער קאַסעטשע (שניט־צייט), אַרויסלאָזן אין די קאָלאָניעס און אין די פּראָווינץ־שטעט שפּילן יידיש טעאַטער. די באַדינגונגען אין וועלכע עס איז זיי דאָרט אויסגעקומען צו אַרבעטן זיינען געווען זייער שווערע. קודם־כל האָט מען באַדאַרפט בעטן גאָט, אַז ס׳זאָל נישט רעגענען, ווייל אַנישט איז געווען אומעגלעך דאָס פאָרן פון איין קאָלאָניע אין דער צווייטער. האָט מען שטענדיק געקוקט אין הימל אַריין און געזוכט אַן ענטפער אויף דער אייביקער פראַגע: „ס׳וועט היינט רעגענען צי ניין?״ ערשט די „טעאַטער־זאַלן״ און די „בינעס״! מען האָט געשפּילט אין קוזשניעס, אין האַלב־אָפענע שאָפּעס, אין תבואה־שייערן. בינעס האָט מען געבויט פון ברעטער אויסגעלייגטע אויף אָנגעפּילטע זעק. וועגן געהעריקער בינע־באַלויכטונג צי ליכט־עפעקטן האָט פאַרשטענדלעך קיין רייד נישט געקאָנט זיין.

און דאָך זיינען די דאָזיקע אויפטריטן געווען שטענדיק אַ דערפאָלג און אַ נחת־רוח אין יעדן הינזיכט. די אַקטיאָרן האָבן ליב געהאַט דעם קאָלאָניסטישן עולם און אויך די קאָלאָניסטן האָבן געשעפּט נחת פון יידישן טעאַטער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַ שמייכל אין זייערע פאַרהאָרעוועטע טעג. אויך אין מאַטעריעלן הינזיכט זיינען די דאָזיקע אויפטריטן שטענדיק געווען אַ דערפאָלג. אויב ס׳איז געלונגען אָפּצושפּילן אין

פראווינץ א סעזאָן אָן א מכשול פלעגט יעדער אַקטיאָר צוריקפאָרן קיין בוענאָס-איירעס מיט אָפּגעשפּאָרטע עטלעכע הונדערטער. און דאָס האָט צו יענער צייט באַדייט זייער א סך.

אויך בן-ציון האָט פאַרזוכט דעם טעם פון די דאָזיקע „לוקסוס-רייזעס” און פייגעלע איז אומעטום מיטגעפאָרן מיט אים. די גרעסטע רעגנס און בלאָטעס, די ערגסטע באַדינגונגען האָבן זי נישט געקאָנט אָפּהאַלטן דערפון. זי איז אויסגעפאָרן די יידישע קאָלאָניעס מיט פערד און וואָגן אין די גרעסטע בלאָטעס מיט א שמייכל אויף די ליפּן, א גליקלעכע וואָס זי פאָרט שפּילן טעאַטער און וואָס זי איז צוזאַמען מיט אים, מיט איר בן-ציונען. עס האָבן איר נישט אָפּגעשראָקן די אומדערטרעגלעכע היצן בשעת וועלכע עס איז אומעגלעך געווען אפילו א קאַלטן טרונק וואַסער צו באַקומען. אויך צו עסן איז נישט געווען וואָס, ווייל זי איז געווען א גרויסע איבערקלייבערן, און קוים איז עפּעס נישט געווען אַזוי ציכטיק ווי זי האָט פאַרלאַנגט, האָט זי שוין נישט געקאָנט עס נעמען אין מויל אַריין. אָבער ווי געזאָגט האָט דאָס אַלץ אויף איר שלעכט נישט געווירקט. פאַרקערט, דאָס אַרויספאָרן אויף די זומערדיקע סעזאָן-וואַנדערונגען האָט זי באַטראַכט ווי עפּעס א פריילעכן ספּאָרט, וואָס האָט איר צוגעגעבן מוט און הייטערקייט.

אָבער ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און אין טעאַטער-לעבן איז פאָרגעקומען א גרויסע ענדערונג. מען האָט אָפּגעשאַפט דאָס פאַרקויפן בילעטן איבער די הייזער, און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יידן זיינען אַליין געקומען אין קאַסע פון טעאַטער. פאַרשטענדלעך, אַז מען האָט באַדאַרפט געבן אַזעלכענע פאָרשטעלונגען, וואָס זאָלן רופן דעם עולם. אויך האָט זיך פּלוצלינג אַרויסגעוויזן אַז ס׳איז דאָ פאַר וועמען צו שפּילן טעאַטער יעדן טאָג.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן שטעלן נאָרמאַלע ווינטער-סעזאָנען, און די אונטערנעמונגען האָבן אָנגאַזשירט טרופּעס. דער שטראָם פון אימיגראַציע האָט זיך גראָד פאַרשטאַרקט און עס האָבן אָנגעהויבן קומען פון אייראָפּע מער אַקטיאָרן און אַקטריסעס, אַזוי אַז ס׳איז אַפילו דערגאַנגען צו א געוויסן איבערפלוס אין שוישפּיל-כוחות.

דאָס האָט ווידער געבראַכט צו דער דערשיינונג, אַז די אימפּרעסאַרן האָבן געקאָנט קלויבן אַקטיאָרן און, פאַרשטענדלעך, געזוכט בילי־קערע כוחות און אַראָפּגעדריקט די לוינען. כדי אונטערצונעמען א קאַמף קעגן דעם איז געגרינדעט געוואָרן דער אַקטיאָרן-פאַריין. אָבער אין די ערשטע

ציטן האָט דער פאַריין נישט באַוויזן צו פירן אַ קאָנסאָלידירטע אַרבעט. עס האָט געפעלט די נויטיקע סאָלידאַרישקייט צווישן די אַקטיאָרן גופא. אַלעמאָל איז זיך דער פאַריין צעפאַלן, און מען האָט באַדאַרפט אין אַ צייט אַרום גרינדן אַ נייע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט ווידער נישט געקאָנט אָנהאַלטן די נויטיקע דיסציפּלין און ווידער זיך צעפאַלן. ביז ס'זיינען געקומען פון אייראָפּע מענטשן, וועלכע האָבן פאַרמאָגט דערפאַרונג, און גענומען די זאַך אין זייערע הענט אַריין. אַדאַנק זייער גענויטקייט און אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן האָט זיך דער פאַריין באַפעסטיקט און עקזיסטירט נאָך ביז היינט.



## XXV

יאָרן האָבן זיך געצויגן און דאָס לעבן איז זיך געגאַנגען ווייטער. פאַני מיט בן־ציונען האָבן געאַרבעט כסדר דאָ אין דער און דאָ אין יענער טרופּע, און די געשיכטע פון זייערע אַרגענטינער יאָרן איז אייגנטלעך די געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין אַרגענטינע.

פאַני האָט געאָטעמט מיט טעאַטער. דאָס איז געווען איר אידעאַל, איר לופט צום אָטעמען, איר ציל אין לעבן. זי האָט ליב געהאַט אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו טעאַטער, נישט נאָר דאָס אויפטרעטן, דאָס שפּילן אַ ראָל אין אַ פּיעסע, נאָר אויך דעם גאַנצן אַרום, די גאַנצע טעאַטער־סביבה, די אַטמאָספערע פון טעאַטער און שוישפּיל. זי האָט אַווּ־ סערגעוויינלעך ליב געהאַט אויסצושמועסן זיך מיט אַקטיאָרן און אַקטריסעס וועגן פאַרשיידענע טעאַטער־ענינים. ליב געהאַט אויסצוהערן זייערע נישט־געשטויגענע מעשיות וועגן די כלומרשטע גוואַלדיקע דערפאָלגן זייערע, אָנגעקוואָלן אַפילו פון די גרעסטע נאַרישקייטן זייערע. די בינע איז געווען איר הייליקייט, איר גאַנצער זין פון לעבן.

רעזשיסאָרן פלעגן באַוואונדערן איר אופן פון אָנטאָן זיך צו אַן אויפטריט. זי האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן חוש פאַר צופּאַסן אַ קאָסטיום צו אַ ראָל. עס איז איר קיינמאָל נישט אָנגעגאַנגען צי די ראָל וואָס מען האָט איר צוגעטיילט איז אַ גרויסע צי אַ קליינע, צי דאַרף זי זאָגן בלויז געציילטע ווערטער אויף דער בינע, אָדער זי האָט אַ ראָל פון אַ צוואַנציק זייטן „פּראָזע”. איןביידע פאַלן פלעגט זי זיך אָנטאָן און גרימירן און בכלל גרייטן זיך צו דער ראָל מיטן זעלבן חשק, מיטן זעלבן אייפער. אַקטריסעס פלעגן קומען צו איר, ווי צו אַ מער דערפאַרענער חברטע און בעטן זי זאָל זיי פאַריכטן דעם גרים אָדער דאָס אָנטועכץ, און זי האָט עס שטענדיק געטאָן מיט דער זעלביקער ליבנסווירדיקייט, מיט דער גרעסטער ליבשאַפט און פאַרשטענדעניש, אַזוי ווי זי וואָלט עס געטאָן פאַר זיך אַליין.

זי האָט שטאַרק פיינט געהאַט צו קריטיקירן אַ צווייטן אַקטיאָר. ווי געוויינלעך אַקטיאָרן טוען עס. פאַרקערט, זי האָט שטענדיק געזוכט אין

יעדן איינעם בלויז די מעלות, די גוטע זייט, און שטענדיק באַמיט זיך צו געפינען אַ זכות אויף עמיצן, ווען ס׳איז שוין געווען קלאָר, אַז יענעם איז די ראָל נישט אַזוי געלונגען.

זי האָט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט אַנזעטיקן גענוג מיט טעאַטער. שוין זייענדיק אויף דער עלטער פלעגט זי אָפט גיין אין טעאַטער און זען די זעלבע פיעסע צו צוויי און דריי מאָל אַפילו. דאָס איז געווען איר שפּייז און איר אָפּרו — אָט די צוויי און אַ האַלבע שעה פון אויסלעבן זיך אין דער טעאַטער-סביבה. זען אַ גוטע פאָרשטעלונג האָט זי באַפרי־דיקט מער ווי אַלץ אין דער וועלט.

בן־ציון פלעגט אַרויסווייזן פיל פאַרשטענדעניש פאַר אָט־די געפילן אירע. אָפטמאָל פלעגט ער מיטגיין מיט איר אין טעאַטער, כאָטש אים האָט עס נישט אינטערעסירט אויף אַזוי פיל, נאָר ער האָט איר געוואָלט צוליב טאָן און נישט געוואָלט זי זאָל גיין אַליין און פילן זיך איינזאַם. זיצנדיק מיט איר צוזאַמען אין זאַל פלעגט ער אָפטמאָל נישט קוקן אויף דער בינע, נאָר אויף איר, אָבסערווירן זי, ווי אַזוי זי נעמט אויף און רעאַ־גירט אויף דעם אַלעם, וואָס איז פאָרגעקומען אויף דער בינע. זי פלעגט נישט פאַרלירן קיין איין מינדעסטע סצענע אַפילו, קיין איין מאָמענט אין דער האַנדלונג פון דער פּיעסע. נישט וויכטיק צי איז עס געווען אַ פאָר־שטעלונג פון אַ גרעסערן צי אַ קלענערן פאַרנעם, פלעגט זי זיך צוקוקן מיטן זעלביקן אינטערעס, און שפּעטער אַהיימקומענדיק פלעגט זי ריידן וועגן אירע איינדרוקן פונעם ספּעקטאַקל. אין אַזעלכע מאָמענטן האָט זי אויסגעזען יונגער מיט אַ צוואַנציק יאָר. זי פלעגט איבערדערציילן די האַנדלונג, לויבן דעם צי יענעם אַנטיילנעמער, זוכן דעם תמצית פון דער צי יענער סצענע, מיט איין וואָרט נאָכאַמאָל איבערלעבן די פאָרשטעלונג. אירע באַקן האָבן געפלאַמט, די אויגן האָבן געגלאַנצט, און מען האָט דערקאָנט אָן איר, אַז טעאַטער איז נישט געווען סתם אַ פּראָפעסיע ביי איר, נייערט איר גאַנץ לעבן.

דערביי האָט זי אָבער קיינמאָל נישט פאַרנאַכלעסיקט איר היים. נאָך אַפילו אין די צייטן ווען זי האָט אַקטיוו געאַרבעט אַלס אַקטריסע אין טעאַטער, האָט זי אויך ליב געהאַט אָפּצוהיטן די זויבערקייט און ציכטי־קע היימישקייט פון זייערביידנס קליין ווינקעלע. זי האָט באַוויזן צו זיין אין דער זעלבער צייט אַ פליסיקער און דיסציפּלינירטער טעאַטער־מענטש און אויך אַ גוטע באַלעבאָסטע. די ריינקייט און זויבערקייט וואָס האָט געהערשט אין זייער היים איז געווען אַ מוסטערהאַפטע, און מיט

די באַשיידענע געלט־מיטלען וואָס זי האָט געהאַט, האָט זי באַוויזן צו קאָכן אַזעלכע פיינע און געשמאַקע מאכלים, אַז אין בעסטן רעסטאָראַן האָט מען קיין בעסערס נישט געקאָנט באַקומען. אויך האָט זי אָפּגעהיטן שטרענג אַז די מאָלצייטן זאָלן זיין פּאַרטיק צו דער צייט. ווי אַזוי זי האָט געקאָנט באַווייזן אַז אָט די פּינקטלעכקייט און זויבערקייט אין פאַ־מיליען־לעבן זאָל איר נישט שטערן אין איר טעאַטער־אַרבעט, דאָס איז געוועזן איר סוד, אָבער אַ פאַקט איז אַז זי האָט עס באַוויזן. זי האָט קיינ־מאָל נישט פאַרשפּעטיקט אויף קיין פּראָבע, מיט קיין שום זאַך נישט געבראָכן די טעאַטער־דיסציפּלין, און איר שווישפּילערישע פליכטן אויס־געפירט מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט. דערביי איז איר לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען די געשעפטלעכע זייט פון איר אַרבעט אין טעאַטער. די חשבונות און אַמפּערנישן אין דער טרופּע וועגן געלט־זאַכן האָט זי איבערגעלאָזט פאַר אַנדערע. אַזוי ווי די אַרבעט איז זייער אָפט געפירט געוואָרן אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות, האָבן פאַרשטייט זיך קיין קאָנ־פליקטן נישט געפעלט, אָבער פאַני האָט אין אַזעלכע פאַלן שטענדיק געפּרוווט צו זוכן אַ וועג צו אַ פּשרה, צו שלום, און ווען זי האָט שוין גע־זען אַז אַ קריגעריי איז אומפאַרמיידלעך, האָט איר אינטערעסירט קודם־כל, אַז בן־ציון זאָל דערביי נישט זיין, אַז ער זאָל זיך נישט מישן אין די אַמפּערנישן וואָס קומען פאָר. אויב זי האָט נאָר דאָס דערגרייכט האָט זי שוין מער גאָרנישט אינטערעסירט און זי האָט זיך געפלעגט אָפּרוקן אָן אַ זייט און מער נישט נעמען קיין אָנטייל אינעם פאַרגעקומענעם קאָנ־פליקט.

## XXVI

פאַני איז געווען זייער אַן אויפריכטיקע און גראַדליניקע. אַט דעם דאָזיקן שטריך פון איר כאַראַקטער האָבן אָפּגעשאַצט ווי געהעריק אַלע חברים, וועמען עס איז נאָר אויסגעקומען צו אַרבעטן מיט איר צוזאַמען. אַלס ביישפּיל פון אַט־דער אויפריכטיקייט אירער קאָן דינען דער פאָלגנדיקער עפּיזאָד, וואָס איז פאָרגעקומען נאָך בעת די אַקטיאָרישע וואַנדערונגען איבער די יידישע קאָלאָניעס.

געשען איז דאָס בשעת אַ רייזע איבער דער ענטרע־ריאָסער פּראָווינץ. די טרופּע האָט אַרומגעוואַנדערט פון איין קאָלאָניע צו דער אַנדערער אין אַ „קאַמיאָן", אַ גרויסן לאַסט־וואָגן, און איינמאָל, אויפן וועג צו אַ פאָרשטעלונג, האָט זיי פאַרכאַפּט אַ שלאַקס־רעגן, וועלכער האָט גלייך אוממעגלעך געמאַכט די ווייטערדיקע רייזע, וואָרום דער רעגן אין יענער געגנט פאַרוואַנדלט גלייך די ערד אין אַ געדיכטער בלאָטע, אין וועלכער אַן אויטאָ קאָן זיך נישט באַוועגן. די טרופּע איז זיצן געבליבן אין קאַמיאָן אַ פאַרצווייפלטע, און נישט געוווסט וואָס צו טאָן ווייטער.

צו הילף איז זיי געקומען אַ יידישע קאָלאָניסטישע משפּחה, וועלכע האָט געוווינט אין אַ דערבייאיקער „טשאַקרע" (באַלעבאַטישקייט). דער קאָלאָניסט האָט, דערזעענדיק אין וואָס פאַר אַ מעמד עס געפינען זיך די יידישע אַקטיאָרן אונטערן גאָס־רעגן, צוגעקומען און איינגעלאַדן זיי צו זיך. די גאַנצע משפּחה זיינע, זיין פרוי און די דערוואַקסענע קינדער, האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט בכדי אויף אַ ווירדיקן אופן מכניס־אורח צו זיין די „בלאַנדזשענדיקע שטערן" פון אַרגענטינער יידישן טעאַטער. מען האָט געשטעלט סאַמאָוואַרן, אָפּגעבראָטן גענדז, און קיין וויין האָט אויך נישט געפעלט. פון די דערבייאיקע טשאַקרעס, ווו די ידיעה וועגן די אַקטיאָרן האָט זיך דערווייל פאַרשפּרייט, האָבן אָנגעהויבן שטראָמען קאָלאָניסטן מיט זייערע משפּחות, און ס'איז ספּאָנטאַן צושטאַנדגעקומען אַ היימישער און האַרציקער צוזאַמענטרעף.

די אַקטיאָרן זיינען געווען גערירט ביז גאָר. דורכגעווייקטע פונעם רעגן, האָבן זיי געציטערט פון קעלט, און די האַרציקע אויפנאַמע, די

מאכלים און געטראנקען, די ווארעמקייט וואס האט געשלאגן פון דער היימישער סביבה און פון די קאלאניסטישע הערצער האט זיי באגייסטערט און אנגעפילט מיט דאנקבארקייט פאר דער גאסטפריינטלעכקייט, וואס מען האט זיי דא, אין אט־דעם פארווארפענעם ענטרע־ריאסער ווינקעלע, ארויסגעוויזן. אלס צייכן פון אט־דער דאנקבארקייט האט בן־ציון געפונען פאר נויטיק מהנה צו זיין די פארזאמלטע מיט א ליד. ער האט געזונגען דאס פאפולערע ליד „סלוצק". ער האט ארייגעלייגט אין אט־דעם געזאנג זיין גאנצע נשמה, די גאנצע דאנקבארקייט פון זיין הארץ, מיט דער פולער שטימע. די צוהערער זיינען געווען באגייסטערט. זיי זיינען געווען זשעדנע אין אט דער וויסטעניש נאך א יידיש ווארט, און ערשט איז דאס דאזיקע ליד געווען אזוי הארציק און היימיש־יידיש. אז זיי זיינען געזעסן און ממש געשלונגען יעדעס ווארט און ווען בן־ציון האט געענדיקט האט זיך אין דער טשאקרע דערהערט א שטורעם פון אפלויזן.

פאני איז געזעסן נישט ווייט פון איר בן־ציונען. זי איז געווען שטארק צופרידן אי פון דער אויפנאמע, אי פון בן־ציונס דערפאלגן, אבער זי האט זיך דערמאנט, אז דאס דאזיקע ליד איז געווען דער באליבטער נומער פון יצחק דייטש ע"ה, און אז ער, דער פארשטארבענער יצחק דייטש איז געווען א מייסטער אונדז צו זינגען דאס ליד טאקע. עס האט זיך איר אויסגעוויזן דעריבער אז עס איז נישט רעכט צוצולאזן בן־ציונען דעם גאנצן דערפאלג און נישט דערמאנען יצחק דייטשן. אין דער שטילקייט, וואס האט געהערשט נאכדעם ווי די אפלוין האבן אויפגעהערט, האט זי זיך פלוצלינג אנגערופן:

— היינט ווען איר זאלט נאך הערן זינגען דאס ליד יצחק דייטשן!

אט אזא איז זי געווען, פייגעלע. איר כאראקטער האט נישט געקאנט פארטראגן, מען זאל נישט אין דעם פאל דערמאנען דעם אקטיאר, וואס האט אויך געהאט א חלק אינעם דערפאלג פון איר מאן.

## XXVII

אזוי איז געלאָפן די צייט פאַראויס, אַ פולע מיט אַרבעט, מיט שפּילן טעאַטער, מיט באַגעגענישן און איבערלעבונגען. גרויע האָר האָבן זיך אַריינגעוועבט אין ביידנס קעפּ אַריין, קנייטשן האָבן באַדעקט זייערע פּנימער, אָבער נישט בן-ציון און נישט פייגעלע האָבן דאָס געפילט. זיי זיינען געווען צוזאַמען, ליב געהאַט זיך, און געאַרבעט פאַרן געמיינזאַמען ציל אַקסל ביי אַקסל. ווי לאַנג איז אָבער דער שיעור צו זיצן אין איין און דער זעלבער שטאָט? האָבן זיי באַשלאָסן אויסצווואַנדערן קיין מאָנטע-ווידעאָ. זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אַ חברים-טרופּע וועלכע האָט זיך גראָד געקליבן צו טאָן דאָס זעלביקע, אויספאַרקויפט זייער מעבל און אַלע אַנדערע זאַכן וואָס זיי האָבן נישט געקאָנט מיטנעמען מיט זיך און געלאָזט זיך אין וועג אַריין. אין מאָנטעווידעאָ האָבן זיי זיך שנעל איינ-געבירגערט, פאַרשאַפט זיך נייע מעבל און געוואָרן מאָנטעווידעער תוש-בים.

די טרופּע, אין וועלכער זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן, האָט זיך גע-שטעלט פאַר אַ ציל נישט נאָר צו שפּילן סתם טעאַטער, נייערט צו געבן גוטע פאָרשטעלונגען, צו שאַפן אַ גוט טעאַטער, וואָס זאָל באַפרידיקן די פאָדערונגען פון אַ בעסערן עולם אויך. שווער איז געווען צו וויסן אויף וויפל דער מאָנטעווידעער ישוב האָט דאָס אָפּגעשאַצט, אָבער אַ פאַקט איז, אַז עס האָט זיך געמערקט צווישן עולם אַ שטאַרקער אינטערעס פאַר דער פריש אַראָפּגעקומענער טרופּע און זייערע קינסטלערישע אָנ-שטרענגונגען. בן-ציון און פאַני זיינען געווען שטאַרק צופרידן פון אָט-דעם אַלעם. זיי האָבן געזען אין אָט-דעם גוטן אָנהייב אַן אָנזאָג פון אַ שטראַלנדיקער צוקונפט און דאָס האָט זיי, און דער גאַנצער טרופּע, צו-געגעבן מוט און האָפענונג, אַז עס וועט זיי געלונגען אויסצובויען דאָרט אַ טעאַטער, וואָס זאָל שטיין אויף דער געהעריקער הויך, וואָס זאָל דער-גרייכן אַ הויכע קינסטלערישע מדרגה. די אַרבעט האָט זיך לכתחילה אַנטוויקלט אין אַן אַטמאָספערע פון ענטוזיאַזם, פון באַגייסטערונג, און

די אַפּרופן פונעם עולם האָבן נישט אָפּגענאַרט און נישט אַנטוישט די קינסטלערישע משפחה.

אָבער זייענדיק פאַרטאָן אין דער דאָזיקער אַרבעט האָבן זיי נישט באַמערקט ווי שוואַרצע וואָלקנס קלייבן זיך איבער זייערע קעפּ. די צווייטע וועלט־מלחמה, וואָס האָט געטליעט אין דער ווייטער אייראָפּע, איז אויסגעבראָכן. אייגנטלעך האָט מען שוין פון לאַנג גערעדט וועגן דעם אַז די מלחמה דערנענטערט זיך, אָבער קיינער האָט זיך נישט געריכט אַז דאָס וועט געשען אַזוי שנעל און מען האָט זיך אַלץ גענאַרט, אַז אפשר וועט פאָרט צו קיין מלחמה נישט קומען. דער שטורעם איז דעריבער אויסגעבראָכן אומגעריכט און יידן זיינען אַרומגעגאַנגען דערשלאָגענע, ווייל ווער נאָך אַזוי ווי יידן ווייסן, וואָס אַ מלחמה באַטייט? מענטשן זיינען געוואָרן צעטרייסלט און אויפגערודערט, מען האָט געזאָרגט פאַרן גורל פון די טייערסטע און נאָענטסטע וואָס זיינען דאָרט פאַרבליבן אין דער אַלטער היים, ווו דאָס פייער ברענט איצטער, איז ווער האָט איצטער אין זינען געהאַט טעאַטער? וועמען איז איצט געלעגן אין קאָפּ גיין זען אַ פאָרשטעלונג, אַפילו די בעסטע?

דער מאַטעריעלער צושטאַנד פון דער טרופּע האָט זיך פלוצלינג געוואַלדיק פאַרערגערט. די אַקטיאָרן אַליין האָבן נישט געהאַט קיין געלט־מיטלען אין רעזערוו, און עס איז אויך נישט פאַראַן געווען קיין מעצענאַטן, וואָס זאָלן וועלן אַ זאָרג טאָן וועגן גורל פון דעם ביסל יידישע אַקטיאָרן, וועלכע זיינען געבליבן כמעט ווי אָן ברויט. דער טעאַטער־זאַל איז געווען ליידיק. מען האָט אָנגעהויבן פאַרמינערן די צאָל פאָרשטעלונגען. צוערשט האָט מען געשפּילט דריי מאָל אַ וואָך, און שפּעטער נישט מער ווי צוויי מאָל, דאָס הייסט שבת און זונטיק. ערשט האָט מען יעדע וואָך געמוזט צוגרייטן אַ נייע פּיעסע „לכבוד שבת".

אין די וואָכנדיקע טעג זיינען די אַקטיאָרן אַרומגעגאַנגען ליידיק, און נישט געהאַט וואָס צו טאָן מיט זייער צייט. פּיגעלע מיט בן־ציונען פלעגן אַט־די אָוונטן פאַרברענגען אין קינאָ. טאַקע אין זעלבן טעאַטער־זאַל ווו זיי האָבן געשפּילט, פלעגט אַ גאַנצע וואָך געשפּילט ווערן אַ פילם. קיין געלט האָט עס זיי נישט געדאַרפט קאָסטן, און קיין אַנדערן אופן פון פאַרברענגען דעם אָוונט האָבן זיי אויך נישט געהאַט, פלעגן זיי טאַקע כמעט יעדן אָוונט אַוועקגיין אין קינאָ און אַזוי־אַרום פאַרגעסן אָן זייערע זאָרגן.

גראָד אין יענער צייט איז פאַני קראַנק געוואָרן. געשען איז עס טאַ־

קע בעת א קינאָ־פאַרשטעלונג. זיי זיינען ביידע געזעסן אין אַ לאָזשע און הנאה געהאַט פונעם פילם. ווען דער פילם האָט זיך געענדיקט און דער עולם האָט זיך גענקליבן אויפצוהייבן פון די ערטער און גיין אַהיים האָבן זיי ביידע אויך געוואָלט טאָן דאָס זעלבע, אָבער פּאַני האָט פּלוצ־לינג דערפילט אַז זי קאָן זיך בשום אופן נישט אויפהייבן פון אָרט. אין אַ פוס האָט זי אָנגעכאַפּט אַזאַ מין ווייטיק אַז זי האָט זיך נישט געקאָנט אויפשטעלן. דער ווייטיק איז געווען אַ דורכדרינגלעכער און שטעכנדי־קער, ווי מען וואָלט עמעצן דערלאַנגט מיט אַ מעסער אין אויג אַריין. זי האָט אָנגעהויבן שרייען פאַר גרויס יסורים, מענטשן זיינען זיך צו־נויפגעלאָפן און מען האָט זיי אַרומגערינגלט. מען האָט זיך געשטופּט כדי געוואָר צו ווערן וואָס עס איז דאָ געשען. יעדער איינער האָט גע־עצהט טאָן עפּעס אַנדערש. ביז עמעצער האָט צוגעברענגט אַן אויטאָ. אויף די הענט האָט מען פּאַנין אַריינגעטראָגן אין וואַרטנדיקן אויטאָ און בן־ציון האָט זי קוים אַהיימגעבראַכט.

ס׳איז געווען שוין צוויי אַזייגער ביינאַכט און ס׳איז געווען אוממעג־לעך צו באַקומען אַ דאָקטער. זיי האָבן דורכגעלעבט אַ שרעקלעכע נאַכט און קוים דערוואַרט זיך דעם באַגינען. בן־ציון איז ווידער אַרויסגעלאָפן פון שטוב זוכן אַ דאָקטער, אָבער ס׳איז אים אַזוי לייכט דאָס נישט אָנ־געקומען. ענדלעך האָט ער איינעם געפונען, און אַדאַנק זיין הילף האָט פּאַני ווידער זיך געקאָנט שטעלן אויף די פיס. עס האָט גענומען עטלעכע וואָכן ביז וואַנען זי איז צוריק געזונט געוואָרן, אָבער אָט דער פאַל האָט זי איבערגעשראָקן און דערדריקט.

צוליב פּאַניס קראַנקייט און אויך צוליב דער שלעכטער מאַטעריע־לער לאַגע האָבן זיי באַשלאָסן זיך אומצוקערן קיין בוענאָס איירעס. זיי האָבן ווידער אַמאָל געמוזט אָנקומען נאָך הילף צו זיינע, בן־ציונס קרו־בים,זיי האָבן ווידער אַמאָל אויספאַרקויפט די מעבל, ווידער אַמאָל גע־נומען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט, און צוריקגעקומען קיין בוענאָס איירעס, ווו זיי זיינען שוין פאַרבליבן אויף תמיד.

## XXVIII

זינט זייער צוריקקומען קיין בוענאָס-איירעס האָט עפּעס אַ פאַטאַ־לער כוח אָנגעהויבן נאָכגיין אין פאַנים טריט און אַלעמאָל איז געשען מיט איר אַן אַנדערער אומגליקס-פאַל, אַלעמאָל איז זי קראַנק געוואָרן אויף אַן אַנדערער קרענק. ביז דעמאָלט האָט זי שטענדיק געפלעגט לאַכן ווען זי האָט געהערט אַז עמעצער באַקלאָגט זיך אויף עפּעס אַ ווייטיק. זי האָט זיך עס גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן אַז אַ מענטש איז נישט ביי זיך אין די הענט, אַז אַ מענטש קאָן קראַנק ווערן. אָבער זינט זי האָט דער־פילט אויף איר אייגענער הויט אין מאָנטעווידעאָ, אַז אויב עס האַנדלט זיך אין געזונט קאָן מען נישט וויסן אפילו וואָס די נאָענטסטע מינוט קאָן ברענגען, האָט זי זיך אינגאַנצן געענדערט. זי האָט זייער שטאַרק ליב געהאַט דאָס לעבן און געוואָלט לעבן. טאָקע איצטער און דווקא איצטער, ווען זי איז שוין געווען אויף דער עלטער, ווען דער טאָג פון זייער ביידנס געמיינזאַם לעבן האָט אָנגעהויבן נידערן און באַקומען די גרוילעכע פאַרב פון בין-השמשותדיקן פאַרנאַכט, האָט זיך איר שטאַרק געוואָלט לעבן, זיין צוזאַמען מיט בן-ציונען, מיט איר בעסטן חבר און פריינט און טיילן מיט אים די פרייד און זאָרג, די גוטע און שלעכטע מינוטן, קוקן צוזאַמען אין דער פאַרגאַנגענהייט און שפּינען ווייטער צוזאַמען פּלענער פאַר דער צוקונפט.

אָבער איר געזונט איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט אַלעמאָל פון אַן אַנדע־רער קראַנקייט. צוערשט איז זי קראַנק געוואָרן אויף אַן אויער. אינע־ווייניק אין אויער האָט אָנגעריסן אַ מכה און דאָס האָט זיך אַזוי קאָמ־פּליצירט אַז עס האָט איר אַזש געדראָעט מיט טויט. בן-ציונס מיטלען האָבן נישט געקלעקט אויף אויסצוהאַלטן זי אין שטוב ווייל זייער היים איז געווען אַ קליינע, און ווידער איז זיין משפחה געקומען איר צו הילף. זיינע אַ פּלימעניצע, אַ מאַמע פון קינדער, די פרוי פון איסאַק פּעטשער־סקי, האָט זי אַהיימגענומען צו זיך אין שטוב אַריין און געפלעגט ווי אַן אייגענער מאַמען. די דאָזיקע פּלימעניצע, די גרויסע שרה ווי מען רופט זי אין דער משפחה, האָט צוזאַמען מיט איר מאַן געוואַכט גאַנצענע

געכט איבער פאַנים קראַנקייט, געבראַכט אַלעמאָל אַנדערע דאָקטוירים, געקעכלט און געוואַכט איבער איר ביז וואַנען זיי האָבן זי אַרויסגעריסן פון די נעגל פון טויט און אַרויסגעלאָזט זי פון שטוב ערשט דעמאָלט ווען זי איז שוין פולשטענדיק געזונט געוואָרן.

פאַנים דאַנקבאַרקייט האָט נישט געהאַט קיין גרעניץ. זי האָט שטענדיק דערמאָנט די גרויסע שרה מיט שטאַרק ליבשאַפט און קיינמאָל איר דאָס נישט פאַרגעסן. זי, פאַני, וואָס האָט אין איר פריסטער יוגנט אָפּגעריסן זיך פון איר אייגענער משפחה און מער זיך קיינמאָל נישט געטראָפן מיט זיי, האָט טיף אין הארצן געבענקט נאָך דער וואַרעמקייט און האַרציקייט פון נאָענטע קרובים. און ווען די דאָזיקע האַרציקייט איז אַרויסגעוויזן געוואָרן מצד בן־ציונס קרובים, איז עס געווען אַזאַ מין דערפרייענדיקע דערשיינונג, אַז עס איז אויף שטענדיק פאַרבליבן אין איר זכרון.

דער אומגליק איז איר אָבער וויזט אוים נאָכגעגאַנגען. אין אַ שטיקל צייט אַרום איז זי אומגעפאַלן אינמיטן גאַס, ווען זי האָט שפּאַצירט אין סאַמע העלן טאָג מיט בן־ציונען צוזאַמען, און זי האָט זיך צעבראָכן אַ האַנט. דער ברוך איז געווען זייער אַ קאָמפּליצירטער, און אינעם קריסטלעכן שפּיטאָל, ווו מען האָט זי אַנגענומען, זיינען וויזט אוים נישט געווען קיין גענוג באַהאַוונטע דאָקטוירים, אויף צו באַהאַנדלען אַזאַ מין פאַל. זי איז אָפּגעווען דאָרט אַ לענגערע צייט, און ווען מען האָט זי אויסגעשריבן און אַראָפּגענומען דעם גיפּס, האָט זי דערזען אַז זי איז פאַרבליבן מיט אַ פאַרקריפּלטער האַנט, וואָס קיינער וועט שוין דאָס נישט קענען אויסהיילן. איר צער איז געווען אומבאַשרייבלעך. אָבער זי האָט אין זיך געדריקט דעם פּיין און געפּרוווט זיך מאַכן פאַרגעסן דערין.

ווידער זיינען אַוועק אַנטדערטהאַלבן יאָר, און מיט פאַנין איז געשען אַ נייער אומגליקס־פאַל: אַן אויטאָ איז זי איבערגעפאָרן אין גאַס און זי איז קוים אַרויס מיטן לעבן. אָבער מיט אַ צעשעדיקטן פוס. זי האָט ווידעראַמאָל איבערגעלעבט שווערע צוויי יאָר צייט ביז וואַנען דער פוס האָט זיך ווי נישט איז פאַרהיילט. בעת דער דאָזיקער צייט האָט ווידער בן־ציונס משפחה אַרויסגעוויזן איר גרויסהאַרציקייט. אַ צווייטע פּלימעניצע זיינע, וואָס האָט אויך געהייסן שרה, האָט זי גענומען צו זיך אין שטוב. אַט די שרה, וועלכע מען רופט אין דער משפחה די קליינע שרה כדי אונטערצושיידן פון דער צווייטער, האָט צוזאַמען מיט איר מאַן יוסף פּאַלאַטניק, געטאָן אַלץ אַז פייגעלע זאָל זיך ביי זיי פילן ווי אין

אן אייגענער היים, און פאני האט דאס אפגעשאצט ווי געהעריק. עס האט איר ווי געטאן, וואס זי מוז קוועלן אט די גוטע מענטשן, אבער דערביי איז זי געווען גליקלעך, וואס עס זיינען פאראן נאענטע מענטשן, וועלכע ווייזן איר ארוים זייער גוט הארץ.

די גאנצע משפחה זיינע האט זי שטארק ליב געהאט. אלע פלימע־ניצעס האבן שטענדיק ארויסגעוויזן זייער גרייטקייט זיך מקריב צו זיין פאר איר און צו העלפן איר אין א נויט, אבער איינע פון זיי, פראדעלע, די עלטסטע פון אלע, האט ממש געארבעט מעשים יעדעס מאל ווען עס איז עפעס געשען מיט פאנין. זי, פראדעלע, איז שטענדיק געווען די ערש־טע צו קומען צו לויפן אין אזא מין פאל און דינען מיט ראט און טאט. זי איז נישט מיד געווארן פון ארומלויפן צו די דאקטוירים און בעטן ביי זיי מער פאראינטערעסירונג, זי איז נישט פויל געווען אויפצוכאפן זיך פארטאג און לויפן אין די שפיטאלן, כדי צו זארגן דערפאר, אז פאני זאל באקומען די געהעריקע הילף, די נויטיקע באדינונג, די ריכטיקע שפייז און מעדיקאמענטן. און געטאן האט זי דאס אלץ נישט סתם אזוי זיך, כדי יוצא זיין, נאר מיט אמתער ליבשאפט, מיט דער איבערגעגעבנקייט און מסירת-נפש פון אן אייגענער טאכטער.

אט-דער דאזיקער שטריך פראדעלעס האט זיך אויך ארויסגעוויזן שפעטער, ווען עס האבן זיך דערנענטערט פאנים לעצטע טעג, ווען פאני איז שוין געלעגן אין שפיטאל און דער גרויזאמער טויט האט געפאכעט איבער איר מיט זיינע שווארצע פליגל. פראדעלע פלעגט קומען אין שפי־טאל אריין אפטער פון אלעמען, אפזיצן גאנצענע טעג ביי איר בעט, און זארגן דערפאר אז איר פעטער, בן-ציון הייסט עס, זאל קענען גיין זיך אפרוען אביסל. זי, פראדעלע, האט געזארגט אז פאני זאל שטענדיק ליגן אין א זויבער בעט, נישט געמיאוסט זיך צו טאן קיין שום ארבעט לעבן דער קראנקער, און אזוי איז זי פון איר נישט אפגעטראטן ביז די לעצטע שעהן פון איר לעבן.

## XXIX

אַט־די אַלע אומגליקן און קראַנקייטן האָבן פייגעלען פאַרעלטערט, אָבער נישט צעבראָכן. זי האָט זיך בלויז געפלעגט וואונדערן טיילמאָל, פאַרוואָס אַט־דאָס אַלץ קומט איר. ווי אַ קינד, וואָס ווערט באַשטראָפט נישט זייענדיק שולדיק אין קיין שום זאַך, אַזוי האָט זי נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס ווערט זי אַלעמאָל באַשטראָפט אויף אַן אַנדערן אופן. זי פלעגט טיילמאָל בלייבן זיצן פאַרטראַכטערהייט און אויסטענהן זיך מיטן רבונו של עולם:

— פאַרוואָס? — פלעגט זי זיך באַקלאָגן מיט אַ שוואַך קול פון אַ בעוולהט קינד — פאַרוואָס קומט עס מיר, גאָטעניו? ווען האָב איך דען אַמאָל ווי געטאָן? מיר האָבן מענטשן טאָקע אַ סך שלעכטס געטאָן, אָבער איך, איך אַליין, מיט וואָס האָב איך זיך אַזוי פאַרזינדיקט, אַז דו שטראָפסט מיך אַלעמאָל מיט אַן אַנדער אָנשיקעניש.

בן־ציון האָט זיך איינגעהערט אין אַט־די טענות אירע צו גאָט און צו מענטשן. „יאָ — האָט ער געטראַכט — מענטשן האָבן איר טאַקע זייער פיל שלעכטס געטאָן, איך אַליין אויך”.

כאָטש אַזאַ לאַנגע צייט איז שוין אַפּגעפלאָסן פון דעמאָלט אָן, האָט נאָך בן־ציון נישט געקאָנט פאַרגעסן די עוולה וואָס ער האָט איר געטאָן דעמאָלט ווען ער האָט זי פאַרלאָזט אומגעריכטערהייט. זיין געוויסן איז קיינמאָל נישט געוועזן אינגאַנצן רואיק צוליב דעם. אויך איצטער, ווען זי איז געזעסן פאַר אים, אַ פרוי אין דער טיפער עלטער, אַ צעבראָכענע פון איבערלעבונגען און קראַנקייטן, איז ווידער אויפגעקומען אין זיין זכרון און אין זיין געוויסן יענער חטא וואָס ער איז קעגן איר באַגאַנגען. ער האָט זיך געטרייסט דערמיט, וואָס דאַך האָט ער שפּעטער געטון אַלץ כדי צו פאַריכטן זיין פעלער, כדי איר צו פאַרלייכטערן דאָס לעבן, כדי איר צו פאַרגיטיקן די פאַרגאַנגענהייט מיט אַ גוטער באַהאַנדלונג. ער האָט זיך אויך געטרייסט דערמיט, אַז יענעם חטא איז באַגאַנגען אַ לייכטזיניק, אומדערפאַרן יינגל, וואָס האָט דאָס לעבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס האָט נישט געקאָנט באַנעמען איר ליבשאַפט און האַרציקייט. דאָס לעבן

האָט זיי דעמאָלס צעשיידט, אָבער איצטער זײַנען זיי ווידער צוזאַמען, און ער, בן־ציון, וויל איצטער טאָן אַלץ אויף וויפל די כוחות טראָגן, צו געבן איר אַ רואיקע און נחתדיקע עלטער.

פֿייגעלע האָט דאָס אַרויסגעפֿילט פֿון זײַן האַלטונג און זי האָט זיך אויך באמת ווי ווײַט מעגלעך זיך צו האַלטן אַזוי, אַז זי זאָל אים קיין עגמת נפש נישט פאַרשאַפן. טראָץ אַלע אירע אומגליקס־פאַלן און קראַנקייטן איז זי ביז אין דער טיפֿער עלטער אַרײַן פאַרבליבן אַ שטיקל מענטש. זי האָט פאַרלוירן טאַקע איר אַמאָליקע רירעוודיקייט און שנעלקייט, אָבער זי האָט ווײַטער געפירט די שטוב ווי אַן אמתדיקע באַלעבאָסטע. זי האָט זיך אויסגעלערנט צו זײַן פּאַרזיכטיק, געשטעלט פּאַמעלעכע, געלאַסענע טריט, געטאָן אַלץ לאַנגזאַם און באַקלערט יעדע זאַך נישט געאײַלט. אָבער זי פלעגט ווײַטער רוימען, קאָכן, גיין אַליין אײַנקויפן, נישט ווי זי וואָלט געווען אַ זקנה שוין, נאָר ווי אַ יונגע באַלעבאָסטע. זי האָט שוין געהאַט אירע שטענדיקע קראָמען צום אײַנקויפן, וווּ מען האָט זי געקאָנט, געגעבן איר קרעדיט און אַנטקעגנגעטראָגן איר די פעקלעך. זי איז געוואָרן חשוב ביי זיך, און האָט ליב געהאַט מען זאָל אָט די חשיבות אירע אָנערקענען. עס האָט איר הנאה געטאָן אָט דער דרך־ארץ וואָס מען פלעגט איר אַרויסווײַזן, ווען זי איז געגאַנגען אײַנקויפן שפּייזוואַרג אין שטוב אַרײַן, און זי פלעגט נישט אײנמאָל זיך אויסטענהן דאָרטן מיט די פּאַרקויפערקעס אויף איר פאָלקסטימלעכן, היימישן שטייגער, אַזוי ווי זי האָט עס געהערט נאָך פון איר מאַמען. אַהיימקומענדיק פון אײַנקויפן, פלעגט זי שטענדיק דערציילן בן־ציונען ווי עס איז איר צוגעגאַנגען. צו מייסטנס מעשיות האָט זי געהאַט צו דערציילן פון מלכהלען, דער קצבטע, ביי וועמען זי פלעגט קויפן פלייש, אײנמאָל איז זי אַהיימגעקומען אײַנציייטיק אָן אויפגעקאָכטע און אַ צעפרידענע פון זיך, מיט אַ געלעכטער וואָס איז נאָך געווען צוגעקלעפּט צו אירע ליפּן.

— ווייסט — האָט זי צו וויסן געטאָן בן־ציונען — כ׳האָב זיך היינט צעקריגט מיט מלכהלען.

— וואָס איז געשען אַזוינס? — האָט בן־ציון גוטמוטיק געפרעגט.

— דו ווייסט דאָך מן־הסתם — האָט זי דערציילט אַרויסנעמענדיק בשעת־מעשה דעם אײַנקויף פונעם קאָרב — אַז ביי איר, ביי מלכהלען הייסט עס, זײַנען שטענדיק אַרומגעשטעלט ווײַבער ווי פליגן, להבדיל. שטיי איך אַזוי צווישן זיי און וואַרט. כ׳האָב נישט קיין כוח צו שטיין

און יענע באַדינט אַלעמאָל אַן אַנדערע יידענע און פון מיר פּאַלט פּשוט ס׳פּלייש פאַר אומגעדולד, און זי זעט מיך אַלץ נישט. ווער איך שוין אױ־סער זיך און גיב אַ זאָג צו איר: „וואָס מיינט איר עס אייך? כ׳וועל שטענ־דיק זיין ביי אייך דאָס כפּרה־הינדל?״, נו, נו, פרעג נישט וואָס דאָרטן איז געוואָרן. צי האָט אַזוי מיין טאָן אויסגענומען, צי דאָס ווערטל וועגן כפּרה־הינדל, נאָר מלכהלע און אַלע ווייבער דאָרטן האָבן זיך אַזוי צע־לאַכט, אַז אפשר לאַכן זיי נאָך ביז איצט.

אָט די פאַלקסטימלעכקייט אין אופן פון אויסדריקן זיך, דער יידיש־לעכער קנייטש אין איר טאָן, דער יידישער קרעכץ וואָס איז געווען שטענדיק פאַרבאָרגן אין אירע רייד, איז געווען אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון איר באַנעמונג און זיין. אירע ראָלן אויף דער בינע זיינען אויך געווען דורכגעוועבט מיט אָט־די עלעמענטן. זי האָט געשפּילט די מוטער־ראָלן מיט אַזאַ נאַטירלעכקייט, און דער יידיש־מאַמישער קרעכץ אירער איז געווען אַזוי אמתדיק־קינסטלעריש, אַז עס האָט אַרויסגערופן באַוווּנדערונג ביי יעדן איינעם.

ווי יעדע אמתע קינסטלערן, איז זי געווען זייער צאַרט און פילבאַר. זי האָט באַנומען בן־ציונס כוונות צו מאַכן איר לייכטער די בין־השמשות־דיקע טעג פון איר עלטער, און זי האָט זיך באַמיט אָפּצודינען אים געגנוי מיט דעם זעלבן. פונקט צוועלף אַזייגער איז שוין דאָס מיטיק געשטאַנען אויפן ציכטיק באַדעקטן טיש. זי האָט געזאָרגט דערפאַר אַז דאָס עסן זאָל זיין געשמאַק און ווען ער האָט שוין אָפּגעגעסן האָט זי אים שטענדיק געטריבן ער זאָל זיך גיין צולייגן אַביסל. זי האָט נישט געוואָלט קוועלן אים אין דער מינדסטער געוויינהייט זיינער, ווייל אין אָט די לעצטע יאָרן פון איר לעבן האָט זי באַנומען אויף ווי ווייט בן־ציון איז איר טייער, אויף ווי ווייט ער באַמיט זיך זי צו פאַרשטיין. ערשט איצט האָט זי באַ־נומען אַז אין איר גאַנצן לעבנסגאַנג איז ער געווען איר איינציקער אמת־דיקער פריינט, און צוליב אָט־דעם פריינט טאַקע האָט זי זיך נאָך געריסן צום לעבן, געוואָלט וואָס לענגער זיין צוזאַמען מיט אים אין דער בין־השמשותדיקער לעבנס־שעה זייערער.

בן־ציון האָט טאַקע אויך זי איצטער באַנומען מער ווי ווען עס איז פריער. דורך לאַנגע יאָרן פון אָבסערוואַציע, פון צוקוקן זיך צו איר, פון פרוון זי פאַרשטיין און דערנענטערן זיך צו איר אופן פון קלערן איז ער דערגאַנגען דערצו אַז איר מינדעסטער געדאַנק איז געווען אָפן פאַר אים,

אַפילו ווען זי האָט אים נישט אַרויסגעזאָגט. ער האָט ליב באַקומען איר ברייטהאַרציקייט און נשמהדיקייט, איר שטאָלץ און איר גוטסקייט.

זי האָט קיינמאָל נישט געמאָנט קיין געלט ביי אים, נישט געפּרוווט אַפילו אַריינקוקן אין די חשבונות פון זיין מאָגערער קאַסע און נישט גע־פאָדערט ביי אים מער ווי ס'איז געווען נויטיק, קיינמאָל זיך נישט באַ־קלאָגט אַז עס פעלט אוים אויף דעם צי אויף יענעם. דערביי איז זי גע־ווען אַזוי גוטהאַרציק אַז זי האָט פון זיך געקאָנט אָוועקשענקען דאָס נויטיקסטע, אויב עמעצער האָט זיך נאָר פאַרקרימט פאַר איר אַז עס פעלט אים. ווען ער, בן־ציון, פלעגט עפענען זיין האַנט פאַר אַ נויטבאַדערפ־טיקן, האָט זי זיך נישט געבייזערט. פאַרקערט, זי איז געווען צופרידן וואָס ער טוט דאָס, הגם נישט איינמאָל האָט זי דרינגענד אַליין באַדאַרפט די דאָזיקע קליינע סומע פאַר זיך.

איין זאַך האָט זי פון אים יאָ געפאָדערט: ער זאָל איר אַרויסווייזן דעם געהעריקן דרך־ארץ. איר שטאָלץ האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם מינדעסטן געבייזער זיינעם, און אויב ער האָט זיך אַמאָל פאַרגעסן און צו איר אַ רעד געטאָן אין אַ העכערן טאָן, האָט אים דערנאָך געקאָסט געזונט, ביז וואָנען ס'איז אים געלונגען זי איבערצובעטן. „אַ מאַן דאַרף זיך נישט בייזערן, נישט שרייען אויף זיין פרוי" — האָט זי צו אים גע־טענהט. ער האָט אָפּגעשאַצט אָט־דעם שטאָלץ אירן און באַמיט זיך מיט אַלע כוחות זי נישט צו דערצערנען. ער האָט געוווּסט אַז זי אַליין קאָן נישט סתם ווערן אין כעס, סיידן מען פּראָוואָצירט זי דערצו, האָט ער זיך טאַקע באַמיט איר נישט צו דערבייזערן. ער האָט אויך געוווּסט, אַז זי, פייגעלע, קאָן אויך ליב האָבן, שטאַרק ליב האָבן, און די דאָזיקע ליבע וואָס זי האָט געהאַט פאַר אים האָט ער איצט געפילט מער ווי שטענ־דיק.



## XXX

אזוי האָבן זיך געקייטלט די גרויע טעג פון זייער עלטער, און בן־ציון האָט זיך איינמאָל דערמאָנט אַז אָט דערנענטערט זיך שוין מיט פּאַמעלעכע טריט זיין 75־טער געבוירנטאָג. פינף און זיבעציק יאָר! — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. ער האָט געקוקט צוריק, אין זיין לאַנגן לעבנסוועג אַריין און דערזען זיין לאַנגיאָריקע אַרבעט אין טעאַטער, דערמאָנט זיך אָן אַלע ראָלן וואָס ער האָט אין זיין לעבן געשפּילט, און אין זכרון זייַנען אויפגעשוועמען די פּיעסן אין וועלכע ער האָט אַנטיילגענומען, די לידער וואָס ער האָט געזונגען, זיין גאַנצע אַרבעט במשך פון זיין גאַנץ לעבן וואָס איז געווידמעט געווען איין אינציקן ציל — דעם יידישן טעאַטער. עס האָט זיך שטאַרק פאַרגלוסט אָט דאָס אַלץ צו דערמאָנען, עס האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט אַז אין אַ קרייז פון חברים און פון פריינט פון יידישן טעאַטער זאָל דאָס אַלץ דערמאָנט ווערן. ער האָט געוווּסט אַז דאָס איז דער איינציקער שכר וואָס אַ יידישער אַקטיאָר קאָן באַקומען — עטלעכע לויבווערטער, אָבער ער האָט שטאַרק חשק געהאַט עס צו דערהערן. צו דערפילן זיך נאָכאַמאָל אין דער טעאַטער־סביבה, צו הערן פון יענעמס מויל, אַז עפּעס האָט ער דערגרייכט מיט זיין לעבן, אַז זיין לאַנגיאָריקע אַרבעט איז נישט געגאַנגען לאיבוד. אזוי אַרום איז געבוירן געוואָרן ביי אים דער געדאַנק וועגן אַ גרויסער יובילײ־פייערונג צו זיין 75־טן געבוירנטאָג.

מיט אָט־דעם געדאַנק האָט ער זיך גלייך געטיילט מיט פאַניָן, אָבער זי האָט עס אויפגענומען גאַנץ סקעפּטיש. „ווּעמען גייט עס אָן דיין געבוירנטאָג” — האָט זי געטראַכט, אָבער אינגאַנצן אָפּגעווענדט אים פון אָט־דעם געדאַנק האָט זי נישט. זיי האָבן ביידע באַשלאָסן, אַז בן־ציון זאָל צוברענגען זיין פּאָרשלאָג צו דער פאַרוואַלטונג פון אַקטיאָרן־פאַריין. כאָטש זי, פייגעלע האָט נישט איבעריק געגלויבט אַז מען וועט זיך דערמיט פאַראינטערעסירן.

אָבער דער אַקטיאָרן פאַריין האָט דווקא זייער וואַרעם אויפגענומען בן־ציונס פּאָרשלאָג. עס האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן זיך אַבּיסעלע גע־

שעמט, הלמאי זיי אַליין איז דאָס נישט איינגעפאַלן, נאָר דער בעל־יובל גופא האָט עס געדאַרפט ברענגען צום טיש. עס איז באַשטימט געוואָרן אַז דער פאַריין זאָל פּאַטראָניזירן דעם יום־טוב, און אַלע מיטגלידער דאַרפן זאָרגן דערפאַר אַז די פייערונג זאָל האָבן דעם געהעריקן דער־פאָלג. ווען בן־ציון איז אַהיימגעקומען מיט דער גוטער בשורה צו פאַנין איז זי געווען אין זיבעטן הימל פאַר פרייד.

די חברים פון פאַריין האָבן טאַקע גענומען די איניציאַטיוו אין זייע־רע הענט און די פייערונג איז אַדורך מיט אַ גרויסן דערפאָלג, סיי אין מאָראַלישן סיי אין מאַטעריעלן זין. דריי וואָכן פאַרן ספּעקטאַקל זיינען שוין אַלע בילעטן געווען אויספאַרקויפט.

פאַני האָט זיך געגרייט צום יום־טוב מיט דער גאַנצער פייערלעכ־קייט. גאַנצע דריי שעה האָט ביי איר גענומען דאָס אָנטאָן זיך צו דער פייערונג. זי האָט אויסגעזען יונגער מיט צוואַנציק יאָר. זי האָט זיך גע־פרייט מיט דער מינדעסטער איינצלהייט פונעם יום־טוב, היים אַפּלאָ־דירט יעדן נומער פונעם רייכן פּראָגראַם וואָס די חברים־אַקטיאָרן האָבן צוגעגרייט. אירע אויגן האָבן געגלאַנצט און דאָס פּנים האָט געשטראַלט אַזוי, אַז ווער עס האָט זי געזען האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון אויסדריקן באַוואונדערונג פאַר איר אויסזען. ווען בן־ציון האָט געשלאָסן דעם אָוונט מיט זיינער אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט, אַ טיף־גערירטער, באַדאַנקט אַלעמען פאַרן צוגעטיילטן כבוד, און נאָכן פאַרענדיקן זיין רעדע איז אין זאַל אויסגעבראָכן אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן, האָבן אין פאַנים אויגן זיך באַוויזן טרערן, טרערן פון פרייד און פון נחת.

נאָכן ספּעקטאַקל איז פאָרגעקומען אַ באַנקעט, וואָס דער אַקטיאָרן־פאַריין האָט איינגעאָרדנט לכבוד בן־ציונען. אחוץ די חברים און חברות פון פאַריין איז געקומען אויך אַ היפּשער עולם פון פריינט פון יידישן טעאַטער און פון בן־ציונס פאַרערער. פייגעלע איז געזעסן צוזאַמען מיט בן־ציונען אויבנאָן ווי אמתע חתן־כלה, און איר פּנים האָט געשטראַלט פאַר פרייד. די ווערטער וואָס מען האָט געטיילט אויפן באַנקעט האָבן איר פאַרשאַפט נאָך מער נחת ווי דער ספּעקטאַקל גופא. די חברים אַק־טיאָרן האָבן ריידנדיק וועגן בן־ציונס אַרבעט דערמאָנט אויך זי, פייגע־לען, דערמאָנט איר לאַנגיאָריקע שוישפּילערישע אַרבעט, איר חבריש־קייט און איבערגעגעבנקייט. דער חבר שמואל אירים, האָט דערמאָנט אַן עפּיזאָד וואָס ער אַליין האָט געדענקט. ער האָט דערמאָנט די פאָרשטע־לונג „שרה־שיינדל" ווו פייגעלע האָט געשפּילט די ראָל פון „באַבעלען"

און איר פארטנער איז געווען בראנדעסקא. אט־די פארשטעלונג האט אים, איריסן, אנגערעגט צו ווערן א יידישער אקטיאר.

פייגעלע איז געזעסן און אנגעקוואלן. זי האט פלוצלינג דערפילט אז די יארן אירע זיינען איר מער נישט שווער, אז עפעס האט זי אויפגעטאן במשך פון אט־די יארן, און אט איז די באלוינונג אירע. א באלוינונג א באשיידענע, וואס האט אפשר פאר מענטשן אויסער דער טעאטער־וועלט קיין שום ווערט נישט, אבער זי דארף נישט מער. זי זיצט דא אויבנאן, צוזאמען מיט איר בן־ציונען, און ארום איז א ווארעמע חברישע סביבה, און מען זאגט זיי ביידן אזויפיל אנגענעמע ווערטער. זי האט דערפילט אז עס האט געלוינט צו לעבן אויף דער וועלט.

***

ווען זיי זיינען אהיימגעקומען האט פייגעלע מיט א פארשעמטן שמייכל א פרעג געטאן ביי בן־ציונען:

— זאג מיר נאר, וויפל געלט וועט עס דיר בלייבן פון אט־דעם אלעמען?

זי האט במשך פון זייער גאנץ לעבן קיינמאל אים נישט געפרעגט, וויפל ער האט פארדינט. דאס מאל אבער איז איר נישט געגאנגען אין געלט, זי האט געוואלט דערגאנצן איר פרייד מיט נאך אן איינצלהייט.

ער איז מיט א שמייכל צוגעגאנגען צו דער שאפע און איר געוויזן די עטלעכע טויזנט פעזעס ריווח וואס זיינען אים צוגעטראגן געווארן אלס עודף פון ספעקטאקל.

— אט דאס האב איך פארדינט — האט ער געזאגט.

זי האט נישט געוואלט גלויבן אירע אייגענע אויגן. זי האט נאך קיינמאל נישט געזען ביי אים אזויפיל געלט.

— אט דאס איז אינגאנצן דיינס? — האט זי געפרעגט מיט פריידיקער פארוואונדערונג. אירע אויגן האבן געשיינט, אבער בן־ציון האט פארשטאנען, אז דאס פרייט זי זיך נישט אזויפיל מיטן געלט, ווי מיט דעם גרויסן נחת וואס זיי האבן דערלעבט אין טאג פון זייער געמיינזאמען יום־טוב.

## XXXI

די אַלע פריידיקע איבעראַשונגען האָבן וויזט אוים געהאַט אַ פאַר־קערטע ווירקונג אויף פייגעלען. די גרויסע עמאָציע איז וויזט אוים גע־ווען שעדלעך פאַר איר געזונט צושטאַנד. צוויי טעג נאָכן באַנקעט אין אַקטיאָרן־פאַריין איז זי קראַנק געוואָרן. זי האָט באַקומען אַ מוח־דערשי־טערונג.

איר פאַרשאַרפטע אינטואיציע האָט נאָך מיט אַ לענגערער צייט צו־ריק איר אַריינגעבראַכט אין אַזאַ מין צושטאַנד פון אומרו. זי האָט כסדר געהאַט אַ פאָרגעפיל אַז עס דערנענטערן זיך די לעצטע טעג פון איר לעבן. נישט ווייסנדיק אַליין פאַרוואָס זי רעדט אַזוי, פלעגט זי ביי יעדער גע־לעגנהייט וואָרענען בן־ציונען:

— אוי וועט דיר נאָך מיר באַנג טאָן!

ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס זי חזרט אַזוי אָפט אי־בער די דאָזיקע ווערטער. „מיט וואָס איז זי דאָס אַזוי זיכער אַז דאָס וועט א י ם דאַרפן באַנג טאָן?" — האָט ער געטראַכט — „אפשר וועט עס גאָר זיין פאַרקערט? אפשר טראַכט זי אַזוי דעריבער ווייל מיין פי־זישער געזונט־צושטאַנד איז בעסער ווי אירער? אָבער דאָס מיינט נאָך גאָרנישט... אוודאי, אַז מען פאַרלירט אַ חבר מיט וועלכן מען קאָן זיך שוין קנאַפּע זעקס צענדליקער יאָרן, מוז עס טאַקע באַנג טאָן, אָבער פונ־וואַנען נעמט זי עס די זיכערקייט, אַז עס וועט א י ם באַנג טאָן און נישט איר?..."

אָפטמאָל פלעגט ער איר גאָרנישט ענטפערן דערויף, אָבער טיילמאָל פלעגט ער איר זאָגן מיט אַ שמייכל:

— ווער קאָן עס באַשטימען פון פאָראוים וועמען עס וועט פריער באַנג טאָן?

אָבער וויזט אוים אַז עפּעס האָט זי יאָ פאָרגעפילט, און די פריידיקע איבערלעבונג פונעם באַנקעט האָט צוגעאיילט די דערפילונג פון אָט־דעם פאָרגעפיל אירן. זי איז לעצטנס קראַנק געווען אויף אַ מין ספּאַזמע, וועל־כע פלעגט זי אָנכאַפּן יעדעס מאָל ווען זי האָט געהאַט עפּעס אַ שטאַרקע

איבערלעבונג. דאָס איז וואַרשיינלעך געווען אַ רעזולטאַט פון די אַלע קראַנקייטן וואָס זי האָט דורכגעמאַכט. ס'איז גענוג געווען עפּעס אַן אַי־בעראַשונג, אַ גוטע צי שלעכטע בשורה, עפּעס אַזעלכעס וואָס האָט גע־ווירקט אויף איר עטוואָס שטאַרקער, אַז די דאָזיקע ספּאַזמע זאָל זי באַ־פאַלן. טיילמאָל ווידער האָט עס געהאַט אַ שייכות מיטן וועטער, ווען די לופט איז געווען צו שווער פאַר אירטעווען. אָבער דער אָנפאַל פון דער ספּאַזמע פלעגט נישט קומען גלייך נאָך דער איבערלעבונג צי איבעראַ־שונג, נייערט שפּעט אין דער נאַכט ווען זי איז שוין געשלאָפן. זי פלעגט טיילמאָל פאַרציען דעריבער מיטן שלאָפן גיין, ספּעציעל דעמאָלט ווען זי האָט געפילט אין זיך די סימנים, אַז היינט וועט עס זי באַפאַלן. זי האָט מורא געקראָגן צו לייגן זיך פרי שלאָפן און דאָס האָט ווידער שלעכט געווירקט אויף איר. בן־ציון פלעגט אָפטמאָל אַרומשפּאַצירן מיט איר ביז שפּעט, כדי זי זאָל מיד ווערן און וואָס גיכער אַנטשלאָפן ווערן. עס פלעגט אויך טרעפן, אַז אינמיטן דער נאַכט פלעגן זיי זיך אָנטאָן און אַרויסגיין שפּאַצירן, בכדי אויסצומיידן דעם אָנפאַל פון דער ספּאַזמע.

ער איז מיט איר אויסגעווען ביי אַ סך נערוון־דאָקטוירים, אָבער קיין איינער פון זיי האָט נישט געוווסט פון וואָס אַט־די חולאת דערנעמט זיך און מיט וואָס עס צו היילן. זיי האָבן געמאַכט איבער איר פאַרשיידענע עקספּערימענטן, אָבער אָן אַ שום רעזולטאַט.

געשען איז עס זעקס אַזייגער פאַרטאָג, דעם 12טן מערץ 1951. פּיי־גלעך האָט זיך פּלוצלינג אויפגעכאַפּט פון שלאָף און אַרום פון בעט ווי זי וואָלט וועלן אַנטלויפן פון עפּעס שרעקלעכס, וואָס פאַרפאָלגט זי. זי איז אַנטלאָפן, ווי מען לויפט פון אַ שרפה, אָדער פון עפּעס אַ קאַטאַסטראָפע, נאָר אָנשטאָט צו דער טיר איז זי צוגעלאָפן צו דער וואַנט מורמלענדיק:

— וווּ איז די טיר? וווּ איז די טיר?

בן־ציונען איז קוים געלונגען מיט אַלע זיינע כוחות צוריק זי צופירן צום בעט און באַוועגן זי, אַז זי זאָל זיך אַוועקלייגן. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זי פאַרלוירן דעם באַוווסטזיין און ס'איז שוין נישט געווען צו וועמען צו רעדן. זי איז ליגן געבליבן מיט פאַרמאַכטע אויגן, באַוווסטלאָז, אָן באַוועגונג.

בן־ציון האָט גלייך אַלאַרמירט אַלע זיינע נאָענטסטע. די גאַנצע משפּחה איז גלייך געקומען צו לויפן. מען האָט באַלד געבראַכט דריי דאָק־טוירים, אָבער אַלע דריי זיינען זיצן געבליבן הילפלאָז, און נישט געוווסט

וואָס צו טאָן. מען האָט דעריבער באַשלאָסן רופן אַן אַמבולאַנס און אַוועקפירן זי אין שפּיטאָל אַריין.

בן־ציון האָט אַ צעטומלטער פון ווייטיק און שרעק צוגעקוקט ווי צוויי מענער האָבן גענומען פייגעלען אויפן טראָגבעטל און זי אַראָפּגעטראָגן צום וואַרטנדיקן אַמבולאַנס. ער, צוזאַמען מיט נאָך צוויי פלימעניצעס זיינען מיטגעפאָרן. דער אַמבולאַנס האָט זיך שנעל געשניטן אַ וועג אין גרויסשטאָטישן געווימל פון אויטאָס און כלערליי וועגענער. מיט אַ יאָמערלעכן פייף איז ער געפלויגן דער אַמבולאַנס איבער די רוישנדיקע גאַסן, און בן־ציונען האָט זיך אויסגעדוכט אַז דאָס יאָמערט ער אַליין. פייגעלע איז געלעגן שטיל, נאָך אַלץ מיט פאַרמאַכטע אויגן און די גרויסע שרה האָט קוקנדיק אויף איר זיך אָנגערופן פליסטערנדיק:

— זעסט, זי ליגט פאַרטראָגן ערגעץ אין ווייטע וועלטן. עס אַרט איר גאָרנישט... זי רעאַגירט אויף קיין שום זאַך נישט...

***

אין שפּיטאָל האָט מען גלייך געשטעלט דעם דיאַגנאָז אַז פייגעלע האָט באַקומען אַן אַטאַקע אויפן מוח. דער הויפּט־דאָקטער פונעם שפּיטאָל האָט גאָרנישט פאַרהוילן פאַר בן־ציונען. ער האָט אים גלייך געזאָגט, אַז די קרענק איז זייער אַן ערנסטע, אַז זעלטן ווערמען געלינגט זיך אַרויסצודרייען דערפון און געזונט ווערן, און אַז אויב עס טרעפט שוין אַמאָל אַז עמעצער בלייבט לעבן, בלייבט ער פאַראַליזירט אויף אַ האַלבן קערפּער, אָדער ער בלייבט אָן לשון, אָדער נישט ביי די קלאָרע געדאַנקען.

בן־ציון האָט אויסגעהערט דעם דאָקטאָרס ווערטער אַ צעדולטער פון פיין און פון שרעק איבער פייגעלעס גורל. דאָס שפּאַנישע וואָרט „סערעבראָ" (מוח), האָט זיך אים אויסגעמישט אין קאָפּ מיטן רוסישן וואָרט פון דעם זעלביקן קלאַנג, „סערעבראָ" (זילבער). „פאַרוואָס אַזאַ זילבערנער נאָמען צו אַזאַ שרעקלעכער קרענק? האָט ער געטראַכט אַ צעטומלטער און נישט געוווסט וואָס צו טאָן, נישט געוווסט ווי אַזוי ער קאָן העלפן פייגעלען, זיין פייגעלען.

ער האָט דערפילט אַז איצטער פאַרלירט ער זי שוין אויף אַן אמת. ערשט איצטער האָט ער פּלוצלינג באַנומען דעם שרעקלעכן באַטייט פון

אירע ווערטער: „עס וועט דיר באַנג טאָן נאָך מיר!" ערשט איצטער האָט ער פאַרשטאַנען אויף וויפל זי וועט אים פעלן, וואָס זי איז געווען פאַר אים במשך פון זיין גאַנצן לעבן, און וואָס ער פאַרלירט מיט איר פלוצלינגדיקן טויט.

## XXXII

אָבער דער טויט איז אַזוי שנעל נישט געקומען. פייגעלען איז נאָך אויסגעקומען אַ סך צו ליידן ביז וואַנען זי איז באַפרייט געוואָרן פון איירע יסורים. בן־ציון איז נישט אָפּגעטראָטן פון איר בעט. ער האָט נאָך אַלץ נישט פאַרלוירן די האָפענונג זי צו ראַטעווען, און ס׳האָט זיך אים אויסגעדוכט אַז בלויז מיט זיין אָנוועזנהייט וועט ער אויך עפּעס אויפטאָן פאַר אירעטוועגן.

עס זיינען אַוועק לאַנגע איינטאָניקע שפּיטאָל־טעג, בעת וועלכע בן־ציון האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט נענטער זיך צו באַקענען מיטן שפּיטאָל־לעבן. זיצנדיק לעבן איר בעט, האָט ער צייט געהאַט צו טראַכטן, און דער גאַנצער אַרום האָט אים אָנגערעגט צו טראַכטן און פאַרטראַכטן זיך. ער האָט אָנגעהויבן זען און באַנעמען זאַכן, וועלכע ער האָט פריער קיינמאָל נישט געשאָנקען קיין אויפמערקזאַמקייט.

דער זאַל האָט פאַרמאָגט פיר און צוואַנציק בעטן, וועלכע זיינען געווען פאַרנומען מערסטנטייל דורך עלטערע פרויען. יעדעס בעט איז געווען אַ טראַגעדיע פאַר זיך און ווילנדיק צי נישט ווילנדיק, האָט בן־ציון זיך צוגעזען און צוגעהערט צו אָט־די טראַגעדיעס, וואָס זיינען געלעגן פאַר אים ווי אָפענע ביכער צום לייענען. אים אַליין וואָלטן אפשר נישט אינטערעסירט אָט־די אַלע פאַלן, אָבער אין זאַל זיינען געווען אויך פרויען, וואָס זיינען שוין געווען אויסגעהיילט, נאָענט צום אויסשרייבן פון שפּיטאָל. אָט־די ווייבער האָבן שוין נישט געקאָנט איינליגן אין די בעטן. זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט איבערן זאַל, צוגעלייגט אַן אויער דאָ און דאָרט, געוואָר געוואָרן פון אַלע שווערע הערצער, און שפּעטער געטראָגן די גוטע צי שלעכטע בשורות פון איין בעט צום אַנדערן. די יאַכנעשע געוווינהייט זייערע צום פּליאַטקעווען האָט זיי אַפילו אין שפּיטאָל אויך נישט אָפּגעלאָזט.

אָט אַזאַ מין אַרומגייערקע איז אויך צוגעקומען צו פייגעלעס בעט. זי מוז נויטיק וויסן, אויף וואָס איז זי קראַנק, פייגעלע טאַקע, און ווי האַלט עס מיט איר. אינאיינוועגס האָט זי שוין דערציילט בן־ציונען, אַז

אין דריטן בעט, אין דער ריי וואָס אַנטקעגנאיבער ליגט אַ פרוי וואָס איז קראַנק אויף קאַנסער.

— זי ליגט שוין אַזוי אַ פּאָר חדשים — האָט זי דערציילט שנעל מאָלנדיק די ווערטער — אָבער איז דען מעגלעך אויסצוהיילן אַזאַ געפערלעך־קראַנקן נישט דאָ געדאַכט? נאָר גאָר פּשוט, די קינדער ווילן זי נישט האַלטן אינדערהיים צאָלט מען אַ סך געלט, זי זאָל ליגן אין שפּיטאָל. עסן קאָן זי נישט — האָט זי ווייטער דערציילט — זי גיט אַלץ אָפּ צוריק...

בן־ציון האָט שוין געדאַנקט גאָט וואָס די אַרומגייערקע האָט אים סוף־כל־סוף צורו געלאָזט און אַוועקגעגאַנגען, אָבער נישט ווילנדיק האָט ער זיך אָנגעהויבן צו פאַראינטערעסירן מיט דער אומגליקלעכער קראַנקער.

אַ פרוי מן־הסתם אין די זעכציקער; זייער אַן איידעלער, יחוסדיקער אויסזען. „אָט ליגט זי פאַרמשפּט צום טויט — האָט ער געטראַכט — דער מלאך־המוות וועט קומען צום גרייטן...”

עס פלעגן קומען באַזוכן די פרוי אירע קינדער — אויסגעגעבענע טעכטער און זין. מען האָט זי אויף אַ מינוט נישט געלאָזט אַליין, אויסער וואָס אויף ביינאַכט פלעגן זיי אַלע אַהיימגיין, אָבער דעמאָלט האָבן די וועכטערנס געהאַט שוין די אויפגאַבע צו וואַכן איבער איר.

אָבער איינמאָל אין אַ שעה צווישן טאָג און נאַכט איז געוואָרן אַ טומל לעבן דער קראַנקערס בעט. „ווייזט אויס אָט די שעה פון בין־השמשות איז אָנגעצייכנט פאַר אַלע פורעניות, פאַר אַלע טראַגעדיעס” — האָט בן־ציון געטראַכט. די דאָקטוירים און קראַנקנשוועסטער זיינען זיך אַלע צוזאַמענגעלאָפן צו דער קראַנקערס בעט. די גאַנצע משפחה פון דער קראַנקער איז זיך אויך צונויפגעקומען.

די דאָקטוירים האָבן פעסטגעשטעלט אַז די קראַנקע האָט נאָך צו לעבן בערך אַ שעה און נישט מער, איז אויב די משפחה וויל זי זאָל נישט שטאַרבן אין שפּיטאָל, איז איצטער טאַקע די צייט זי אַהיימצונעמען. צווישן דער משפחה איז אויסגעבראָכן אַ געוויין. אַן אַמבולאַנס איז אָנגעקומען און זיין יאָמערדיקער פייף האָט זיך אויסגעמישט מיט די שרעקלעכע יללות פון דער קראַנקערס קינדער. די עלטסטע טאָכטער איז געפאַלן אין חלשות און מען האָט זי קוים דערמונטערט. סוף־כל־סוף האָבן זיי אַלע, צוזאַמען מיט זייער מאַמען וואָס גייט אַהיים שטאַרבן, פאַרלאָזט דאָס שפּיטאָל.

פלוצלינג האָט זיך אין קראַנקן-זאַל צעלייגט אַ שטילקייט, אין וועל־כער עס האָט נאָך אָפּגעקלונגען דער עכאָ פון די האַרצרייסנדיקע געוויי־נען. די לופט איז געוואָרן אַ שווערע און שטיקנדיקע ווי בליי. די קראַנ־קע אין די בעטן האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם און געשוויגן. עס האָט זיך אויסגעדוכט אַלעמען אַז דער טויט שפּאַנט אַרום מיט אומזעבאַרע טריט צווישן די בעטן.

בן-ציון איז געזעסן לעבן פייגעלעס בעט און געטראַכט, אַז אין אָט דעם מאָמענט איז איר אפשר שוין בעסער ווי אים. זי פילט שוין גאָרנישט און פאַרשפּאָרט צו האָבן עגמת-נפש פון אָט-די אַלע שרעקלעכע בילדער. די שרעק פאַרן טויט האָט צו איר נישט קיין צוטריט.

און נאָך האָט ער געטראַכט, אַז פון יענער זייט וואַנט איז פאַראַן אַ גרויסע און רוישנדיקע שטאָט, מיט גאַסן וואָס זיינען באַלויכטן פון די פאַרשיידנפאַרביקע רעקלאַמעס פון די לוקסוס-געשעפטן, מיט פאַרליבטע פּאָרלעך וואָס שפּאַצירן אַרום פול מיט האָפענונג אויף אַ ליכטיקער צו־קונפט, מיליאָנען מענטשן לויפן אַרום, שמייען און האַוועןּ, איילן זיך מורא האָבנדיק אַז זיי זאָלן חלילה נישט פאַרשפּעטיקן עפּעס אין זייערע געשעפטן. דער גיהנומדיקער געפּילדער פון מענטשלעכן געווימל מישט זיך אוים מיטן געפייפעריי פון די אויטאָס און אָמניבוסן, דאָס לעבן גייט זיך ווייטער זיין אייביקן גאַנג, וואָס קיין שום זאַך איז נישט בכוח עס צו פאַרהאַלטן.

***

צווישן די קראַנקע האָט זיך געפונען אַ מיידעלע פון אַ פופצן יאָר בערך. איר מוטער מיט אַ חברטע פלעגן קומען יעדן טאָג געוואָר ווערן וואָס זי מאַכט. דאָס שיינע בליענדיקע קינד איז קראַנק געווען אויף אַ מין שרעקלעכן רעוומאַטיזם, וואָס איז זייער שווער אויסצוהיילן. די דאָק־טוירים האָבן זיך געפילפולט איבער דער דאָזיקער קרענק אירער, ווי ישיבה-בחורים פילפולן זיך איבער אַ שווערן בלאַט גמרא. די מוטער פון נעם מיידעלע איז זיי יעדן טאָג נאָכגעלאָפן מיט דער זעלבער פראַגע:

— נו, וואָס איז אייער דיאַגנאָז? ווי אַזוי היילט מען אוים מיין קינד?

אָבער די דאָקטוירים האָבן איר נישט געקאָנט ענטפערן. אַ קרענק

פארשטייען זיי טאקע אָבער אין אָט-דער קרענק קענען זיי זיך צום אמת נישט דערגריבלען...

**
*

ווידער די פאטאלע שעה פון בין-השמשות, און ווידער שלייכט זיך אריין א נייע טראגעדיע אין קראנקן-זאל אריין.

פון מושב-זקנים האָט מען געבראכט א מיטליאָריקע פרוי אין א גע־פערלעכן צושטאנד, און אוועקגעלייגט זי אנטקעגנאיבער פייגעלעס בעט. דער אָוונט האָט שוין אָנגעהויבן צו טונקלען, אָבער קיין ליכט האָט מען אין זאל נאָך נישט אָנגעצונדן. די בעטן שטייען אויסגעשטעלט אין צוויי רייען, צו צוועלף בעטן אין א ריי און די ווייסע פלעקן פון קישנס און ליילעכער הויבן אָן גרוי צו ווערן אין פארנאכטיקן שאָטן.

די פרוי וואָס מען האָט געבראכט האָט זיך פארסמט דעם מאָגן מיט עפּעס אָן עסן. אגב איז זי אין מושב-זקנים נישט געווען איינגעשריבן ווי א זקנה, נייערט זי האָט דאָרט פארנומען עפּעס אָן אמט. אָבער דאָס איז געווען אָן איינזאַמע פרוי, אָן קרובים, און אחוץ די דאָקטוירים און קראנקנשוועסטער איז קיינער ביי איר בעט נישט געווען.

מיט דער אומגליקלעכער האָט עס געהאלטן זייער שמאָל. די דאָק־טוירים און קראנקנשוועסטער זיינען געלאָפן הין און צוריק, געבראכט פארשיידענע אינסטרומענטן און געפּרוווט זי ראטעווען. זיי האָבן גע־רעדט צווישן זיך אין א געדעמפטן טאָן, און געארבעט איבער איר צוויי שעה צייט אָן אָפּרו. דער גאנצער זאל האָט נאָכגעפאָלגט אָט-די ארבעט זייערע מיט א פארכאפּטן אָטעם. אָבער ווייזט אויס אז אלע זייערע אָנ־שטרענגונגען האָבן קיין רעזולטאט נישט געבראכט, זיי זיינען שטיין גע־בליבן הילפלאָז ארום בעט, מיט אראָפּגעלאָזטע הענט און אָנגעקוקט איי־נער דעם צווייטן. נישט געווען שוין, הפנים, מער וואָס צו טאָן לעבן איר, און זיי זיינען זיך סוף-כל-סוף צעגאנגען און איבערגעלאָזט די קראנקע אויף גאָטס באראָט. די אומגליקלעכע איז געלעגן און שטיל געכאָרכלט. דאָס זיינען שוין ווייזט אויס געווען די לעצטע סעקונדן אירע.

בן-ציון איז געזעסן לעבן פייגעלעס בעט און כאָטש די שעה פון בין־השמשות איז שוין לאנג פאריבער, דאָך האָט זי נאָך פארטונקלט זיין נשמה מיט דער שאָטנדיקער שטימונג. ער האָט געקוקט ווי גאָטס בא־

שעפעניש קעמפט נאָך אַלץ מיט די לעצטע כוחות קעגן דעם גרויזאַמען און אומפאַרמיידלעכן טויט. ער איז געווען אַן עדות, ווי די אומגליקלעכע האָט אויסגעכאַרכלט איר לעצטן אָטעם, און ליגן געבליבן שטיל, און מער שוין קיינעם נישט באַלעסטיקט. צוויי מענער זיינען אַריינגעקומען און אַרויסגעטראָגן דעם מת אויף אַ טראַגבעטל. ער האָט געקוקט דערויף און אַ גוואַלדיק געפיל פון רחמנות האָט אים אַרומגענומען.

„דאָס איז דאָך אַ מענטש, וואָס האָט ערשט געלעבט... — האָט ער געטראַכט — און אַ מענטש איז דאָך אַ גאַנצע וועלט... אַ מענטש איז אַוועק פון דער וועלט, און קיינער האָט איר אפילו דעם לעצטן זיפץ נישט געשענקט..."

ער האָט זיך אומגעקוקט אויף די צוויי רייען בעטן. די קראַנקע זיי־נען געלעגן שטיל, מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם, אַזוי ווי זיי וואָלטן מו־רא געהאַט זיך צו באַוועגן, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט מיט דער מינדס־טער באַוועגונג זייערער אויף זיך אַליין צו ברענגען עפּעס אַן אומגליק. אפשר האָבן זיי אויך געטראַכט וועגן דער אומפאַרמיידלעכער שעה פון טויט, און אפשר האָט די אומהיימלעכקייט פונעם שפּיטאָל־זאַל אָנגע־וואָרפן אַזאַ אימה אויף זיי? אפשר קלערן זיי גראָד איצט אַז אָט־די אַלע דאָקטוירים מיט אַלע רפואות זיינען הילפלאָז אַנטקעגן די קראַנ־קייטן וואָס מאַטערן זיי, און אפשר באַקלערן זיי ווי אַזוי צו אַנטלויפן פון אָט־דעם זאַל וואָס וואַרפט אַן אַזאַ מרה־שחורה אויף זייערע גע־מיטער.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף פייגעלען. ווען זי זאָל כאָטש זיין ביים באַוווסטזיין, וואָלט ער דאָך געקאָנט זי טרייסטן, מיט איר זיך דורכ־ריידן, טיילן זיך מיט איר מיט זיינע געדאַנקען און מחשבות, און אַזוי, צו ווּעמען זאָל ער רעדן אַז אַרום און אַרום אָטעמט די לופט מיט טויט און מיט קראַנקע מענטשלעכע קערפּערס, און זי, זיין פייגעלע ליגט אַ באַוווסטלאָזע, אַ יענעוועלטיקע, און ער איז לעבן איר און זי איז אַזוי וויים שוין פון אים...

די קראַנקנשוועסטער איז אַריינגעקומען און אויסגעלאָשן די באַ־לייכטונג. אויפן וועג האָט זי נאָך געכאַפּט אַ בליק צו עטלעכע קראַנקע פון יוצא זיין וועגן, און אַרוים מיט שנעלע שאַרכנדיקע טריט.

ס'איז געקומען די נאַכטיקע שעה פון שלאָף און בן־ציון האָט אויך געמוזט פאַרלאָזן דעם זאַל.

***

ווידער האָט זיך צעלייגט אין קראַנקנזאַל דער שאָטן פון די בין־השמשותדיקע שעהן, ווידער איז ער, בן־ציון, געזעסן לעבן בעט פון דער באַוווסטלאָזער פייגעלע, און ווידער האָט אַ שטילע, קורצע טראַגעדיע זיך אָפּגעשפּילט פאַר זיינע אויגן.

עס איז געווען טונקל שוין, האַרט פאַרן אָנצינדן די ליכט. „הפנים, אַז דאָס איז די פאַרשאָלטענע שעה ווען מען ברענגט דאָ אַריין קראַנקע וואָס האַלטן ביים שטאַרבן" — האָט ער געטראַכט.

צוויי שפּיטאָל־דינער האָבן אַריינגעבראַכט אויף אַ טראַג־בעטל אַ קראַנקע, אַלטע פרוי. נאָך איר זיינען נאָכגעגאַנגען אַ מאַן מיט אַ פרוי, וויזט אויס די טאָכטער און דער איידעם פון דער קראַנקער. ביידע — מענטשן אין די טיפע פערציקער, ביידע — אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק. דער איידעם נאָך מער ווי די טאָכטער. נישט נאָר וואָס ער איז אויסגעפּוצט, נאָר מען זעט אַז עס ווילט זיך אים, מען זאָל די דאָזיקע אויסגעפּוצטקייט זיינע זען. ער וויל געפעלן ווערן — שווער צו וויסן וועמען... אַ שאָד נאָר, וואָס אין זאַל זיינען קיין שפּיגלען נישט פאַראַן — ווען יאָ, וואָלט ער זיך אָנגעשפּיגלט. מען האָט געמערקט אָן אים באַשיינפּערלעך, אַז די איינציקע זאַך וואָס פעלט אים איצט, איז אַ שפּיגל...

געבראַכט האָט מען אייגנטלעך נישט קיין קראַנקע, נייערט אַ טויטע. מען האָט זי אַריינגעלייגט אין אַ בעט, וואָס איז ספּעציעל פאַר אירטווענגן געמאַכט געוואָרן. זי איז געבליבן ליגן ווי אַ מאַסע פון טויטע הויט און ביינער, נישט רעאַגירט אַפילו אויף קיין שום זאַך וואָס מען האָט מיט איר געטאָן. די דאָקטוירים האָבן, ווייזט אויס, געפּרוווט ווייזן וואָס זיי קענען האָט מען זי געמוטשעט און געמאַכט כלערליי עקספּערימענטן: אַ בלוט־טראַנספוזיע, געגעבן „סוראָ", איינשפּריצונגען, וכדומה קלוגע זאַכן וואָס העלפן שוין נישט אין אַט־דער לעצטער שעה פון לעבן. מען האָט געאַרבעט אַרום איר העכער אַ שעה צייט, און אַלץ אומזיסט־אומנישט.

דערווייל איז אויך אָנגעקומען דער קראַנקערס מאַן, אַ זקן וואָס איז געלאָפן ווי אַ יונג בחורל. די אַרומגייערקעס האָבן אויף אַן אומפאַרשטענדלעכן אופן גלייך באַקומען אַלע ידיעות וועגן אַט־די מענטשן. אין זאַל איז געלאָפן אַ שושקעניש איבער די בעטן, אַז דער זקן איז שוין אַלט 86 יאָר, אַז זיי זיינען רייכע מענטשן, זייער רייך... מאַכט אַ וואָרע, הייסט עס, גאָר שטאַרק רייך!...

אָפּגעפּאַרעט זיך לעבן דער קראַנקער, זיינען אַלע אַרום אין פּאָדער־

צימער. דער אַלטיטשקער בלויז איז געבליבן זיצן לעבן איר בעט, אָבער שפּעטער אַביסל איז אויך ער אַרויסגעקומען. ער האָט זיך דאָרט גע־טראָפן מיט בן־ציונען און גלייך אָנגעהויבן ביי אים נאָכפרעגן וואָס ער טוט אין שפּיטאָל? אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז זיין ווייב און פייגעלע זיי־נען אַוועקגעפאַלן אויף דער זעלביקער קרענק. אין איין וועגס האָט ער באַלד געוואָלט וויסן וויפל יאָר איז ער אַלט, בן־ציון טאַקע, און וויפל זיין פרוי איז אַלט, און צי איז ער יינגער פון זיין פרוי אָדער עלטער? בן־ציון האָט נישט באַוויזן אים, דעם זקן צו פרעגן דאָס זעלבע, ווייל ער האָט אומגעפרעגט אַליין אָנגעהויבן דערציילן:

— איך בין שוין אַלט 86 יאָר — האָט ער געזאָגט מיט אַ געוויסן שטאָלץ און פאַררויכערט אַ ציגאַר — מיין אַלטע איז יינגער פון מיר מיט זיבן יאָר...

ער האָט ערשט געוואָלט ברייט צעפירן די הענט און אָנהייבן דער־ציילן, אָבער גראָד איז אַרויסגעקומען די קראַנקנשוועסטער און מיט אַ טרויעריקן וווּנק געגעבן צו פאַרשטיין, אַז — שוין!... די אַלטע איז שוין געשטאָרבן הייסט עס.

דער זקן האָט אויסגעזען ווי ס'וואָלט אים געווען אַ שאָד, וואָס מען האָט אים איבערגעהאַקט אינמיטן די רייד. ער וואָלט נאָך מן־הסתם גע־רעדט און גערעדט...

די זעלבע דינער וואָס האָבן ערשט נישט לאַנג אַריינגעבראַכט די שטאַרבנדיקע זקנה, האָבן איצט אַרויסגעטראָגן איר טויטן קערפּער. די טאָכטער מיטן איידעם זיינען נאָכגעגאַנגען. דער זקן האָט זיך אויך גע־לאָזט גיין מיט אַ שטילן קרעכץ.

אַ קורצער וויזיט...

***

צוויי בלאָנדע שוועסטערלעך. ביידע רייצנדיק און יונג. איינע זעט אויס צו זיין פון אַכצן יאָר, די צווייטע אַן ערך צוויי יאָר יינגער. פון ביידע שפּרודלט מיט יוגנט. ביידע זעען אויס צו זיין אַ גרוס צום פרי־לינג.

די צוויי וווּנדערשיינע שוועסטערלעך פאַרברענגען זייערע יונגע טעג אין שפּיטאָל וואַכנדיק איבער זייער פּאַראַליזירטער מוטער. איינע ביי־טאָג, און די צווייטע ביינאַכט.

מיט וואָס פאַר אַ צערטלעכער ליבשאַפט זיי טוען דאָס!
יעדעס מאָל ביים אויפהייבן זי, ווען זיי גלייכן איר אויס דאָס געלע־גער, קושן זיי זי.

די מוטער איז אַ פרוי פון אַ 45 יאָר. זי ליגט שוין חדשים־לאַנג אין שפּיטאָל און איר קרענק איז אומהיילבאַר. זי איז פּאַראַליזירט און קאָן זיך נישט באַוועגן. די צוויי שוועסטערלעך האָבן שלאַנקע, יונג־בויגעוו־דיקע קערפּערס, און ווען זיי לויפן עפּעס פאַרזאָרגן פאַר זייער מוטער, טראָגן זיי זיך איבערן זאַל אַזוי לייכט ווי דער פרילינגדיקער ווינט.

„ווי שיין דער מענטש קאָן זיין!" — טראַכט בן־ציון — „ווי הערלעך אָט די צוויי קינדער פאַרקערפּערן דעם באַגריף מענטש הן מיט זייער אויסזען, הן מיט זייער געטריישאַפט צו זייער קראַנקער מאַמען."

דאָס בילד פון די צוויי שיינע יונגע קינדער, וואָס זיצן לעבן זייער מאַמעס בעט אין בין־השמשותדיקע שעהן האָט זיך איינגעקריצט אין זיין נשמה, און ווי מאָדנע ס'זאָל נישט אויסזען, פון אָט דעם בילד האָט ער געשעפּט מוט און ענערגיע כדי צו קענען זיצן ווייטער לעבן דעם בעט פון דער אַליין באַוווסטלאָזער פייגעלע.

די קראַנקנשוועסטער האָט אָנגעצונדן די ליכט אין זאַל און בן־ציון האָט איצטער געקאָנט גענוי באַטראַכטן זיין פרוי. אָט ליגט זי מיט צו־געמאַכטע אויגן, אינגאַנצן ענלעך צו יענער פרוי, וואָס מען האָט ערשט נישט לאַנג אַרויסגעטראָגן שוין אַ טויטע. ער רעדט צו איר, אָבער זי זעט אים נישט.

— איך וויל דיך נישט פאַרלירן — שעפּטשעט ער שטיל — איך דאַרף דיך נאָך האָבן. דו האָסט דאָך ערשט נישט לאַנג מיר געזאָגט אַז איצט וואָלסטו ערשט געוואָלט לעבן. דו האָסט זיך דאָך געקלאַמערט אינעם לעבן, געוואָלט זיין מיט מיר, מיט דיין איינציקן פריינט...

זי באַנעמט נישט זיינע רייד. זי שוועבט שוין אַרום ערגעץ אין אַנ־דערע וועלטן...

***

בן־ציון איז נישט אָפּגעטראָטן פון פייגעלעס בעט כמעט אַ גאַנצן טאָג. צען אין אָוונט האָט ער געמוזט פאַרלאָזן דעם זאַל, ווייל דער שפּי־טאָל־רעגלאַמין דערלאָזט נישט אַז מענער זאָלן איבער נאַכט דאָרט בלייבן, אָבער יעדן אינדערפרי אַזייגער זעקס איז ער שוין געווען צוריק

אויף זיין אָרט. אין די נאַכטיקע שעהן, ווען ער איז געווען אַפּוועזנד, האָט איבער פייגעלען געוואַכט אַ ספּעציעלע וועכטערן, וועמען ער האָט גוט באַצאָלט דערפאַר.

ער האָט געליטן שטאַרק פון גאַנצן אַרום, פון דער גאַנצער שפּיטאַל־אַטמאָספער. ער האָט שטאַרק איבערגעלעבט יעדע טראַגעדיע וואָס פלעגט זיך כמעט יעדן טאָג אָפּשפּילן אין זאַל. זיין האַרץ איז צעריסן געוואָרן אויף שטיקער פונעם בלויזן צוקוקן אויף פייגעלעס יסורים, און נישט קענען פון איר דערהערן עפּעס אַ וואָרט אַפילו. עס האָט אים אויך אויפגערעגט כסדר די האַלטונג און דאָס פירן זיך פונעם שפּיטאַל־פּערסאָנאַל.

די „באַרמהאַרציקע" שוועסטער! וויפל האָט זיך אים אָט די באַרמהאַרציקייט זייערע איינגעגעסן אין די ביינער!

צומיינסטן האָט ער געהאַט אויסצושטיין פון דער „קאַבאַ", אַ יידיש מיידל וואָס האָט געשפּילט אין זאַל די הויפּט־ראָל. זי, די „קאַבאַ", האָט געהאַט אַן אומבאַגרענעצטע מאַכט אין זאַל, און נישט נאָר איבער די קראַנקע, נאָר די דאָקטוירים זיינען ווייזט אויס, אויך געווען אונטערן איינפלוס פון אירע קאַפּריזן און רשעות. דווקא אַ קליין פּאַרדאַרט נפשל, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז מ'וואָלט זי געקאָנט אַריינלייגן אין אַ וועסטל־קעשענע, אַז מ'זאָל זי פון דאָרטן נישט אַרויסזען, און וויפל צרות זי האָט אים דאָס אָנגעטאָן. ער האָט זיך איר געפּרוווט אַנטקעגנשטעלן און ווערנדיק זיך נוקם זיין אָן אים, האָט זי באַשלאָסן צו באַווירקן די דאָקטוירים, מען זאָל פייגעלען אויסשרייבן פון שפּיטאָל.

ער איז גראָד געזעסן אין פּאָדערצימער, אַנטקעגן דער האַלב־אָפענער טיר פון דאָקטוירים־צימער, ווו ס'ווערן אָפּגעהאַלטן די באַראַטונגען זייערע. און געקאָנט אַזוי אַרום אויסהערן אומבאַמערקט דעם גאַנצן געשפּרעך. די „דאָרע" איז מיט אַ ווילע שפּעטער אַרויס פון דאָרטן און זיך דורכגעטראָגן פאַר אים ווי אַ וויכער, אַ שאַרך געטאָן מיט איר פאַרטוך און פאַרשוווּנדן. דערנאָך איז אַרויסגעקומען פון דאָרטן דער הויפּט־דאָקטאָר, באַמערקט בן־ציונען און אָפּגעשטעלט זיך פאַר אים מיט אַ מאָדנער מינע.

— איר פאַרשטייט, ליבער פריינט — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט צו בן־ציונען אין אַ כלומרשט גוטהאַרציקן, היפּאָקריטישן טאָן — פאַר אַזעלכע קראַנקע ווי אייער פרוי איז נישט דאָ דאָס אָרט. מיר וועלן זי מוזן אויסשרייבן.

— וווזשע דען איז דאָס אַרט פאַר אַזעלכענע קראַנקע, אויב נישט דאָ? — האָט בן־ציון געפרעגט.

דער דאָקטאָר האָט זיך אַ קווענקל געטאָן.

— דאָס הייסט, מיר וועלן נאָך זען — האָט ער געזאָגט נישט קע־נענדיק פאַרטראָגן בן־ציונס בליק. ער האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ. עס האָט אים הפּנים פאַרפּעלט ווערטער. ער האָט אויף דער הייסער מינוט נישט געקאָנט צוטראַכטן קיין וויכטיקן מאָטיוו אויף אויסצושרייבן אַזאַ קראַנקע.

„...ווּהין וועל איך זי נעמען, אויב ער שרייבט זי טאַקע אויס — האָט בן־ציון געטראַכט מיט שרעק — אין אַלץ איז שולדיק זי, אַט דאָס דאַרע שלעכטע באַשעפעניש... דאָס וויל ער, דער דאָקטאָר, בלויז איר צוליב טאָן...“

— דאָס אַלץ איז זייער מאָדנע — האָט ער געזאָגט צום דאָקטאָר — אַנטקעגן וואָס זאָגט איר מיר דאָס אַלץ?

— כ׳מיין... — האָט דער דאָקטאָר געשטאַמלט — אפשר קאָנט איר באַווירקן אייער פרוי, אַז זי זאָל נישט אַזוי שרייען. זי מאַכט סקאַנ־דאַלן, האָט מען מיר איבערגעגעבן.

— ווי דענקט איר, הער דאָקטאָר, אויף אַזאַ קראַנקער וואָס האָט פאַרלוירן דעם באַוווסטזיין, קאָן מען ווירקן?

— אייך דערקענט זי, און מיט אייך רעדט זי, האָט מען מיר דער־ציילט.

דער גאַנצער געשפּרעך האָט אויסגעזען בן־ציונען צו זיין נאַריש און צוועקלאָז. דער דאָקטאָר האָט גערעדט צו אים און קיין איין וואָרט זיינס איז נישט געווען באַגרינדעט.

— מיר וועלן נאָך זען! — האָט ער לסוף געזאָגט און אַוועקגע־גאַנגען.

בן־ציון האָט פון דעמאָלט אָן געפּרוווט נישט צו דערצערנען מיט דער מינדסטער קליניקייט די דאַרע „קאַבאַ“, כאָטש קיין לייכטע אויפ־גאַבע איז עס נישט געווען. ער האָט זיך געהיט איר נישט אַריינצופאַלן אין מויל אַריין. פאַר דער קלענסטער נאַרישקייט האָט זי געקאָנט אָפּ־זידלען אַ מענטשן. און ס׳איז איר קיין חילוק נישט געווען אפילו צי עמע־צער איז יונג צי אַלט. האָט ער טאַקע אַלץ געטאָן, אַז ער זאָל זיך מיט איר נישט פאַרטשעפּען, אָבער אין האַרצן האָט עס אים שטאַרק פאַר־דראָסן. „אַ יידיש מיידל — האָט ער געטראַכט — זאָל אַזוי זיך אויפפירן

מיט יידן". מילא, אויף די נישט-יידישע קראַנקנשוועסטער האָט ער זיך שוין נישט געוווּנדערט אַפילו, יענע זיינען גרייט צו געבן קלעפּ אויך. מיט אים אַליין איז געשען אַמאָל, אַז ווען ר'האָט פאַרגעסן צו פאַרמאַכן די טיר פון דער ווינדע, איז צו אים צו אַ טונקלהויטיקע קריאָזשאַ און מיט אים געטרייסלט ווי מיט אַ לולב. אָבער ווי געזאָגט, האָט בן-ציון צו זיי קיין טענות נישט געהאַט, אַפילו ביי זיך אין האַרצן. אָבער די האַלטונג פון יידישע שוועסטער, פון יידישע משרתים, אַפילו פון די יידישע מיידלעך וואָס פירן די ווינדעס, האָט אים יעדעס מאָל אויפגעבראַכט. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן טיילמאָל, אַז אַט דער יידישער פערסאָנאַל באַהאַנדלט די יידישע קראַנקע און זייערע נאָענטע, פּונקט ווי אַנטיסעמיטן וואָלטן דאָס געטאָן. אפשר האָט ער געהאַט אַזאַ איינדרוק, ווייל ער איז געווען צעוויייטיקט, אפשר דערפאַר ווייל אַ ייד פאַדערט מער פון אַ יידן, ווי פון אַ נישט-יידן, אפשר האָט ער פּשוט איבערגעטריבן. אָבער ער האָט עס אַזוי געזען און עס האָט אים אויפגעבראַכט ביז גאָר. ער האָט אָט די אויפגעבראַכטקייט און צאָרן געשטיקט אין זיך מערסטנטייל, אָבער טיילמאָל האָט ער נישט אויסגעהאַלטן און אויסגעבראָכן אין אַ צאָרנדיקן געשריי. עס האָט געטראָפן אַמאָל, אַז מען האָט פייגעלען נישט געביטן דאָס פאַרשמוציקטע בעטגעצייג.

„מן הסתם טוען זיי אַזוי, ווייל זיי טראַכטן אַז אָט שטאַרבט זי שוין סיי-ווי-סיי" — איז אים איינגעפאַלן און ער האָט זיך צעשריגן אויף די קראַנקנשוועסטער אויפן הויכן קול.

דאָסמאָל איז אים אָבער צוהילף געקומען די „קאַבאַ". די „דאָרע מרשעת" האָט דערזען בן-ציונס אויפרעגונג, זיין גאַנצער קערפּער האָט געפיבערט פאַר כעס. זי האָט פאַרשטאַנען אַז די זאַכן זיינען שוין אַוועק צו ווייט, האָט זי צוגערופן איינע פון דער דינערשאַפט און באַפוילן איר צו טאָן וואָס מען דאַרף.

***

ענדלעך איז געקומען דער סוף און באַפרייט פאַנין פון אירע יסורים און בן-ציונען פון מוזן ווייטער צוקוקן ווי אָט דאָס לעבן צאַנקט און צאַנקט אין פיין און אין ווייטיק.

געוווען איז עס ווידער פאַרנאַכט. שאָטנס האָבן אָנגעהויבן אַרומקריכן אויף די ווענט פון שפּיטאָל-זאַל. דערנאָך האָט מען אָנגעצונדן די

ליכט. דאָס „שפּיטאַל־לעבן״ גייט זיך ווייטער זיין גאַנג — מען טיילט אוים טיי פאַר די קראַנקע.

בן־ציון האָט געפּרוווט געבן צו טרינקען אויך פאַניו, אָבער דאָס־מאָל זיינען זיינע באַמיאונגען געווען אומזיסט. זי האָט שוין קיין טיי נישט באַדאַרפט. די פאַרפרעסטע ליפן האָבן שוין קיין טיי נישט דורכ־געלאָזט. זי האָט זיך שוין געראַנגלט צווישן טויט און לעבן.

בן־ציון האָט דערפילט זיין גאַנצע אומבאַהאָלפנקייט. קיינער קאָן אים שוין נישט און וויל אים שוין נישט העלפן. און דערווייל — די צייט שטייט נישט. דער זייגער וויזט אַכט מיט דרייסיק. ס׳איז די צייט פון שלאָפן גיין פאַר די קראַנקע. די וועכטערן מאַכט פינצטער. דאָס שווערע און שוידערלעכע אָטעמען פון דער גוססדיקער פאַני וואַרפט אָן אויף אים אַ גרויל. ער זעט אַז דער קערפּער אירער איז שוין טויט, נאָר דאָס מויל בלויז באַוועגט זיך נאָך. אָט דאָס מויל, וואָס האָט שוין קיין שייכות נישט מיטן קערפּער, אָטעמט נאָך אַלץ ריטמיש. דאָס ערשטע מאָל איז ער ביי יציאת־נשמה, דאָס ערשטע מאָל זעט ער ווי אַ מענטש שטאַרבט, און עס איז נישט סתם אַ מענטש — ס׳איז זי, פאַני.

ער האָט באַשלאָסן צו זיין לעבן איר ביזן סאַמע סוף, אויסטרינקען די ביטערניש און דעם ווייטיק ביזן לעצטן טראָפּן. ער הערט ווי איר אָטעמען ווערט אַלץ שוואַכער און שוואַכער, ער נעמט נישט אַראָפּ קיין אויג פון איר...

די וועכטערן איז פּלוצלינג אויסגעוואַקסן לעבן אים ווי אַ נאַכטי־קער שאָטן.

— סעניאָר — זאָגט זי — איר טאָרט דאָ נישט בלייבן לענגער זיצן. דאָס איז אַ פרויען־זאַל, און נאָך דער שעה איז שטרענג פאַרבאָטן פאַר מענער דאָ צו בלייבן...

ער האָט שפּעטער נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ער האָט זי גע־פאָלגט און איז אַרוים אין פּאָדערצימער, אָבער אַזוי האָט ער געטאָן.

„פאַרוואָס בין איך אַרויסגעגאַנגען? — האָט ער אַ צעטומלטער געשעפּטשעט צו זיך אַליין — איך האָב דאָך אַ ספּעציעלע דערלויבעניש צו בלייבן, און דאָך בין איך אַרויסגעגאַנגען...״

אָבער לאַנג האָט ער אין פּאָדערצימער נישט געקאָנט בלייבן. ער איז צוריק אַריין אין זאַל.

ס׳איז שוין געווען נאָך עלף אַזייגער, און דאָס שטאַרקע האַרץ האָט נאָך אַלץ געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף מיטן טויט. דאָס אָטעמען איז

שוין געווען פיל שוואַכער, אָבער זי האָט דאָך געאָטעמט נאָך. ער האָט בײַ זיך באַשלאָסן מער קיינעם נישט צו פּאָלגן. פון אָט דעם בעט גייט ער איצטער נישט אוועק.

„פאַרוואָס בין איך פּלוצלינג געוואָרן אַזוי גלייכגילטיק? — האָט אים אַ געדאַנק דורכגעקרייצט דעם קאָפּ — וואָס־זשע? האָבן איך שוין שלום געמאַכט מיטן געדאַנק וועגן איר טויט? איז אָט די גסיסה אירע, וואָס איך קוק אויף איר מיט מײַנע אייגענע אויגן, שוין אַזוי נאַטירלעך, אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך? וואַרט איך שוין טאַקע אויפן סוף?"

דער גרויזאַמער טויט האָט סוף־כל־סוף באַזיגט דאָס אָפּגעשוואַכטע האַרץ. פייגעלע האָט שוין מער נישט געאָטעמט. אַ דאָקטאָר איז אַריינגעקומען, עטלעכע מינוט זיך געפּאָרעט לעבן איר, באַנוצט עפּעס אַ מאָדנעם אַפּאַראַט און פעסטגעשטעלט דעם טויט. בן־ציון האָט געקוקט אויפן דאָקטאָר, און געטראַכט אַז אייגנטלעך איז ער, דער דאָקטאָר, איצט קאָמיש צוזאַמען מיט זײַן אַפּאַראַט. סאַראַ ווערט האָבן זיי, אָט די דאָקטוירים מיט אַלע זייערע מכשירים, אַז זייער גאַנצער וויסן האָט נישט געקאָנט אָפּראַטעווען פייגעלען?

דערנאָך האָט זיך דער געדאַנק זײַנער איבערגעריסן. ער איז נישט פעאיק געווען מער צו טראַכטן. מען האָט אַראָפּגעטראָגן די טויטע אין מתים־שטיבל און ער איז נאָכגעגאַנגען מיט מעכאַנישע, שוואַכע טריט. די דינער זײַנען אוועק און ער איז דאָרט פאַרבליבן איינער אַליין מיט איר טויטן קערפּער און אַ שטיל, קלאַנגלאָז געוויין האָט אָנגעהויבן צו טרייסלען זײַן קערפּער.

ער האָט געקוקט אויף דעם אומבאַוועגלעכן קערפּער, וואָס איז ביז נישט לאַנג צוריק געווען פייגעלע, זײַן פייגעלע. טרערן, שטילע טרערן, זײַנען געפלאָסן איבער זײַנע באַקן און די ליפּן זײַנע האָבן געשעפּטשעט:

„...די ערד וועט דיך פאַרדעקן, טײַערע... אַ סך מיינען, אַז וואָס די ערד פאַרדעקט דאַרף מען פאַרגעסן, און אַנדערע וועלן מן־הסתם פאַרגעסן מיט דער צײַט... אָבער נישט איך... איך קאָן דיך נישט פאַרגעסן און וועל דיך נישט פאַרגעסן... צי קאָן איך דען דיך פאַרגעסן אַז קיין נאָענטערן פרײַנט האָב איך קיינמאָל נישט געהאַט?... פאַר דיר איז שוין אַלץ געענדיקט... דער טויט איז אפשר געווען דײַן דערלייזונג... אָבער איך וואָס איך בין געווען מיט דיר ביז דער לעצטער מינוט דײַנער, האָב צוגעזען דײַן פּיין, דײַנע יסורים, אין מיר לעבסטו נאָך... אין מיר וועסטו לעבן אַזוי לאַנג ווי איך אַליין וועל לעבן... ערשט איצט פאַר־

שטיי איך פאַרוואָס דו האָסט מיר געזאָגט אַז ס'וועט מיר באַנג טאָן נאָך דיר... יאָ, ביסט געדעכט געווען, עס טוט מיר באַנג נאָך דיר... איך האָב ערשט איצט באַנומען אויף וויפל דו וועסט מיר פעלן... ערשט איצט פיל איך ווי שרעקלעך ס'איז דער פאַרלוסט... עס פעלן מיר דיינע טריט... סע פעלט מיר דיין האַרציקער קרעכץ, דיין שמייכל... סע פעלט מיר אַפילו דיין בייזערן זיך אויף מיר... האָסט מיטגענומען מיט זיך מיין היים, מיין חשק און מוט צו עפּעס אָן אַרבעט... האָסט מיטגענומען מיט זיך מיין עקשנותדיקן ווילן צום לעבן..."

# נאָכוואָרט

פאַרן נפטר איז שוין נישט קיין חילוק מיט וואָס פאַר אַ פאַרנעם די לוויה ווערט איינגעאָרדנט, אָבער פאַר די נאָענטסטע, פאַר די, וועמען דער פאַרלוסט טרעפט צום שטאַרקסטן, איז עס אַ גרויסע טרייסט און דערלייכטערונג ווען זיי דערזעען לעבן זיך אין אַזאַ טרויעריקער שעה האַרציקע גוטע פריינט און חברים, וועלכע פּרווון אַזוי אַרום לינדערן דעם ווייטיק און עלנט פון די פאַריתומטע אבלים.

דעריבער וויל איך טאַקע צום סוף פון אָט דעם בוך מיינעם, וואָס איז געווידמעט דעם טייערן אָנדענק פון מיין פרוי פאַני רייבער, אויסדריקן אַ דאַנק דעם אַקטיאָרן־פאַריין פאַר זיין האַרציקער און חברלעכער באַציאונג, וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן אין אָט דער שעה פון גרויסן אומגליק מיינעם.

ווען איך בין געזעסן איינער אַליין לעבן דעם קערפּער פון מיין אומפאַרגעסלעכער פרוי, וואָס האָט אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם האַלב צוועלף ביינאַכט, דעם 26טן מאַי 1951, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז דאָך בין איך נישט איינזאַם, אַז כ׳געהער צו דער אַקטיאָרן־משפחה, און איך האָב דורכן טעלעפאָן זיי מודיע געווען וועגן מיין שרעקלעכן פאַרלוסט און אין אַ האַלבע שעה אַרום בין איך שוין געשטאַנען אַרומגערינגלט פון אַ דעלעגאַציע פונעם אַקטיאָרן־פאַריין וואָס איז באַשטאַנען פון די חברים: יוסף מאַורער, שמואל זילבערבערג און דעם פאַרוואַלטער פון פאַריין, נחמיה צוקער. זיי זיינען געקומען אין נאָמען פונעם פאַריין, בכדי צו טיילן מיט מיר מיין טרויער און מיין צער, בכדי צו טרייסטן מיך און בכדי צו זאָרגן דערפאַר אַז מיין פרוי זאָל אָפּגעגעבן ווערן דער לעצטער כבוד, אַזוי ווי זי האָט עס זיך פאַרדינט מיט איר גאַנץ לעבן, וועלכעס זי האָט געווידמעט דער יידישער בינע.

דער לאָקאַל פון אַקטיאָרן־פאַריין איז אויך צו מאַרגנס געווען פול מיט קרענץ און בלומען. אינמיטן זאַל, איז געלעגן צווישן די בלומען פאַני רייבער ע״ה, אַן אַלטע חברטע פון פאַריין, אַ יידישע אַקטריסע, אַ קינסטלערן און אַ טייערער מענטש און חבר. די לוויה איז פאַרגעקומען פונעם לאָקאַל פון פאַריין, מיט דער באַטייליקונג פון אַ גרויסן עולם

פריינט, חברים און פאַרערער. אויך די קהילה פון בוענאָס-איירעס האָט געטאָן אַלץ כדי אַרויסצוווייזן איר באַציאונג צו אַ מיטגליד פון דער יידישער קינסטלער-משפחה. אפשר מיינט דאָס אַלץ גאַרנישט פאַרן נפטר, פאַר די לעבעדיקע מיינט עס דאָך עפּעס.

פאַני רייבער ע"ה איז אַוועק פון אונדז נאָך אַ לאַנג, מיזאַם לעבן אין דינסט פון יידישן קינסטלערישן וואָרט. כבוד איר אָנדענק!

Este libro se terminó de imprimir el día 10 de noviembre de 1951, en los Talleres Gráficos de Julio Kaufman, Avda. Corrientes 1976, Buenos Aires, República Argentina.